STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04641

PROBLEMEN FUN LITERATUR UN KRITIK

Michal Mirski

•

Permanent preservation of this book was made possible
by the children & grandchildren
in memory of
Dinah & Maurice Aisenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל מירסקי

פראָבלעמען פון ליטעראַטור און קריטיק

מיכאל מירסקי

פראבלעמען פון ליטעראטור און קריטיק

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1953

MICHAŁ MIRSKI

PROBLEMY LITERATURY I KRYTYKI

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa 1953 r.

Nr zam. 779. Nakład 5.600 egz. Druk ukończono w październiku 1953 r. Ark. druk. 14.
Ark. wyd. 12. Papier druk sat. VII kl. 61x86 70 g
Druk RSW „Prasa“, W-wa, ul. Tarczyńska 8. 4-B-51629.

149602

וועגן איניקע פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם

אַלגעמיינע באַמערקונגען

סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז הײנט דער פירנדיקער און איינציק-שעפערישער מעטאָד אין אַלע געביטן פון קונסט.

ער איז דער שעפערישער, וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטער מעטאָד פון דער סאָוויעטישער קונסט. ער פאַראַנקערט און פאַרפעסטיקט זיך אַלס הערשנדיקער מעטאָד אינעם קינסטלערישן שאַפן פון די פאָלקס-דעמאָקראַטישע לענדער. ער איז דער שעפערישער מעטאָד אין אַ גאַנצער ריי ווערק פון דער רעוואָלוציאָנער-פּראָלעטאַרישער שטרעמונג אין דער קונסט פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער; ער שפּרייט אויס זיין ווירקונג אויף די דעמאָקראַטיש-געשטימטע קרייזן פון דער קינסטלעריש-שעפערישער אינטעליגענץ פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אַלס קינסטלערישער שעפערישער מעטאָד שטעלט מיט זיך פאָר נישט קיין אויסגעטראַכטער מעטאָד אין מוחות פון קונסט-טעאָרעטיקער. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר די נייע עפּאָכע אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט — די עפּאָכע פון סאָציאַליזם. דערמיט אַליין ווערט שוין פעסטגעשטעלט דער אמת, אַז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל ווי אַ גרייטע פאַרטיקע זאַך, נאָר איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ביז-איצטיקער קונסט-אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט אויפן יסוד פון פאַרשאַרפטן קלאַסן-קאַמף פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-קלאַס פאַר מאַכט. ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל, נאָר אַ געזעצלעכע דערשיינונג דער פאַקט, וואָס דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז אַלס קינסטלעריש-שעפערישער מעטאָד אויפגעקומען אין רוסלאַנד, אין דעם לאַנד, וואָס איז געווען דער קנופּ-פונקט פון אַלע סתירות פון אימפּעריאַליזם און וואָס איז געווען שוואַנגער מיט רעוואָלוציע מער ווי וואָסער נישט איז אַנדער לאַנד (סטאַלין).

דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעווענדט דעם דאָזיקן מעטאָד, איז געווען מאַקסים גאָרקי אין זיין מאָנומענטאַל ווערק „די מוטער“ (1905). אַזוי אַרום איז רוסלאַנד צווישן אַנדערן געווען אויך דאָס וויגעלע פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

מאַקסים גאָרקי איז געווען דער שעפֿער פֿון נייעם מעטאָד. ער האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם רעוואָלוציאָנערן אָטעם פֿון דיסלענדישן אַרבעטער־קלאַס. ער האָט דער ערשטער אַריינגעפֿירט אין דער ליטעראַטור דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס אַלס אָנגרייפֿנדיקן פּאָזיטיוון העלד. ער האָט דער ערשטער נישט באַגנוגנט זיך בלויז מיט קריטיק פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, נאָר אַנטפּלעקט קינסטלעריש די באַדינגונגען און נייטיקייט פֿון איר אונטערגאַנג, פּלאַסטיש פֿאָרגעשטעלט דעם כוח, וואָס וועט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אומברענגען. ער איז געווען דער קינסטלערישער שטורעם־אָנזאָגער פֿון דער נייער אָנקומענדיקער עפּאָכע, דער עפּאָכע פֿון סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם האָט נישט פֿאָרגעשטעלט און שטעלט נישט פֿאָר מיט זיך נאָך איין קונסט־שטרעמונג צווישן די פֿאַרשידענע קונסט־שטרעמונגען, וועלכע זענען דעמלט געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און וועלכע זענען אויך איצט פֿאַראַן, נישט פֿאָרגעשטעלט און שטעלט נישט פֿאָר מיט זיך נאָך איין קינסטלערישע ריכטונג צווישן די פֿילצאָליקע קינסטלערישע ריכטונגען, וועלכע זענען דעמלט אויפֿגעקומען און זענען אויך איצט פֿאַראַן.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, אָנגעווענדט צום ערשטן מאָל דורך מאַקסים גאָרקי, איז געווען און פֿאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג יענער שעפֿערישער מעטאָד אין דער קונסט, וואָס האָט געצייכנט די נייע קינסטלערישע אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט, וואָס האָט אָנגעזאָגט די נייע עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קונסט, וואָס האָט אַוועקגערוקט און רוקט אָפּ אין שאָטן די פֿאַרשידענע קינסטלערישע שטרעמונגען און ריכטונגען פֿון דער אַלטער אונטערגייענדיקער בורזשואַזער וועלט. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז דעריבער נישט אַ מעטאָד, נאָר דער מעטאָד, אָן וועלכן עס איז נישט דענקבאַר און נישט מעגלעך די אַנטוויקלונג פֿון דער קונסט ביי פֿאַרשידענע פֿעלקער, נישט דענקבאַר און נישט מעגלעך די אַנטוויקלונג פֿון דער קונסט אין וועלט־מאַסשטאַב.

אַ דעצידירנדיק היסטאָרישן באַדייט פֿאַר דער ראַשער אַנטוויקלונג פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם האָט געהאַט דער זיג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די איינשטעלונג פֿון דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט האָט געצייכנט דעם אָנהייב פֿון דער גראַנדיעזער סאָציאַליסטישער קולטור־רעוואָלוציע, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט די ליטעראַטור און קונסט אין ראַט־פֿאַרבאַנד פֿאַר אומבאַגרענעצטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן און געמאַכט דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם פֿאַר איר שעפֿערישן מעטאָד.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אַלס די קונסט־שטרעמונג און דער קונסט־מעטאָד פון דער נייער עפּאָכע פון סאָציאַליזם איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, נישט אָפּגעריסן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז פאַרבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן סיי אַלס פאַרלייקענונג, סיי אַלס המשך. אַלס פאַרלייקענונג איז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם דער יעניקער היסטאָרישער פאַקטאָר אין דער קונסט, וועלכער איז אנטשטאַנען, זיך אנטוויקלט און פאַרפעסטיקט אין קאַמף קעגן די דעקאַדענטישע, פאָרמאַליסטישע און נאַטוראַליסטישע בורזשואַז־עסטעטישע שטרעמונגען, אין קאַמף קעגן די פּרווון פון די בורזשואַזע „עסטעטישע" שולן צו האַמעווען די אנטוויקלונג פון דער קונסט.

פון דער צווייטער זייט איז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אויפגעקומען ווי דער המשך פון קלאַסישן רעאַליזם, פון קריטישן רעאַליזם בכלל און פון דער עסטעטיק פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור בפרט, וואָס אירע רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע (ביעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו) איינשטעלונגען זענען צום נאָענטסטן צוגעגאַנגען צום דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם שטעלט פאָר מיט זיך דעם המשך פון קלאַסישן רעאַליזם. ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז ער שטעלט פאָר מיט זיך אַ געוויינלעכן, מעכאַנישן המשך, אַ געוויינלעכע מעכאַנישע פאָרזעצונג פון קלאַסישן רעאַליזם. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם שטעלט פאָר מיט זיך, אמת, אַ המשך, אָבער אויף אַ העכערער *היסטאָרישער* מדרגה. ער שטעלט פאָר מיט זיך אַ *נייע קוואַליטעט*. ירשנדיק די עיקר־אייגנשאַפטן פון רעאַליזם (גענויער וועגן זיי וועט אונדז אויסקומען צו רעדן שפּעטער) *אונטערשיידט* זיך גלייכצייטיק דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פון קלאַסישן רעאַליזם מיט נייע *קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפטן*, וועלכע דער קלאַסישער רעאַליזם האָט נישט פאַרמאָגט און נישט געקאָנט פאַרמאָגן. אויך דער רוסישער קלאַסישער רעאַליזם האָט געהאַלטן צום ביישפּיל, אַז די קונסט דאַרף *דינען* דעם פאָלק אין זיין קאַמף פאַר באַפרייונג. דאָס איז געווען די איינשטעלונג פון ביעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון, ניעקראַסאָוון, פּיסאַרעוון. איבערנעמענדיק דעם דאָזיקן פּאָסטולאַט, האָט אים דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם קוואַליטאַטיוו געענדערט. נישט בלויז דינען דעם פאָלק אין זיין קאַמף פאַר באַפרייונג איז דער פּאָסטולאַט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם שטעלט זיך די נייע, *קוואַליטאַטיוו־העכערע* און דערהויבענע אויפגאַבע, *נישט בלויז אָפּשפּיגלען* אין דער ליטעראַטור דעם קאַמף פאַר באַפרייונג, און דערמיט דינען דעם פאָלק אין זיין

באַפרייונגס־קאַמף. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם גייט ווייטער. ער שטעלט זיך די אויפגאַבע צוצוהעלפן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און זיין מאַרקסיסטיש־לענינסטישער פּאַרטיי צו ענדערן די וועלט, זי איבערצוגעשטאַלטיקן, צו געשטאַלטיקן דעם נייעם מענטש פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַקטיוו אַריינצומישן זיך אינעם איבערדערציונגס־פּראָצעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט, אַקטיוו און באַוווסטזיניק מיטהעלפן אינעם געבוירן די נייע וועלט אין קאַמף קעגן די רעשטן פון דער אַלטער וועלט, בקיצור, רעאַליזירן דעם סטאַלינישן רוף, די שרייבער זאָלן זיין די אינזשיניערן פון דער מענטשלעכער נשמה.

„דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם — זאָגט גאָרקי — באַשטימט דעם זיין אַלס טאַט, אַלס שאַפן, וואָס זיין ציל איז — די אומאויפהערלעכע אַנטוויקלונג פון די ווערטפולסטע אינדיווידועלע פעיקייטן פון מענטש לטובת זיין נצחון איבער די נאַטור־כוחות, לטובת זיין געזונט און לאַנג לעבן, לטובת דעם גרויסן גליק צו לעבן אויף דער ערד, וועלכע ער שטרעבט אין הסכם מיטן אומאויפהערלעכן וווּקס פון זיינע באַדערפענישן צו באַאַרבעטן, ווי אַ פּרעכטיק וווינאָרט פון דער מענטשהייט, אַ פאַראייניקטע אין איין משפחה“.

אַזאַ פּאָסטולאַט האָט דער קלאַסישער רעאַליזם נישט געקאָנט אַרויסשטעלן, ווייל דערצו זענען נישט געווען רייף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־מאָראַלישע באַדינגונגען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

מיר האָבן געבראַכט אַלס ביישפּיל דעם פּאָסטולאַט פון רעאַליזם צו דינען דעם פאָלק. דאָס זעלביקע געשעט מיט אַלע עיקר־עלעמענטן פון רעאַליזם, וועלכע דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם האָט געירשנט, אָבער קריטיש געירשנט, דאָס הייסט איבערגענומען און גלייכצייטיק איבערגעשטאַלטיקט, איבערגענומען און גלייכצייטיק אויפגעהויבן אויף אַ נייער, העכערער מדרגה.

די הויפּט־פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם זענען באַשטימט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די קאָנקרעטע פּאָסטולאַטן פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור און קונסט זענען אומעטום איינע און די זעלביקע. זיי דרינגען אַרויס פון די קאָנקרעטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפגאַבן, וועלכע זענען פאַרשידן אין באַזונדערע לענדער. אַנדערע זענען די אויפגאַבן פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ עס זענען נישט שוין פאַראַן קיין אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן און וווּ עס שטייט די אויפגאַבע פון בויען דעם קאָמוניזם. אַנדערע זענען אירע אויפגאַבן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, וווּ עס זענען נאָך פאַראַן קאַפּיטאַליסטישע רעשטן און עס שטייט די אויפגאַבע פון בויען דעם סאָציאַליזם, און גאָר אַנדערע זענען אירע אויפגאַבן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענ־

דער, ווו ביי דער מאַכט איז די בורזשואַזיע, און די אַרבעטנדיקע מאַסן בראש מיטן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס קעמפן ע ר ש ט פאַר דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט.

I. די אָפּשפּיגלונג פון לעבנס־אמת

וועלכע זענען די הויפּט־פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם?

אין דער דאָזיקער אַרבעט נעמען מיר זיך נישט אונטער צו געבן אַן אויסשעפּלעכן ענטפער אויף דער געשטעלטער פראַגע; מיר וועלן דעריבער נישט באַהאַנדלען אַלע פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. מיר וועלן זיך באַמיען אָנצווייזן בלויז אויף א יי נ י ק ע פון זיי.

אין סטאַטוט פון פאַריין פון סאָוויעטישע שרייבער לייענען מיר:

„דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז דער גרונט־מעטאָד פון דער סאָוויעטישער קינסטלערישער ליטעראַטור און ליטעראַרישער קריטיק, ער פאָדערט פון קינסטלער אַן אמתדיקע, היסטאָריש־קאָנקרעטע שילדערונג פון דער ווירקלעכקייט אין איר רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. דערביי דאַרף די אמתדיקייט און די היסטאָרישע קאָנקרעטקייט פון דער קינסטלערישער שילדערונג זיך בינדן מיט דער אויפגאַבע אידעיש איבערצומאַכן און דערציען די אַרבעטנדיקע אין גייסט פון סאָציאַליזם“.

אין דער דאָזיקער קורצער, געפּרעסטער דעפיניציע זענען באמת געגעבן געוואָרן די גרונט־שטריכן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. מיר וועלן זיך באַמיען צו אַנאַליזירן זיי.

דער ערשטער פּאָסטולאַט, וועלכן ס׳רוקט אַרויס לגבי דעם קינסטלער דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, איז דער פּאָסטולאַט צו שילדערן דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט אין איר רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. איינער פון די הויפּט־באַדינגונגען פון הויכער קינסטלערישקייט איז דער אמת. דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט צו שילדערן איז אָבער גאָרנישט אַזוי לייכט. דער אמת פון לעבן ליגט נישט אויבנאויף. אים דאַרף מען קאָנען דערקענען, ווייל ער שטעלט פאָר מיט זיך דעם תוך פון זאַכן, דאָס וועזן פון געשעענישן, פון דערשיינונגען און זייער פאַרבינדונג. דערמיט אונטערשיידט זיך גרינטלעך דער רעאַליזם פון נאַטוראַליזם. דער נאַטוראַליזם איז דאָס אויבנאויפיקע פון דערשיינונגען, רעאַליזם איז דער תוך פון די דערשיינונגען, דאָס וועזנטלעכע. לענין האָט אַמאָל געשריבן צו מאַקסים גאָרקי: „נישט באַגרייפנדיק די ענינים, קאָן מען נישט באַנעמען די מענטשן אַנדערש ווי בלויז אויסערלעך“. באַנעמען אויסערלעך מענטשן, זאַכן, דערשיינונ=

גען הייסט: נישט פֿאַרשטיין דעם תוך פֿון מענטשלעכע באַציונגען, הייסט — נישט פֿאַרשטיין דאָס עיקרדיקע, וואָס פֿאַרבינדט אָדער צעשיידט מענטשן, הייסט — נישט פֿאַרשטיין די מענטשן, נישט פֿאַרשטיין די זאַכן, נישט פֿאַרשטיין די דערשיינונגען. בקיצור, ווי פֿיל דער שרייבער זאָל זיך נישט באַמיען צו שילדערן די מענטשן, די דערשיינונגען, וועט ער מיט זיין שילדערונג נישט אַרויסברענגען דעם אמת. העכסטנס וועט ביי אים אַרויס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, אַ מער אָדער ווייניקער געלונגענע. דער אמת וועט אָבער נישט אַרויסגעבראַכט ווערן. העכסטנס קאָן אַרויס אַ ברוכשטיק פֿון אמת, אויף וויפֿל דער אמת שפּיגלט זיך אויך אָפּ טיילווייז אין די אויסערלעכקייטן פֿון די דערשיינונגען.

דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט און ליטעראַטור־קריטיקער דאָבראָליובאָוו האָט שוין אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז

„דער הויפּט־וואַלאָר פֿון שרייבער־קינסטלער באַשטייט אינעם אמת פֿון זיין שילדערונג (אַן אַבסאָלוטן נישט־אמת טראַכטן די שרייבער קיינמאָל נישט אויס), נאָר דער נישט־אמת פֿון אַזעלכע ראָמאַנען און מעלאָדראַמעס באַשטייט טאַקע דערין, וואָס אין זיי ווערן גענומען צופֿעליקע שטריכן פֿון דער ווירקלעכקייט, וואָס שטעלן נישט פֿאָר איר תוך, אירע כאַראַקטערים־טישע אייגנשאַפֿטן“.

די פֿאָדערונג פֿון אמתער לעבנס־פֿאַרשטעלונג ליגט אין יסוד פֿון יעטוועדער רעאַליסטישער קונסט. דאָס פֿאַרשטיין אָבער דעם לעבנס־אמת דורך די קינסטלער איז פֿאַרשידן, ווייל ס'איז אָפּהענגיק פֿון דער קלאַסן־פּאָזיציע פֿון געגעבענעם שרייבער.

דער פּאָסטולאַט פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז שילדערן דעם אמת פֿון דער ווירקלעכקייט. אַלזאָ, נישט שילדערן די ווירקלעכקייט בכלל איז די פֿאָדערונג פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, נאָר שילדערן דעם אמת פֿ ו ן דער ווירקלעכקייט, ווייל נישט יעטוועדע שילדערונג פֿון דער ווירקלעכקייט קאָן אַרויסברענגען דעם אמת פֿון דער ווירקלעכקייט, קאָן אונדז פֿאַרשטעלן דאָס עיקרדיקע, דאָס וועזנטלעכע פֿון דער ווירקלעכקייט. עס קאָן זיין אויך אַזאַ שילדערונג, וואָס ברענגט אַרויס בלויז דאָס אויבנאויפֿיקע, דאָס צופֿעליקע, דאָס מינדערווערטיקע.

אַלזאָ, שילדערן דעם אמת פֿון דער ווירקלעכקייט, פֿון לעבן איז גאָר נישט אַזאַ לייכטע אויפֿגאַבע. מען דאַרף קאָנען דערזען אין דער ווירקלעכקייט דאָס עיקרדיקע, דאָס געזעצמעסיקע און עס אַרויסברענגען אין קינסטלערישע בילדער.

אַן עיקר־מאָמענט ביים אַרויסברענגען דעם לעבנס־אמת איז די שילדערונג פֿון מענטש. דאָס איז צווישן אַנדערן אויך די ספּעציפֿיק פֿון דער קונסט. זי קאָן נישט שילדערן קיין שום דערשיינונגען אָפּגעריסן פֿון מענטש. זי קאָן נישט שילדערן, למשל, די בוונגען אין פּוילן, נישט שטעלנדיק אין צענטער דעם מענטש. די בוונגען מוזן געשילדערט ווערן פֿאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער טעטיקייט,

ווי אַ באַשטאַנדטייל פון לעבנס־פאַרלויף פון מענטש אין פוילן. אָן דער שילדערונג פון סאָציאַליסטישן בויער קאָן נישט אַרויסגעבראַכט ווערן דער לעבנס־אמת פון היינטיקן פוילן. די שילדערונג פון אמת ליגט אין דער פעיקייט אויפצונעמען די גאַנצקייט פון די דערשיינונגען: די גיגאַנטישע בויונגען אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן מענטש, מיט דעם סאָציאַליסטישן בויער.

מען קאָן נישט אַרויסבאַקומען דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט, נישט אַרויסברענגענדיק די דערשיינונג אין איר אַלזייטיקייט, אין איר צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע דערשיינונגען, אין איר אַנטוויקלונג, אין איר דינאַמיק. דערזען אַ דערשיינונג אין איר אויסערלעכקייט, הייסט דערזען די אויסערלעכע שאָל פון אמת, וואָס אַנטהאַלט בלויז געוויסע עלעמענטן פון אמת, איז אָבער נישט דער אמת אין זיין פילגעשטאַלטיקייט, דער אמת פון דער ווירקלעכקייט, איז נישט די אמתע אָפּשפּיגלונג, די אמתע שילדערונג פון דעם לעבן פון אַרבעטס־מענטש. אוודאי קאָן אַ שרייבער אויך אויף אַזאַ אופן עפּעס אַרויסברענגען פון דער ווירקלעכקייט, ס'וועט אָבער נישט זיין קיין רעאַליסטישע שאַפונג, דאָס הייסט אַזאַ שאַפונג, וועלכע שפּיגלט אונדז אָפּ א ב י ע ק ט י וו די ווירקלעכקייט, שפּיגלט אונדז אָפּ די ווירקלעכקייט אַזוי, אַז זי זאָל אונדז העלפן דערקענען דאָס לעבן, העלפן דערזען דעם אמת פון לעבן. די ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע באַדייטונג פון אַזאַ שאַפונג וועט זיין אַ צווייפלהאַפטע, ווייל קונסט אָן דעם גאַנצן אמת הערט אויף צו זיין קונסט. העכסטנס קאָן זי האָבן אַ באַדייטונג פון אַ פאָטאָגראַפיע, אויף וויפל פאָטאָגראַפיע קאָן אויך האָבן אַ זין און אַ פּראַקטישע פאַרווענדונג. קיין דויערהאַפטע באַדייטונג, ווי קונסט האָט בכלל, קאָן אַזאַ שילדערונג נישט פאַרמאָגן.

אַלזאָ, דער אמת ליגט נישט אויבנאויף פון די דערשיינונגען, נאָר א י ן די דערשיינונגען, ער איז דער ת ו ך פון די דערשיינונגען. אים דאַרף מען קאָנען אויפכאַפּן אין זיין געזעצמעסיקער אַנטוויקלונג, מען דאַרף דערקענען די דערשיינונג אין איר גאַנג, פונוואַנעט זי קומט און וווהין גייט זי, מען דאַרף זי קאָנען דערזען אין איר פאַרבינדונג מיט אַנדערע דערשיינונגען און אויפכאַפּן ד אָ ס, וואָס פאַרבינדט זיי אין איין גאַנצקייט. בלויז אַזאַ מעטאָד פון דערקענען די ווירקלעכקייט, גיט די גאַראַנטיע, אַז דער שרייבער קאָן דערגיין צום אמת פון דער ווירקלעכקייט, און אונדז פאָרשטעלן דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט. דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך, דאָס איז שווערע מי. דער אמת גיט זיך נישט אַליין אין די הענט אַריין, אים מוז מען דעראָבערן.

דער מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם גיט דאָס געהעריקע כלי־זיין אין די הענט פון קינסטלער צו זוכן, צו דערקענען דעם אמת און אים קינסטלעריש אַרויסברענגען.

פֿאַראַן קינסטלער, וועלכע מיינען, אַז אַ לייכטער שפּאַציר, אַ רייזע, אַן עקסקורסיע איבער דער סביבה, וועלכע ער וויל באַשרייבן, וועט אים געניגן אויף אַרויסצוברענגען דעם אמת פֿון דער דאָזיקער סביבה, אַרויסברענגען עכטע קינסט־לערישע רעפּראָדוקציע פֿון דער דאָזיקער סביבה. אַזאַ מיינונג איז אַ לייכטזי־ניקייט און קאָן זיך נוקם זיין אין קינסטלער גופא. אַוודאַי קאָן אַ קינסטלער אויך אויפֿן סמך פֿון טיפֿע איינדרוקן קינסטלעריש רעפּראָדוצירן, דאָס זענען אָבער ווינציקע אויסנאַמען.

אין כּלל גענומען מוז דער קינסטלער גוט קענען די סביבה, וואָס ער גייט באַשרייבן, גוט שטודירן, טיף זיך איינלעבן אין דער סביבה, גוט זי דערקענען. דאָס געניטע גרינטלעכע דערקענען דאָס לעבן, דאָס אויסדריקן דעם לעבנס־אמת, דערנענטערט דעם שרייבער אין אונדזער עפּאָכע צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם. י. סטאַלין לערנט אונדז:

„זאָל דער שרייבער זיך לערנען ביים לעבן. אויב ער וועט אין אַ הויך־קינסטלערישער פֿאָרם אָפּשפּיגלען דעם אמת פֿון לעבן, וועט ער אויף זיכער קומען צום מאַרקסיזם“.

אָבער וואָס הייסט גרינטלעך דערקענען דאָס לעבן? וואָס דאַרף טאָן אַ קינס־טלער, כּדי צו דערקענען די ווירקלעכקייט, און, דערקענענדיק זי, אַרויסצוברענגען דעם לעבנס־אמת, דאָס וועזנטלעכע, דאָס עיקרדיקע פֿון די לעבנס־דערשיינונגען? וואָס דאַרף טאָן אַ קינסטלער, כּדי דערצו צו דערגיין, ווען ער איז גרייט מיט אַלע פֿיבערן פֿון דער נשמה צו דינען די אינטערעסן פֿון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס, די אינטערעסן פֿון פֿאָלק?

כּדי צו קאָנען ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, וועלן מיר זי נאָך מער פֿאַראיינ־פֿאַכן.

וואָס דאַרף טאָן אַ מענטש, ווען אויפֿן טיש פֿאַר אים ליגט זאַלץ און מעל־צוקער און זייער אויסערלעכער קאָליר לאָזט נישט דערקענען, ווו איז דער צוקער און ווו איז די זאַלץ?

דער ענטפֿער קאָן זיין בלויז איינער — ער דאַרף זיי פּאַרזוכן, דאָס הייסט, ער דאַרף אַקטיוו אויסדרוקן זיין באַציִונג צום צוקער אָדער צו דער זאַלץ. אַלזאָ, מיר מוזן זיך פּראַקטיש־קאָנקרעט באַציִען צו זיי. קיין שום באַטראַכטונגען און רייד וועלן אים נישט געבן קיין ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע. בלויז די פּערזענלעכע דערפֿאַרונג, די פּראַקטיק, די אַקטיווע באַציִונג צום קעגנשטאַנד גיט אַן ענטפֿער, מאַכט אים קלאָר, ווו איז דער צוקער און ווו איז די זאַלץ.

אַ צווייטער ביישפּיל. צוויי אָפּענע קעסטלעך זענען אָנגעפֿולט מיט צוויי מע־טאַלן: זילבער און קוועקזילבער. וויפֿל דער מענטש זאָל נישט קוקן און אָבסער־ווירן מיטן אויג, וועט ער נישט דערגיין, ווו איז דאָס זילבער און ווו איז דאָס

קוועקזילבער. בלויז די אַקטיווע אַריינמישונג, דאָס אָנרירן מיטן פינגער איינעם פון די דאָזיקע מעטאַלן, וועט אים קלאָר מאַכן, וו איז דאָס זילבער און וו איז דאָס קוועקזילבער; ווייל זילבער איז האַרט און קוועקזילבער איז ווייך.

אַלזאָ, די אייגענע ד ע ר פ אַ ר ו נ ג, דאָס אַקטיווע אָנטיילנעמען אין דערקענטעניש־פּראָצעס גיט דעם ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי קאָן און דאַרף אַ מענטש דערקענען די ווירקלעכקייט: דורך דער דערפאַרונג, דורך דער פּראַקטיק. אַ דריטער ביישפּיל. ס'איז אַלגעמיין באַקאַנט די אָפּטישע אילוזיע פון צוויי ליניעס.



ליניע 1

ליניע 2

ס'איז נישט פאַראַן קיין שום צווייפל, אַז אויפן קוק זעט אויס די ליניע 2 לענגער פון דער ליניע 1. זי וועט אָבער אויסזען לענגער אַזוי־לאַנג, ווי לאַנג דער מענטש וועט זיך באַציען צו איר פּ אַ ס י וו, דאָס הייסט, ער וועט בלויז קוקן אויף איר. ווען מיר וועלן אָבער נעמען אַ מאָס און פאַרגלייכן, וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז ביידע ליניעס זענען אין דער ווירקלעכקייט גלייך און בלויז די ריכטונג פון די זייטיקע ליניעס שאַפט די אילוזיע, אַז די צווייטע איז לענגער. נישט ווייניקער אילוזיעס האָט דער מענטש אין לעבן. בלויז די דערפאַרונג פירט אים אַרויס פון טעות. אַלזאָ, דאָס דערגיין דעם אמת פון אַ דערשיינונג קאָן מען דורך דער אַקטיווער פּראַקטיק, דורך דער פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר ד ע ר פ אַ ר ו נ ג, דורכן אַקטיוון אַריינמישן זיך און אָנטיילנעמען אינעם פּראָצעס פון ד ע ר ק ע נ ע ן די דערשיינונג, אינעם פּראָצעס פון זוכן און דערקענען דעם אמת.

דער אויספיר. דערקענען די ווירקלעכקייט, אַרויסברענגען דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט קאָן מען אויפן סמך פון דער אייגענער אַ ק ט י וו ע ר דערפאַרונג, פון אַקטיוו אָנטיילנעמען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אינעם קלאַסן־קאַמף.

אין זיין פּרעכטיקער אַרבעט „בנוגע דער פּראַקטיק" שרייבט מאַאָ־טסע־טונג:

„כדי אוממיטלבאַר צו דערקענען אַ וואָסער נישט איז דערשיינונג אָדער דערשיינונגען איז נייטיק דער פּערזענלעכער אָנטייל אין פּראַקטישן קאַמף, וועלכער צילט צו ענדערן די ווירקלעכקייט, צו ענדערן אַ וואָסער נישט איז דערשיינונג אָדער דערשיינונגען, ווייל בלויז דער פּערזענלעכער אָנטייל אין

אַזאַ פּראַקטישן קאַמף דערלויבט צו קומען אין אַ באַרירונג מיט דער אויסערלעכער זייט פון אַ וואָסער נישט איז דערשיינונג אָדער דערשיינונגען, און בלויז דער פּערזענלעכער אָנטייל אין אַזאַ פּראַקטישן קאַמף דערלויבט צו אַנטפּלעקן דעם תוך פון אַ וואָסער נישט איז דערשיינונג אָדער דערשיינונגען און פאַרשטיין זיי. אַזוי זעט אויס דער וועג פון דער דערקענטעניש, אויף וועלכן עס גייט פּאַקטיש יעטוועדער מענטש; די זאַך באַשטייט דערין, וואָס איינציקע צעדרייען באַוווּסטזיניק דעם דאָזיקן אמת און באַהויפּטן דאָס פאַרקערטע. ...אויב דו ווילסט באַקומען וויסן, נעם אָנטייל אין דער פּראַקטיק, וועלכע ענדערט די ווירקלעכקייט".

„...אויב דו ווילסט קענען די טעאָריע און מעטאָדן פון דער רעוואָלוציע, דאַרפסטו אָנטיילנעמען אין דער רעוואָלוציע. דאָס אמתע וויסן ציט זיין שורש פון דער אומיטלבאַרער פּראַקטיק."

(אויסגעוויילטע ווערק, I-טער באַנד, רוסיש, מאָסקווע, פאַרלאַג „אינאָסטראַננאַיאַ ליטעראַטורא", 1952, זייט 513).

אָבער נישט אומעטום קאָן דער מענטש, אין דעם פאַל דער קינסטלער, זיך איינשאַפן דערפאַרונג אויפן יסוד פון פּערזענלעכן פּראַקטישן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. נישט אומעטום קאָן דער מענטש דערוואַרבן וויסן דורך פּערזענלעכער דערפאַרונג. אַזאַ שטאַנדפּונקט וואָלט פּאַקטיש געפירט צום ע מ פּ י ר י ז ם, צו וולגאַריזירונג פון מאַטעריאַליסטישן דערקענטעניש-מעטאָד. דער שרייבער וואָלט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון היסטאָרישער טעמאַטיק.

אַזוי איז עס אָבער נישט. אויסער פּערזענלעכער דערפאַרונג האָט יעדער מענטש, אין דעם פאַל דער קינסטלער, די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט דער דערפאַרונג פון אַנדערע מענטשן, מיט דער דערפאַרונג פון די פאַרגאַנגענע דורות, אויף וויפל זיי האָבן וויסנשאַפטלעך פאַראַלגעמיינערט און אָביעקטיוו ריכטיק אָפּגעשפּיגלט די דערשיינונגען פון זייער אָרט און פון זייער צייט. מאַאָ-טסע-טונג שרייבט:

„דעריבער באַשטייט דאָס וויסן פון מענטשן פון צוויי טיילן — געגעבענע פון דער דירעקטער דערפאַרונג און געגעבענע פון דער אומדירעקטער דערפאַרונג. צוגלייך הערמיט איז דאָס, וואָס פאַר מיר איז אומדירעקטע דערפאַרונג, איז פאַר אַנדערע דירעקטע דערפאַרונג. דעריבער, אויב מיר וועלן נעמען דאָס וויסן אַלס אַ גאַנצע, קאָן קיין שום וויסן נישט זיין אָפּגעריסן פון דער דירעקטער דערפאַרונג" (דאָרט, זייט 514).

אַלזאָ. אויף דער פראַגע, וואָס דאַרף דער שרייבער טאָן, כדי צו דערקענען די ווירקלעכקייט, צו דערגיין צום אמת פון דער ווירקלעכקייט, איז איצט שוין פולשטענדיק קלאָר דער ענטפער: דער שרייבער, קינסטלער דאַרף, ערשטנס, פּערזענלעך אַקטיוו אָנטיילנעמען אין קאַמף-פּראָצעס פאַר ענדערן די ווירקלעכקייט.

צווייטנס, האָט ער דערלערנט די דערפאַרונג פון אַנדערע מענטשן פון זיין צייט און די דערפאַרונג פון די פאַרגאַנגענע דורות. דאָס הייסט, ער דאַרף דערלערנען דעם קאַמפּס-פּראָצעס פאַר ענדערן די ווירקלעכקייט סיי אין היסטאָרישן אַספּעקט, סיי אין אַספּעקט פון דער היינטצייטיקייט. דאָ קומט אין באַטראַכט די וויסנשאַפט און די קונסט אַלס די פאַראַלגעמיינערטע דערפאַרונג פון דער מענטשהייט. די אמתע אָפּשפּיגלונג פון קאַמפּס-פּראָצעס, זיין אמת ביילד און געזעצמעסיקייט גיט אונדז די איינציקע ריכטיקע וויסנשאַפט, דער מאַרקסיזם-לעניניזם.

אַלזאָ, דערלערנען דעם מאַרקסיזם-לעניניזם, אַקטיווער אָנטייל אין קאַמפּס-פּראָצעס פאַר ענדערן די ווירקלעכקייט — דאָס זענען די פאָר-הנחות, וועלכע שאַפן די באַדינגונגען פאַרן קינסטלער צו דערקענען די ווירקלעכקייט און זי שפּעטער קינסטלעריש אַרויסברענגען.

די גרויסע מייסטער פון דער ליטעראַטור און קונסט האָבן אין אַלגעמיינעם באַהערשט די וויסנשאַפט פון זייער צייט, גאַנץ אָפט געווען אַפילו טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן פון דער וויסנשאַפט און אַקטיוו פאַרזיך גענומען אָנטייל אין קלאַסן-קאַמף פון זייער צייט. די קאָנקרעטקייט פון זייער דערפאַרונג האָבן זיי פּלאַסטיש אַרויסגעבראַכט אין זייער שאַפן. שעקספּיר, לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי, מאָליער, שילער, מיצקעוויטש, פּושקין, טשערנישעווסקי, טאָלסטאָי, גאָרקי — באַשטעטיקן עס מיט זייער שאַפן, מיט זייער לעבן.

דאָס דערלערנען די פאַראַלגעמיינערטע דערפאַרונג, דאָס באַהערשן די וויסנשאַפט פון אונדזער צייט און דער אַקטיווער אָנטייל אין קאַמף פאַר פרייהייט, דעמאָקראַטיע, שלום און סאָציאַליזם איז אַ זייער וויכטיקער ענין, באַזונדערס, ווען ער איז פאַרבונדן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, מיט איבעראָריענטאַציע פון קינסטלער אויף דער זייט פון דער פּראָגרעסיווער וועלט. דעריבער רעדט מען אַזוי ערנסט ביי אונדז אין פוילן וועגן סכעמאַטיזם אין דער קינסטלערישער שאַפונג. סכעמאַטיזם איז דאָך דער דירעקטער פּראָדוקט פון מאַנגל אין פערזענלעכער דערפאַרונג, מאַנגל אין דער דערקענטעניש פון דער ווירקלעכקייט.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די סביבה, למשל, פון קליינעם שטעטל אין אָליציקים „מענטשן און קלעם" איז זייער פּלאַסטיש געשילדערט. און פאַרקערט, די סביבה פון דער נייער צייט און די עיקר-קאָנפליקטן פון אונדזער צייט זענען אַרויס בלאַס, נישט פאַרטיפט. ס'פילט זיך, אַז דער שרייבער קען שוואַך די געשילדערטע סביבה מיט אירע פּראָבלעמען. אַפילו דאָס פּרעכטיקע ווערק פון איגאַר נעווערלי „דער אָנדענק פון צעלולאָזע" איז נישט פריי דאָ און דאָרט פון מאַנגל אין קענען די רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט פון פאַר דער מלחמה. די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז אין פיל ערטער געשילדערט בלויז אויסערלעך. פאַ-

ראַן פּרעכטיקע געשטאַלטן, וועלכע פאַרשטעלן מיט זיך די פּרעכטיקע באַוועגונג. ס׳פילט זיך דער מאַנגל פון געניטן דערלערנען די פּאַרטייאישע סביבה.

דער אויספיר איז אַ נישט צווייַדייטיקער. צו טאַלאַנט מוז מען האָבן דער־פאַרונג, אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז דער יסוד פון דער־פאַרונג. וואָס טיפער די דערפאַרונג, אַלץ ברייטערע מעגלעכקייטן. דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט מוז מען דעראָבערן אין גרויסער מי. אין גראַנגל מיטן אָב־יעקטיוון שטאָף פון דער ווירקלעכקייט. וואָס טיפער די דערקענטעניש, אַלץ לייכ־טער, אַלץ פרייער דאָס שאַפן, אַלץ בולטער דער לעבנס־אמת.

II. פּאַרטייאישקייט פון קינסטלערישן שאַפן

איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז דער פּרינ־ציפּ פון קאָמוניסטישער פּאַרטייאישקייט פון דער שיינער ליטעראַטור. כדי ס׳זאָלן נישט זיין קיין מיספאַרשטענדענישן און צווייַדייטיקייטן, מוזן מיר קודם־כל אָפּ־וואַרפן די וולגאַרע מיינונג וועגן פּאַרטייאישקייט, מיט וועלכער ס׳טראָגן זיך אַרום פאַרשידענע בורזשואַז־דעקאַדענטישע און קליינבירגערלעך־רעאַקציאָנערע שרייבער און קריטיקער. טייל צוליב אַמעראַצעס, טייל באַוווסטזיניק־שווינדלעריש באַמיען זיך דעם דאָזיקן פּרינציפּ פאַרצושטעלן אויף אַזאַ אופן, אַז די שריי־בער און קינסטלער אין די לענדער פון סאָציאַליזם און פאָלקס־דעמאָקראַטיע, ווי אויך די רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע שרייבער און קינסטלער אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער ווערן כלומרשט אויפגעצוואונגען צו שאַפן ווערק מיט פּאָליטיש־פּאַרטייאישער טענדענץ, אָדער ס׳ווערט זיי צוגעשטעלט א רשימה פון טעמעס, צו וועלכע זיי מוזן זיך צופּאַסן.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט נייטיק צו פּאָלעמיזירן מיט דער דאָ־זיקער פּשוטער אָדער בייזוויליקער אַמעראַצעס. די וולגאַרע אינטערפּרעטאַציע פון דאָזיקן פּרינציפּ באַווייזט בלויז דעם נידעריקן ניווֹאָ פון זייער וויסן, דעם פאַנאַנדערפאַל פון זייער עסטעטיק.

קאָמוניסטישע פּאַרטייאישקייט פון דער שיינער ליטעראַטור און קונסט איז פאַרבונדן מיט דער הויכער אידעישקייט, מיט דער היסטאָרישער דערהויבע־נער מיסיע פון קינסטלערישן שאַפן צו זיין אַקטיוו אין דעם איבערגעשטאַלטי־קונגס־פּראָצעס פון דער ווירקלעכקייט, צו זיין אַקטיוו אין דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער קאַמפּס־באַפרייונג פון מענטש דאָרט, וו ער איז נאָך אונטערדריקט, אין דער באַשאַפונג פונעם נייעם מענטש דאָרט, וו ער איז שוין באַפרייט און בויט דעם סאָציאַליזם, דעם קאָמוניזם.

דער פּרינציפּ פון פּאַרטייאישקייט פון קינסטלערישן שאַפן איז ענג פאַר־בונדן מיטן פּרינציפּ פון אַרויסברענגען און אָפּשפּיגלען דעם אמת פון דער ווירק־

לעבקייט. דאָס אַרויסבאַקומען און אָפּשפּיגלען דעם אמת פון דער ווירקלעכקייט פאַרלאַנגט די פערזענלעכע דערפאַרונג און אַקטיוויטעט פון קינסטלער און שרייבער אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבנס-פּראָצעס. זיין אַקטיווע באַציונג צום אַרום פאַרלאַנגט פון אים צו פאַרנעמען אַ קלאָרע פּאָזיציע לגבי די קאַמפן, וואָס עס פירן די אַרבעטנדיקע מאַסן. דער קינסטלער קאָן נישט אויסמיידן דעם קאַמף און קאָן זיך פון אים נישט אַרויסדרייען. „לעבן אין אַ געזעלשאַפט און זיין פריי פון דער געזעלשאַפט איז נישט מעגלעך“ (לענין). סיידן ער הערט אויף צו זיין שעפעריש אויפן געביט פון קונסט. די נאַטור פון קונסט באַשטייט דערין, וואָס זי עקזיסטירט נישט אויסער לעבן, אויסער געראַנגל אינעם לעבן. דאָרט, וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין מענטשלעכער לעבן, איז אויך נישט פאַראַן קיין קונסט. די ראָל פון קינסטלער איז אַן אומגעהויערע, ווייל זיינע מעגלעכקייטן צוצוקומען צו דער מענטשלעכער נשמה זענען ברייטערע, זיינע מעגלעכקייטן פון באַווירקן דעם מענטשן זענען גינסטיקערע, ווייל פון אַלע באַווירקונגס-פאַקטאָרן פאַרמאָגט די קונסט די הייכסטע גאַמע פון מיטלען. די קונסט ווירקט גלייכצייטיק: אויפן געפיל, אויפן געדאַנק און אויף דער פאַנטאַזיע פון מענטש. קיין שום געביט פון מענטשלעכן שאַפן האָט דעריבער נישט אַזאַ סוגעסטיווע קראַפט ווי קונסט. מיט אַ ליד פאַרוויגט מען אַ קינד, מיט שפּיל באַהערשט מען טויזנטער, מיט געזאַנג גייט מען אין שלאַכט. די עמפּינדונג פון קונסט איז דורכויס אַ פּריוואַליקע, איר ווירקונג, נישט קיין אָנגעוואָרפענע.

דער דראַנג צו עסטעטישן פאַרגעניגן איז אַ מעכטיקער און אַ מאַסנהאַפטער. דערפון שטאַמט די גראַנדיעזע ראָל פון קינסטלער אין פּראָצעס פון באַווירקן מאַסן, אין פּראָצעס פון געשטאַלטיקן דעם באַוווסטזיין פון מאַסן. דער קינסטלער איז צוליב דער נאַטור פון קונסט אַ אידעאָלאָג, געשטאַלטיקער פון מענטשלעכן באַוווסטזיין, צי ער וויל דאָס יאָ צי נישט, צי ער פאַרשטייט זיין ראָל, צי נישט. דעריבער שפּילט די קונסט אַ וויכטיקע ראָל סיי אין פאַל, ווען זי העלפט צו צו פאַרפעסטיקן די געגעבענע פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, דאָס הייסט, ווען זי איז אַ באַשטאַנדטייל פון אויבערבוי, פון דער געגעבענער סאָציאַל-עקאָנאָמישער פאָרמאַציע, סיי אין פאַל, ווען זי קעמפט קעגן דער געגעבענער אָרדענונג, שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן, דעם קאַמף, די אידעען און שטרעבונגען פון אויפקומענדיקן קלאַס און שטעלט פאָר מיט זיך דעם עלעמענט פון דעם קומענדיקן אויבערבוי, וואָס וועט איינגעשטעלט ווערן נאָכן זיג פון דער אָנרייפנדיקער רעוואָלוציע. די קונסט און די קינסטלער זענען קיינמאָל נישט געשטאַנען אין אַ זייט פון דעם קלאַסן-קאַמף, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער געזעלשאַפט. די קונסט איז קיינמאָל נישט געווען אַ פּאַסיווע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט, נאָר שטענדיק אַן אַקטיווע. וואָס גרעסער און שטאַרקער ס'איז געווען דער טאַלאַנט. אַלץ קלאָרער, רעליעפער און אַקטיווער איז געווען זיין פּאָ=

זיציע אין קלאַסן־קאַמף. דער קינסטלער איז אַזוי אַרום שטענדיק געווען קעמפער. שטענדיק געווען אַ צד, אַ קריגער. געווען אין צענטער פון קלאַסן־קאַמף. די געשיכטע דערציילט אונדז, אַז די גרויסע קינסטלער און פרייע גייסטער זענען שטענדיק געווען אויף דער זייט פון קעמפנדיקן פאָלק. זיי האָבן ס'רוב געהערט צום אָנפירנדיקן קאָדר פון קעמפער. זיי האָבן געהערט צו די קעמפערישע עלעמענטן פון זייער צייט. מיר וואָלטן געקאָנט זאָגן: זיי האָבן געהערט צו דער אָפּגעקליבענער גרופּע קעמפער, צו די אָפּגעקליבענע פירער און אידעאָלאָגן פון געגעבענעם קלאַס — זיי זענען געווען נישט אינדיפערענט, נאָר פּאַרטייאיש. פּאַרטייאיש אין דעם קאָנקרעטן זין פון וואָרט. יעדער קלאַס האָט זיך זיין אָנפירנדיקן קאָדר קעמפער, די פּאַרטיי אַזוי צו זאָגן פון זיין צייט, אַנטשפּרעכיק צום מהות, צו די וועגן און קאַמפס־מיטלען פון געגעבענעם קלאַס. זייער פּאַרטייאישע פּאָזיציע איז געקומען צום אויסדרוק אין זייער קינסטלערישער שאַפונג. ענגעלס שרייבט צו מינאַ קאַוטסקי, אַז אַלע גרויסע דיכטער זענען געווען טענדענץ־פּאָעטן. שעקספּיר און סערוואַנטעס ווירקן ביזן היינטיקן טאָג נאָך מיט זייער פּאַרטייאישער איינשטעלונג און עקשנות, מיט זייער אויסגעשפּראָכענער פּאָזיציע אויף דער זייט פון פּראָגרעס. די פּאָזיציע פון רוסאָ און מאָליערן בנוגע דעם קלער און קלויסטער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן פיינטלעכע, איז געווען אַ פּאַרטייאישע, דאָס הייסט אַ קעמפערישע פון שטאַנדפּונקט פון די אידעיש־פּאָליטישע פּאָזיציעס און אינטערעסן פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע.

די באַציונג פון די רוסישע קלאַסיקער פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט — פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל און גריבאָיעדאָוו — צו דער לייבאייגנטימערישער אָרדענונג איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן פיינטלעכע, אַ באַקעמפערישע, אַ פּאַרטייאישע פון שטאַנדפּונקט פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן פון די רוסישע פאָלקס־מאַסן און פון די אויפקומענדיקע דעמאָקראַטישע אַדעליק־בירגערלעכע קרייזן פון דער רוסישער געזעלשאַפט פון יענער צייט, געווענדט קעגן דעם צאַרישן אַבסאָלוטיזם און זעלבסטהערשערישן ווילקיר. נאָך אויסגעשפּראָכענער איז געווען די פּאַרטייאישע איינשטעלונג פון די רוסישע שרייבער־קלאַסיקער פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט: ניעקראַסאָוו, טשערנישעווסקי, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, טאָלסטאָי. זייער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, קעגן דער פעאָדאַל־פּריצישער אָרדענונג האָט גורם געווען שטאַרקע פאַרפאָלגונגען לגבי זיי און איז באַר אייניקע פון זיי געווען פאַרבונדן מיט יאָרן תפיסה.

אין יאָר 1885 האָט פרידריך ענגעלס געשריבן צו מינאַ קאַוטסקי: „דער פאָטער פון דער טראַגעדיע עסכילוס און דער פאָטער פון דער קאָמעדיע אַריסטאָפאַנעס זענען ביידע געווען אויסדריקלעכע טענדענץ־פּאָעטן, נישט ווייניקער דאַנטע און סערוואַנטעס, און די הויפּט־מעלה פון שילערס „אינטריגע און

ליבע" באַשטייט דערין, וואָס זי איז די ערשטע דייטשישע פּאָליטישע טענדענץ־דראַמע. די היינטצייטיקע רוסישע און נאָרוועגיישע שרייבער, וועלכע גיבן אונדז אויסגעצייכנטע ראָמאַנען, זענען דורכויס טענדענציעזע שרייבער" („מאַרקס און ענגעלס וועגן קונסט און ליטעראַטור". פאַרלאַג ברונאָ הענשעל אונד זאָן, בערלין 1949 ז. 102).

א פּאַרטייאיש־קעמפערישע פּאָזיציע לגבי די פּעאָדאַלע פּראָגדקעס אין דער יידישער סביבה האָבן פאַרנומען די יידישע קלאַסיקער מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ.

מיר ברענגען מערערע ביישפּילן פון דער פּאַרטייאישקייט פון הויכער קונסט אין דער געשיכטע, כדי צו דערווייזן, אז פּאַרטייאישקייט איז א דערשיינונג, וואָס איז נישט פאַרבונדן בלויז מיטן אויפקום פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. פּאַרטייאישקייט אין דער קונסט און ליטעראַטור איז א היסטאָרישע קאַטעגאָריע. דאָס הייסט אזוי לאַנג ווי מען קאָן רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון קונסט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אזוי לאַנג קאָן מען רעדן וועגן דער קעמפערישער, פּאַרטייאישער ראָל פון דער קונסט אינעם קלאַסן־קאַמף פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ווי געזאָגט, דרינגט ארויס די דאָזיקע איינגשאַפט פון קינסטלערישן שאַפן פון דער ספּעציפיק פון קונסט אַלס די אָפּשפּיגלונג פון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, וואָס איז שטענדיק געווען דורכגעדרונגען מיט די קאַמפס־אידעען פון דער געגעבענער עפּאָכע. נישטאָ קיין הויכע קונסט אָן אידעישקייט, אָן די קאַמפס־אידעאַלן פון דער געגעבענער געזעלשאַפט און איר עפּאָכע.

די גענ‌יאַלקייט פון די קאָריפעען פון קונסטלערישן שאַפן איז צווישן אַנדערן באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן אויף א געניאַל־פּלאַסטישן אופן ארויסגעבראַכט די פּראָגרעסיווע אידעען פון זייער סביבה און פון זייער צייט. וואָס גרעסער דער קינסטלערישער טאַלאַנט אלץ רעליעפער די אידעען און אלץ שטאַרקער זייער באַווירקונגס־קראַפט. אין יעדן גרויסן קונסט־ווערק איז די אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט באַהאַפטן מיט דער אידעישער איינשטעלונג פון קינסטלער.

אויף א העכערער מדרגה פון באַהאַפטנקייט געפינט זיך די פּאַרטייאישקייט מיט דער אידעישקייט פון דער ליטעראַטור און קונסט, וועלכע ווערט געשאַפן לויטן מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. זיי בילדן אַן אָרגאַנישע איינהייט. די דאָזיקע אָרגאַנישע איינהייט טרעט ארויס באַזונדערס אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, וואָס איז די צום העכסטן אידעיש־אָנגעזעטיקטע ליטעראַטור. די פּאַרטייאישקייט אין איר איז א קאָנקרעטע — דאָס איז דער קאַמף פאַר קאָמוניזם פון פילנאַציאָנאַלן סאָוויעטישן פאָלק.

וועגן דער הויכער אידעישקייט פון דער סאָוועטישער ליטעראטור האָט זשדאַנאָוו אין 1946 אין זיין רעפעראַט וועגן די זשורנאַלן „זוועזדאַ“ און „לענינגראַד“ געשריבן:

„דאָס סאָוועטישע פאָלק דערוואַרט פון די סאָוועטישע שרייבער דיווירקלעכע אידעישע באַוואָפענונג, די גייסטיקע שפּייז, וועלכע זאָל אים העלפן אויסצופירן די פּלענער פון דער גרויסער בויונג, אויסצופירן די פּלענער פון צוריקאויפשטעלן און ווייטער אַנטוויקלען די פאָלקס־ווירטשאַפט פון אונדזער לאַנד.

די ליטעראַטור איז באַרופן נישט בלויז דערצו, זי זאָל שטיין אויף דער הייך פון די פאָדערונגען פון פאָלק. נאָך מער — זי איז מחויב צו אַנטוויקלען דעם געשמאַק פון פאָלק, הייבן העכער זיינע פאַרלאַנגען, באַרייכערן דאָס פאָלק מיט נייע אידעען, פירן דאָס פאָלק פאָרויס“.

אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, ווו דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם ווערט דער שעפערישער מעטאָד פון דער ליטעראַטור און קונסט, איז די פּאַרטייאישקייט געבונדן מיט די אידעען און שטרעבונגען פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווידער, ווו דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז דער מעטאָד פון די רעוואָלוציאָנערע שרייבער, איז די פּאַרטייאישקייט געבונדן מיט די אידעען און שטרעבונגען פון קאַמף קעגן אַלע גרוילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג.

די פּאַרטייאישקייט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז פון א העכערער מדרגה.

אויב מיר בינדן אָן די פּאַרטייאישקייט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם צו דער פּאַרטייאישקייט פון קונסט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווילן מיר דערמיט אבסאָלוט נישט אַוועקשטעלן קיין גלייכצייכן צווישן דער היינטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטייאישקייט פון דער קונסט און ליטעראַטור און דער פּאַרטייאישקייט פון דער קונסט און ליטעראַטור פון די פאַרגאַנגענע עפּאָכעס. אַזאַ גלייכצייכן וואָלט באַדייט דאָס זעלבע, ווי מיר וואָלטן אַוועקגעשטעלט א גלייכצייכן צווישן אינהאַלט, פאָרמען און ציל פון קלאַסן־קאַמף אַמאָל, למשל אין 19־טן יאָרהונדערט, מיטן אינהאַלט, פאָרמען און ציל פון קלאַסן־קאַמף היינט אונטער דער אָנפירונג פון פּראָלעטאַריאַט און זיין מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער פּאַרטיי. ס'איז אָבער ווייט נישט בלויז קיין צייט־אונטערשיד. ס'איז אויך נישט קיין מעכאַנישע פאַרזעצונג. דער אונטערשיד אין אַ קוואַליטאַטיווער. די פּאַרטייאישקייט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז פון אַ נייער, העכערער קוואַליטעט צוליב אַ גאַנצע רייע אייגנשאַפטן.

הויכע באַוווּסטזיניקייט פון קינסטלער געהערט צו דער וויכטיקסטער אייגנשאַפט פון דער פּאַרטייאישקייט אינעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אין זיין ווענדונג צו די סאָוועטישע שרייבער האָט געשריבן א. א. זשדאַנאָוו:

„איר געפינט זיך אויף דער ערשטער ליניע פון אידעאָלאָגישן פראָנט, איר האָט צו דערפילן א גרויסע אויפגאַבע פון אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. און דאָס דאַרף דערוועקן אין אייך אַלעמען דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַן אמתן סאָוועטישן ליטעראַט לגבי דעם אייגענעם פאָלק, לגבי דער פּאַרטיי, פאַרשטאַרקן ביי אייך דעם באַוווּסטזיין פון דער באַדייטונג פון געזעלשאַפטלעכן חוב“.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פאַרלאַנגט פון שרייבער באַוווּסטזיניקע באַציונג צו זיין ראָל, וועלכע ער דאַרף שפּילן אינעם קאַמף צווישן אַלטן, אָפּשטאַרבנדיקן און נייעם, אויפקומענדיקן. ער דאַרף קלאָר באַזויניקן זיין אָרט אינעם געראַנגל צווישן דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און דער נייער סאָציאַליסטישער וועלט. אויך די קלאַסיקער פון 19-טן יאָרהונדערט זענען געווען קעמפער, אויך זיי האָבן מיט אייפער באַקעמפט דאָס אַלטע, דאָס צעפוילטע און אָפּשטאַרבנדיקע. אויך זיי האָבן געקעמפט פאַר נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַציונגען. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט אַרויסשפּרינגען פון זייער צייט, פון זייער סביבה. זייערע אידעאַלן זענען געווען באַגרענעצט דורך דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון זייער צייט. טאָלסטאָי האָט פּאַרטייאיש, קנאָיש באַקעמפט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון זיין צייט. ער האָט אָבער נישט געוויזן קיין רעאַלע פּערספּעקטיוו. און דאָס וואָס ער האָט יאָ געוויזן, וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט פאַר פּערספּעקטיוו, פאַר אידעאַל, איז געווען נישט רעאַל, נישט לעבנספעיק, איז געווען אוטאָפּיע און רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע.

דאָס פּאַרטייאישע פון די קלאַסישע רעאַליסטן פון 19-טן יאָרהונדערט איז אַזוי אַרום געווען שאַרפער, אויסגעשפּראָכענער אין דער קריטיק, אין דער פאַרלייקענונג פונעם אַלטן, איידער אין דער שילדערונג פונעם נייעם.

די פּאַרטייאישקייט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז נישט קיין פּשוטער המשך פון דער פּאַרטייאישקייט פון קלאַסישן רעאַליזם. די פּאַרטייאישקייט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז, ווי מיר זעען, אַ נייער קוואַליטאַטיווער שפּרונג, אַ נייע דערשיינונג. איר אייגנשאַפט באַשטייט דערין, וואָס זי איז פּונקט אַזוי שאַרף, קלאָר און אייפערדיק אין דער וויזיע און קאַמף פאַרן נייעם, פאַרן אויפקומענדיקן, ווי אינעם קאַמף קעגן אַלטן, קעגן אָפּגעלעבטן. נאָך מער, דאָס נייע, אויפקומענדיקע איז אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַזוי מעכטיק, אַז עס פאַרשטאַרקט דעם כוח און מוט אינעם קאַמף קעגן אַלטן, קעגן אָפּגעלעבטן. די פּאַרטייאישע

אייפֿעריקייט, מיט וועלכע באַבאַיעווסקי אין זיין „קאַוואַלער פֿון גאָלדענעם שטערן“, אַזשאַיעוו אין זיין „ווייט פֿון מאָסקווע“, ניקאָלאַיעווא אין איר „שניט“ שילדערן דאָס נייע לעבן, דאָס זיך בויענדיקע, דאָס גיגאַנטישע, וואָס קומט אויף, שטייט אין צענטער פֿון זייער שעפֿערישער קינסטלערישער פּאַסיע. דאָס הייסט ניט, פֿאַרשטייט זיך, אַז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, אַפֿילו אין די באַדינגונגען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, וווּ ס'זענען פֿולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן די אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, נעגירט די נויטווענדיקייט פֿון אייפֿעדיקער, קעמפֿערישער באַציונג צו די רעשטן פֿון אַלטן, וואָס שטעקן נאָך אין באַוווּסטזיין פֿון געוויסע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט און ווערן סטימולירט דורך דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג. דער קאַמף קעגן די רעשטן ווערט ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר ווערט נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט, ווייל זיי שטערן דעם גאַנג פֿאָרויס. די „פּראַוודאַ“ האָט אין אַן אַרטיקל אונטערגעשריבן דורך אַ „לייענער־גרופּע“ געשריבן, אַז דער סאָוועטישער ליטעראַטור זענען נאָך ניט גאָגאָלס און שטשעדרינס, וועלכע זאָלן אַרונטעררייסן, דעמאַסקירן דאָס אַלטע, פֿאַרפֿוילטע, זאָלן אויפֿדעקן די צבֿועקעס, וועלכע זענען נאָך פֿאַראַן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי רעשטן פֿון דער מיאוסער, עקלהאַפֿטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. אַרויסברענגען דאָס שלעכטע, דאָס מיאוסע, דאָס פֿאַלשע קאָן מען ניט מיט גלייכגילט, נאָר מיט שנאה, מיט טעמפּעראַמענט, מיט אייפֿער, מיט קאָמוניסטישער באַוווּסטזיניקער פּאַרטייאישקייט.

די קריטעריע פֿון פּאַרטייאישקייט איז דינען דעם פֿאָלק, זיין קאַמף, זיינע אידעאַלן, זיין גליק, איז דינען דעם קאַמף און דער אידעע פֿון סאָציאַליזם. דעריבער איז די קאָמוניסטישע פּאַרטייאישקייט דער היפּוך פֿון אינדיווידואַליסטישן סוביעקטיוויזם. די קאָמוניסטישע פּאַרטייאישקייט איז נישט קיין סוביעקטיוויסטישע איינשטעלונג פֿון שרייבער. פֿאַרקערט, זי פֿאַרשמעלצט די אידעע און דעם קאַמף פֿון אַרבעטער־קלאַס מיט דער פּערזענלעכער איינשטעלונג און קאַמף פֿון קינסטלער. וואָס שטאַרקער ס'איז די סאָציאַליסטישע איבערצייגונג פֿון קינסטלער, וואָס העכער ס'איז זיין סאָציאַליסטישער באַוווּסטזיין, אַלץ שטאַרקער איז די באַהעפֿטונג מיטן קאַמף און אידעע פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק. ס'איז נישט אָפּצוטיילן דאָ דעם קינסטלער פֿון פֿאָלק. דער קינסטלער לעבט דאָ מיטן לעבן און קאַמף פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק. און דאָס וואָס דאַרף געשען, וואָס דאַרף ווערן אָביעקטיווע ווירקלעכקייט פֿון פֿאָלק ווערט דער פּערזענלעכער פֿאַרלאַנג פֿון קינסטלער, פֿון שרייבער. ס'פֿאַלט זיך אַזוי אַרום צוזאַמען דאָס אָביעקטיווע פֿון דער ווירקלעכקייט, וואָס אַנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג פֿון פּראָגרעס, מיטן סוביעקטיוון פֿון קינסטלער, פֿון שרייבער. די קאָמוניסטישע פּאַרטייאישקייט איז דעריבער

די טיפּסטע און פּאָלקאָמסטע אָ פּ ש פּ י ג ל ו נ ג פון דער דינאַמישער ווירק־
לעכקייט, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם, פון קאָמו־
ניזם, פאַרבונדן מיט די אייפערדיקסטע, הייסטע פאַרלאַנגען פון קינסטלער.

III. וועגן טיפּישקייט אין דער ליטעראַטור און קונסט

איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז
דאָס פּראָבלעם פון טיפּישקייט אין דער ליטעראַטור און קונסט. אין דער דאָזי־
קער פראַגע האָט א לענגערע צייט זיך געפילט א מאַנגל אין פּרעציזקייט. אפילו
אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיק האָט דאָס פּראָבלעם פון טיפּישקייט
אין דער ליטעראַטור און קונסט נישט געפונען קיין פּרעציזירטע דעפיניציע.
טייל קריטיקער האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז טיפּיש איז דאָס, וואָס
חזרט זיך איבער זייער אָפט אין לעבן, וואָס טרעפט זיך טאָג־טעגלעך אלס דער־
שיינונג. טיפּישקייט איז אזוי־ארום אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דורכשניט־
לעכקייט.

צו דער דאָזיקער אומפּינקטלעכקייט האָט געמאַכט א סוף דער חבר ג. מ.
מאַלענקאָוו אויפן היסטאָרישן 19־טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד. באַהאַנדלענדיק גרינטלעך די פּראָבלעמען פון דער
סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט דער חבר מאַלענקאָוו אויך באַרירט דאָס פּראָב־
לעם פון טיפּישקייט און געגעבן אין הסכם מיט דער לענין־סטאַלינישער אָפּ־
שאַצונג וועגן דער ראָל פון ליטעראַטור און קונסט א קלאָרע פאָרמולירונג פון
טיפּישקייט.

דער חבר מאַלענקאָוו האָט דערקלערט:

„אונדזערע מאָלער, ליטעראַטן, קונסט־טוער דאַרפן אין זייער שעפע־
רישער ארבעט איבער א קינסטלעריש בילד שטענדיק געדענקען, אז טי־
פּיש איז נישט בלויז דאָס, וואָס טרעפט זיך עפטער, נאָר אויך דאָס, וואָס
דריקט אויס צום פולסטן און מיט דער גרעסטער שאַרפקייט דעם תוך
פון דעם געגעבענעם געזעלשאַפטלעכן כוח. טיפּישקייט לויט דער מאַרק־
סיסטיש־לעניניסטישער אויפפאַסונג באַדייט לחלוטין נישט עטוואָס סטאַ־
טיסטיש, דורכשניטלעכס. טיפּישקייט אַנטשפּרעכט דעם תוך פון דער געגע־
בענער סאָציאַל־היסטאָרישער דערשיינונג און איז נישט געוויינלעך דאָס,
וואָס איז צום מייסטן פאַרשפּרייט, וואָס חזרט זיך איבער אָפט, וואָס איז
וואָכעדיק. די באַוווּסטזיניקע פאַרגרעסערונג, פאַרשאַרפונג פון בילד שליסט
נישט אויס די טיפּישקייט, אַנטבלייזט זי נאָר פולער און אונטערשטרייכט זי.
דאָס טיפּישע איז די הויפּט־ספערע, אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך די
פּאַרטייאישקייט אין דער רעאַליסטישער קונסט. דאָס פּראָבלעם פון טיפּיש־

קייט איז שטענדיק אַ פּאָליטיש פּראָבלעם" („באָלשעוויק", נר. 19, 1952, זייט 43—44).

אין דער דאָזיקער קורצער דעפיניציע האָבן מיר אַ פּילזייטיקן און גרינטלעך-אויסשעפנדיקן אַנאַליז פון דעם באַגריף טיפּישקייט אין דער קונסט און ליטעראַטור.

מיר וועלן באַהאַנדלען די פיר עלעמענטן פון דעם דאָזיקן באַגריף. א) דער תוך פון דערשיינונגען, ב) פאַרגרעסערונג פון בילד, ג) טיפּישקייט אַלס כּפֿערע פאַר דער פּאַרטייאישער אַנטפּלעקונג און ד) טיפּישקייט אַלס פּאָליטיש פּראָבלעם.

א) טיפּשקייט אַלס תוך פון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג

איינער פון די עצם-עלעמענטן פון רעאַליסטישער קונסט איז דער אָפּקלייב פון סאָציאַלן שטאָף, וואָס דאַרף געלייגט ווערן אין יסוד פון קינסטלערישן בילד. דאָס לעבן, זיינע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן זענען זייער רייך, פילגעשטאַלטיק. פון זיי דאַרף דער קינסטלער אויסשיילן, אָפּקלייבן די עיקרדיקע פּראָצעסן, די עיקרדיקע סיטואַציעס, די עיקרדיקע געשטאַלטן. אַלזאָ, נישט נעמען דעם שטאָף אַזוי ווי ער שטייט און גייט, נישט נעמען דעם שטאָף אין זיין סטיכישן גאַנג, נאָר אָ פּ ק ל יי ב ן, אויסשיילן, ארויסבאַקומען דאָס וועזנטלעכסטע, דאָס תוכיקע פון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג. דאָס הייסט אַרויסבאַקומען דאָס טיפּישע. דאָס באַדייט אַבסאָלוט נישט, אַז דאָס טיפּישע איז שוין דאָס דאָמינירנדיקע, דאָס הערשנדיקע פון דעם געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד. דאָס טיפּישע קאָן נאָך זיין אפילו אין די ווינדעלעך, קאָן נאָך זיין זייער קליין, אָבער וואָס שטייט שוין אין קאַמף מיטן אַלטן, וואָס גייט אונטער, וואָס איז פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג. טיפּיש ארויסברענגען דאָס ריכטיקע, דאָס וועזנטלעכסטע פון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג הייסט אָבער נישט באַגרענעצן זיך בלויז צום נייעם, וואָס קומט אויף. טיפּיש ארויסברענגען דאָס וועזנטלעכסטע פון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג הייסט קינסטלעריש, — דורך בילדער און דורך עמאָציאָנעלן קלאַנג — ארויסברענגען דעם תוך פון די קעגנזאַצן, וואָס בילדן די דיאַלעקטישע איינהייט פון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג. דאָס הייסט ארויסברענגען טיפּיש דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פון דעם געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד.

לאָמיר נעמען אַ פּאָר ביישפּילן פון זייער פּאָפּולערע ווערק.

אין דער „מוטער“ האָט אונדז גאָרקי אַרויסגעבראַכט דאָס ת ו כ י ק ע, דאָס וועזנטלעכסטע פון רוסלאַנד ערב דער בורזשואַזע-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע פון 1905. גאָרקי האָט אונדז געוויזן דעם אויפקום פון נייע געשטאַלטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, ער האָט אונדז געוויזן דעם אויפקומענדיקן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער ווּלאַסאָוו און זיין קאַמף, די פּרעכטיקע געשטאַלט פון דער מוטער, דאָס הייסט די ווירקונג פון די נייע פּאָליטיש-סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין דער סביבה פון עלטערן דור אַרבעטער. ביידע געשטאַלטן און באַזונדערס די מוטער זענען נישט קיין דורכשניטלעכע געשטאַלטן, אַזעלכע האָט מען אין טאָג-טעגלעכן לעבן ווייניק געזען, מיט אַ דורכשניטלעך אויג ווייניק באַמערקט, די דאָזיקע געשטאַלטן זענען אָבער געווען דער תוך פון אויפקומענדיקן נייעם רוסלאַנד, וואָס האָט געקאָנט אַדורכפירן די רעוואָלוציע נאָר אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער-קלאַס, אונטער דער אָנפירונג פון די ווּלאַסאָווס און דער מאָראַלישער סביבה פון אַזעלכע מוטערס.

טיפּיש ביי גאָרקין זענען אָבער נישט בלויז די פּאָזיטיווע געשטאַלטן. טיפּיש איז אויך די נעגאַטיווע סאָציאַלע סביבה, אין קאַמף מיט וועלכער ס'האָבן זיך געשטאַלטיקט די נייע פּערסאָנאַזשן. גאָרקי ווייזט אונדז, למשל, די צעפוילטע בורזשואַז-פּריצישע געזעלשאַפט און דעם צאַרישן אונטערדריקונגס-אַפּאַראַט, ער ווייזט אונדז אויך די אַלטע אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער-סביבה, אין וועלכער ס'קומט אויף ווּלאַסאָוו און זיין מוטער, ער ווייזט אונדז די אַנאַרכיסטיש-בונטאַרישע פּויערישע סביבה, פון וועלכער און אין קאַמף מיט וועלכער ס'קומט אויף דער דיסציפּלינירטער גרויס-אינדוסטריעלער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריער. די טיפּישע נעגאַטיווע אַלטע סביבה איז נישט אָפּצוטיילן פון דער טיפּיש פּאָזיטיווער נייער סביבה. זיי זענען אָרגאַניש געבונדן. בלויז דער אונטערגאַנג פון דער ערשטער איז דער יסוד פון אויפקום פון דער צווייטער. גאָרקי האָט אונדז אַזוי אַרום געוויזן דעם תוך פון אַ באַשטימטער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשיינונג, דאָס הייסט, ער האָט אונדז טיפּיש אַרויסגעבראַכט די אַרבעטער-סביבה פון רוסלאַנד אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. די יענע סאָציאַלע סביבה, וועלכע האָט דעצידירט וועגן גורל פון לאַנד און זיינע באַוווינטע פעלקער. דאָס איז אַ קלאַסישער ביישפּיל אויף צו באַשטעטיקן די פאָרמולירונג פון מאַלענקאָוון וועגן תוכיקייט פון אַ דערשיינונג אַלס עלעמענט פון טיפּישקייט.

לאָמיר נעמען אַ צווייטן ביישפּיל — שלום-עליכם. פּעפּערל און האָדל זענען טיפּישע געשטאַלטן פון דער יידישער סביבה פון דער זעלביקער צייט. דורכשניטלעך האָט מען אַזעלכע מענטשן ווייניק וואָס געטראָפן. שלום-עליכם האָט זיי דערבליקט, ווייל ער האָט דערבליקט דאָס וועזנטלעכסטע פון יענער צייט, ער האָט דערבליקט דאָס נייע, וואָס קומט אויף. שלום-עליכם האָט זיי נישט געקענט נישט באַמערקן. און הגם דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט

סאָציאַל געבילדעט א נישט באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט, אָבער זיינע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן זענען געוואָרן דאָס וועזנטלעכסטע פאַר דער יידישער סביבה, ווייל דורך זיי האָבן אַריינגעדרונגען די סאָציאַליסטישע אידעען אין דער יידישער סביבה, דורך זיי האָט זיך דאָס געזעצמעסיקע פון דער צייט געבעטן אַ וועג אין דער יידישער סביבה. אַלזאָ, ווידער האָבן מיר א קלאַסישן ביישפיל פון טיפישן שטאָף-אָפקלייב. אָבער די פּאָזיטיווע געשטאַלטן ביי שלום-עליכמן ווערן געוויזן נישט אָפגעריסן פון אלטן, פון אונטערגייענדיקן, פון אַנטיפּאָדישן, פון קעגנזעצלעכן. פּאַראַלעל צו פעפערלען און האָדלען און אין קעגנזאַץ צו זיי האָבן מיר ביי שלום-עליכמען דעם גבירישן שאַרלאַטאַן אַבראַמטשיק, מיר האָבן דעם מגושמדיקן גביר פּרהצור, מיר האָבן די גאַנצע דעגענערירטע סביבה פון דער יידישער בורזשואַזיע, אַרויסגעבראַכט תוכיק, וועזנטלעך אין פּראָצעס פון איר אויפבלי מיט אַלע קערנער פון איר אונטערגאַנג. אַלזאָ, טיפּישע געשטאַלטן פון יענער צייט. ווידער א קלאַסישער ביישפּיל פון תוכיקייט פון סאָציאַלער סביבה אַלס עלעמענט פון טיפּישקייט.

ב) פאַרגרעסערונג פון בילד

אַלס וועזנטלעכן עלעמענט פון טיפּישקייט באַטראַכט מאַלענקאָוו די פאַרגרעסערונג פון בילד, די פאַרשאַרפונג, די גוזמא: דאָס איז אַ באַוווסטזיניקע קינסטלערישע האַנדלונג פון אויטאָר. כדי דער טיפּ זאָל דערשיינען רעליעפער, בולטער, כדי זיינע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן זאָלן באַמערקט ווערן, זאָלן ווירקן, באַמיט זיך דער קינסטלער זיי צו פאַרגרעסערן, צו פאַרשאַרפן.

שוין גאָרקי האָט אָנגעוויזן אויפן רעכט פון קינסטלער צו פאַרגרעסערן, צו פאַרשאַרפן דאָס בילד, די געשטאַלט. גאָרקי האָט געשריבן: „די אמתע קונסט באַזיצט דאָס רעכט צו פאַרגרעסערן...“, „...הערקולעסן, פּראָמעטייען, דאָן-קיכאָטן, פאַוסטן — זענען נישט קיין „פרוכטן פון דער פאַנטאַזיע“, נאָר אַ פולשטענדיק געזעצמעסיקע און נויטווענדיקע פּאָעטישע פאַרגרעסערונג פון רעאַלע פאַקטן“.

וועגן דעם, ווי ס'באַדאַרף אויסזען דער היינטיקער סאָציאַליסטישער העלד, האָט גאָרקי באַהויפּט:

„אונדזער רעאַלער, לעבעדיקער העלד, דער מענטש, וועלכער שאַפט די סאָציאַליסטישע קולטור, איז אַ סך העכער, גרעסער פון די העלדן פון אונדזערע דערציילונגען און ראָמאַנען.

אין דער ליטעראַטור דאַרף מען אים שילדערן נאָך גרעסער און העלער, דאָס איז אַ פאָדערונג נישט בלויז פון לעבן, נאָר פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וועלכער דאַרף פאָרשטעלן היפּאָטעטיש, און די היפּאָטעזע — די

השערה — איז די לייבלעכע מוטער פֿון דער היפּערבאָלע, פֿון דער פֿאַרגרעסערונג" (ציטירט לויטן „קאָמוניסט" נומ' 21, זייט 16, 1952).

באַזונדערס בולט קומט אַרויס די פֿאַרגרעסערונג ביי די קלאַסיקער־הומאָריסטן. נעמט למשל, גאָגאָלן. זיינע געשטאַלטן זענען אַלע פֿאַרגרעסערט. אין לעבן האָט מען אַ כלעסטאַקאָוו („רעוויזאָר"), אַזוי ווי גאָגאָל האָט אים געשילדערט, נישט געקאָנט אָנטרעפֿן, אין לעבן זענען כלעסטאַקאָווס כאַראַקטער־שטריכן צעוואָרפֿן געווען ביי הונדערטער מענטשן, ביי וועמען אין אַ שטאַרקערער מאָס, ביי וועמען אין אַ שוואַכערער. אין כלעסטאַקאָוון האָט זיי גאָגאָל סינטעזירט, צונויפֿגענומען. דאָס צונויפֿנעמען אַליין איז שוין פֿאַרגרעסערונג. די פֿאַרגרעסערונג אַליין איז אַ קינסטלעריש מיטל פֿון אַ גרויסער באַדייטונג. די פֿאַרגרעסערונג ברענגט אַרויס דאָס בילד, די געשטאַלט רעליעפֿער, בולטער. דער קינסטלער גיט אַזוי אַרום אַ מעגלעכקייט דעם פּשוטן מענטשן צו באַמערקן אין לעבן דאָס, וואָס ער איז מיט זיין געוויינלעך אויג און דורכשניטלעכן קריטיציזם נישט אימשטאַנד צו באַמערקן, הגם אין לעבן איז עס פֿאַראַן און עס ווירקט.

אָדער לאָמיר נעמען מאָליערס „קאַרגן". אין לעבן איז אַזאַ קאַרגן זעלטן ווען געווען צו טרעפֿן, אָדער אפֿשר אוממעגלעך געווען צו טרעפֿן. צי הייסט דאָס, אַז מאָליערס קאַרגער איז אַן אויסגעטראַכטע, נישט רעאַלע געשטאַלט. ניין, אַזוי איז עס נישט. מאָליערס קאַרגער איז אָן ספֿק אַ רעאַלע געשטאַלט. דאָס הייסט, איר וועזנטלעכער כאַראַקטער איז רעאַל, אָבער פֿאַרגרעסערט, פֿאַרשפּיצט, פֿאַרשאַרפֿט. ס'איז אַזאַ מין אָנזאַמלונג פֿון ספּעציעלע כאַראַקטער־שטריכן, אַזאַ קאָנדענסירונג פֿון זייער פֿאַרב, וואָס שאַפֿט דאָס טיפּישע בילד, שאַפֿט די טיפּישע געשטאַלט. ערשט דעמאָלט דערזען מיר דערשיינונגען און כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע מיר האָבן ביז איצט נישט באַמערקט. מיר האָבן נישט באַמערקט אַמאָל צוליב דעם, וואָס מיר זענען ווייט געווען פֿון דער געגעבענער סביבה, פֿרעמד פֿון איר, און אַמאָל פּשוט צוליב דעם, וואָס אונדזער דורכשניטלעכער פּסיכישער אויפֿנעם־אַפּאַראַט (גערעדט מיט אַ שפּראַך פֿון טעכניק) איז נישט אַזוי סובטעל און ראַפֿינירט צו קענען אויפֿנעמען דאָס, וואָס ס'איז אימשטאַנד אויפֿצונעמען, דערזען, דערבליקן און אַרויסצוברענגען דער קינסטלער.

און נאָך אַ ביישפּיל. מנחם־מענדל שלום־עליכמס. אַוודאי איז מנחם־מענדל געווען איידער שלום־עליכם האָט אים געשילדערט. טאַקע דערפֿאַר האָט אים שלום־עליכם באַמערקט, דערזען, ווייל ער האָט עקזיסטירט, געלעבט, געווירקט. אַוודאי האָט מנחם־מענדל אין לעבן נישט אויסגעזען אַזוי ווי אין שלום־עליכמס שילדערונג. שוין מענדעלע האָט דערבליקט שטריכן פֿון מנחם־מענדל אין בנימין השלישי. שלום־עליכם האָט אים אָבער פֿאַרגרעסערט, פֿאַרשטאַרקט, ער האָט אים אויפֿגעכאַפּט אין דער טיפּישער סיטואַציע און געשאַפֿן אַ פֿאַרגאַנצטע געשטאַלט, אַ שאַרפֿע, אַ קאָנטיקע. מנחם־מענדלס אייגנשאַפֿטן זענען זייער בולטע.

אײב װערן אַ גביר, איז נישט סתם אַזױ זיך, נאָר טאַקע אַ מיליאָנער. אױב האַנדלען, איז נישט קלײן, נאָר גרױס, מיט פּאַרנעם. מיט אײן װאָרט, שלום-עליכם האָט אונדז געװיזן מנחם-מענדלען פֿאַרגרעסערט. פֿאַרגרעסערט, אָבער נישט אױסגעטראַכט, פֿאַרגרעסערט דאָס פֿאַראַנענע, געמאַכט עס צוגענגלעך און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר טױזנטער און צענדליקער טױזנטער. אָט דאָס איז זי די אײגנשאַפֿט פֿון רעאַליסטישער קונסט, פֿאַרגרעסערונג, פֿאַרשאַרפֿונג פֿון סיטואַציע, פֿון געשטאַלט איז אַן עלעמענט פֿון טיפּישער שילדערונג, פֿון טיפּישער אױפֿפֿאַסונג פֿון װירקלעכע, רעאַלע לעבנס-פּראָצעסן.

ג) טיפּישקײט אלס הױפּט-סטערע פאר פּאַרטײאישער אנטפלעקונג אין דער רעאליסטישער קונסט

מיר האָבן שױן אױבן אָנגעװיזן, אַז טיפּישקײט איז פֿאַרבונדן מיט אָפּקלײב. כּדי אַ בילד, אַ געשטאַלט זאָל זײן טיפּיש, זאָל זײן סינטעטיש מוז דער קינסטלער אָבװאַרפֿן טױזנטער צופֿעליקײטן, דורכשניטלעכקײטן און זוכן און אָפּקלײבן דאָס װעזנטלעכע, דאָס עיקרדיקע פֿון דער געגעבענער סאָציאַל-היסטאָרישער דערשײנונג. דאָס עיקרדיקע, דאָס װעזנטלעכע קומט נישט אַלײן אין די הענט אַרײן. מען דאַרף עס זוכן, מען דאַרף עס קאָנען אָפּגעפֿינען, אָפּקלײבן, אַרױסברענגען, מען דאַרף עס קאָנען דערזען, דערבליקן. די דאָזיקע פֿעיִקײט פֿון קינסטלער איז אָבער פֿאַרבונדן מיט זײן סוביעקטיװער אײנשטעלונג, מיט זײן באַציִונג צום אַרום, מיט זײן באַציִונג צו די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן, מיט זײן באַציִונג צום קלאַסן-קאַמף. דאָס איז פֿאַרבונדן דערמיט, װאָס דער קינסטלער אָנערקענט אַלס טיפּיש, װאָס דער קינסטלער באַטראַכט אַלס פּאָזיטיװ און װאָס נעגאַטיװ, װאָס ער האַלט פֿאַר נײטיק צו פֿאַרגרעסערן. די שילדערונג פֿון דער טיפּישער סיטואַציע, פֿון דער טיפּישער געשטאַלט, איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער סוביעקטיװער באַציִונג פֿון קינסטלער צו איר. װאָס העכער ס'װעט זײן דער גראַד פֿון סוביעקטיװקײט, אַלץ שאַרפֿער װעט אַרױס דאָס טיפּישע אָביעקטיװע, עקזיסטירנדיקע בילד אָדער געשטאַלט. די טיפּישקײט איז אַזױ אַרום די הױפּט-סטערע, דורך װעלכער עס שלאָגט זיך אַדורך, דורך װעלכער עס אַנטפּלעקט זיך די באַציִונג פֿון קינסטלער צום סאָציאַלן אַרום, דורך װעלכער ס'קומט צום אױסדרוק זײן פּאָליטישע שטעלונג, זײן פּאַרטײאישקײט, זײן װעלט-אָנשױונג.

װען גאָגאָל האָט געשילדערט זײנע געשטאַלטן, זײן טשיטשיקאָװ, זײן כלעסטאַקאָװ, זײן מאַנילאָװ און אַנדערע איז ער געװען לגבי זײ פּאַרטײאיש, ער האָט לגבי זײ געהאַט זײן פֿעסטגעשטעלטע נעגאַטיװע מײנונג, מיט װעלכער ער האָט אָנגעשטעקט און באַװוסטזיניק געװאָלט אָנשטעקן זײן לײענער אָדער טעאַטער-

צישויער. נאָך מער, זיין פּאַרטייאישע שטעלונג, זיין נעגאַטיווע באַציונג צו דער ליבאייגנטימערשער אָרדענונג, זיין פּאַרטייאישע פּאַרביסנקייט, זיין גאַליקע שנאה — זענען געווען די טרייב=קרעפטן ביים פאַרשאַרפן די נעגאַטיווקייט פון די סיטואַציעס און פון די געשטאַלטן, פון זייערע אייגנשאַפטן און האַנדלונגען. די טיפּישקייט פון די געשטאַלטן, פון דער געשילדערטער סביבה איז אַזוי אַרום אַן אָפּשפּיגלונג פון דער פּאָליטישער פּאָזיציע, וואָס דער קינסטלער פאַרנעמט אין קלאַסן=געראַנגל. ס'קאָן זיך אַמאָל טרעפן, אַז דער קינסטלער איז אַפילו נישט אימשטאַנד געגוי פּ ו ב ל י צ י ס ט י ש צו פאָרמולירן זיין פּאָליטישע שטעלונג, ער קאָן אַפילו פאָרמעל זיין „אומפּאַרטייאיש“, אָבער דורך דעם אופן, דורך דעם טיפּישן אופן פון קינסטלערישער שילדערונג, פאַרנעמט ער א דעצידירטע שטעלונג, פאַרנעמט ער אַ פּאַרטייאישע פּאָזיציע.

ווען עמעצער וואָלט געפרעגט שלום=עליכמען, צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט, וואָלט ער זיכער געענטפערט, אַז ער איז אומפּאַרטייאיש, הגם ער איז נישט פריי פון די אָדער יענע פּאָליטישע סימפּאַטיעס. שלום=עליכמען פון „טביה דעם מילכיקן“, פון „מנחם=מענדל“, פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ דאַרפן מיר נישט פרעגן, צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט. זיינע ווערק, זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס לגבי זיינע געשילדערטע געשטאַלטן רעדן קלאָר און דייטלעך וועגן זיין פּאַרטייאישקייט. זיין באַציונג צו דער יידישער בורזשואַזיע איז אַן אויסגעשפּראָכן נעגאַטיווע, זיין באַציונג צו די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן איז אַן אויסגעשפּראָכן פּאָזיטיווע. די ערשטע האָט ער פיינט, די צווייטע האָט ער ליב. ער גייט מיט די מאַסן קעגן דער בורזשואַזיע. און דאָס איז די די פּאַרטייאישקייט פון שלום=עליכמען, וואָס באַקומט איר אויסדרוק און די טיפּיש=געשילדערטע געשטאַלטן. שלום=עליכמס געלעכטער איז זיין קינסטלעריש קלאַסן=געווער, זיין פּאַרטייאיש קינסטלעריש כלי=זיין, וועלכע באַשטימען זיין פּאָזיציע אין קלאַסן=קאַמף.

ד) די טיפּישקייט אלס פּאליטיש פּראבלעם

דאָס פּראָבלעם פון טיפּישקייט איז שטענדיק אַ פּאָליטיש פּראָבלעם. די דאָזיקע פאָרמולירונג פון חבר מאַלענקאָוו אונטערשטרייכט די איבערגעשטאַלטנדיקע און דערציערישע ראָל פון דער קונסט. אויבן האָבן מיר געזען די ענגע פאַרבינדונג, וועלכע איז פאַראַן צווישן דער טיפּישקייט אין דער רעאַליסטישער קונסט און דער פּאַרטייאישקייט פון קינסטלער, פון שרייבער. די פּאַרטייאישקייט פון קינסטלער איז אָבער נישט קיין סטאַטישע. זי איז אַ דינאַמישע, אַ סוגעסטיווע, אַ פּאָרויסשטויסנדיקע. דער מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם פאַרלאַנגט פון שרייבער, פון קינסטלער, פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, באַזונ=

דערס ביים אָפּקלייבן דעם קינסטלערישן שטאָף. דער שרייבער, דער קינסטלער שפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט, ער איז דערציער, ער איז וועגווייזער, ער איז וויזיאָנער, ער שילדערט דעם היינט מיטן אויסבליק אויפן מאָרגן, מיטן אַריינקוק אינעם מאָרגן. די פּאָליטישע ראָל פון קינסטלער איז נישט אָפּצופרעגן, נישט צו פאַרלייקענען. באַזונדערס איז ער אַקטיוו פּאָליטיש, ביים טיפּיזירן די אָדער יענע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, די אָדער יענע געזעלשאַפטלעכע געשטאַלט.

דאָס טיפּיזירן די פּאָזיטיווע געשטאַלט, דאָס טיפּיזירן די נעגאַטיווע געשטאַלט איז שטענדיק פאַרבונדן מיט די קאָנקרעטע פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער געגעבענער צייט, מיט דער פּאָליטישער אויפפאַסונג פון דער געגעבענער דערשיינונג, וואָס האַרף געלייגט ווערן אין יסוד פון דער קינסטלערישער טיפּיזירונג.

לאָמיר נעמען אַ פּאָר ביישפּילן. קרושקאָווסקי האָט אונדז אַרויסגעבראַכט אין זיינע „דייטשן“ לעבעדיקע געשטאַלטן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. דאָס טיפּיזירן די דאָזיקע געשטאַלטן איז פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער אָפּשאַצונג פון די כוחות פון דער דייטשישער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם היטלעריזם, וועלכע האָבן טייל אַקטיוו (דער אַנטלאָפענער אַנטיהיטלעריסטישער אַרעסטאַנט), טייל בלויז פּסיכיש (דער פּראָפעסאָר, זיין מאָכטער) זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער צעשטערערישער ווירקונג פון היטלעריזם. טיפּיזירן די דאָזיקע פּאָזיטיווע געשטאַלטן, טיפּיזירן די נעגאַטיווע געשטאַלטן — דעם היטלעריסט, זיין מוטער איז אַזוי אַרום אַ פּראָבלעם אַ פּאָליטיש, סיי פון שטאַנדפּונקט פון אמתדיקער אָפּשאַצונג פון די געשיכטלעכע פּראָצעסן, סיי פון שטאַנדפּונקט פון זייער אַקטועלן פּאָליטישן אויסקלאַנג.

אַ צווייטער ביישפּיל. נעווערליס „דער אָנדענק פון צעלולאָזע“. די טיפּיזירונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן, פון שטשענסני, אָלעניטשאַק, מאַדזיאַ איז אומבאַדינגט אַ פּראָבלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט אין פּוילן, מיט דער היסטאָרישער ראָל, וועלכע ס'האָט אָפּגעשפּילט אין לעבן פון פּוילישן אַרבעטער-קלאַס, אין לעבן פון פּוילישע פאָלק די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן.

דאָס אַלץ שעפּט נישט אויס דאָס פּראָבלעם פון טיפּישקייט אַלס פּאָליטיש פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם פון טיפּישקייט איז אַ פּאָליטיש פּראָבלעם נאָך צוליב איין אומשטאַנד. די טיפּיזירונג פון געשטאַלטן און סיטואַציעס פירט נויטווענדיקערהייט דעם קינסטלער צו דערגרונטעווען זיך צו די וועזנטלעכסטע, צו די עיקרדיקסטע פּראָצעסן, צו די וועזנטלעכסטע און עיקרדיקסטע סאָציאַלע כוחות, צו די פּרינציפּיעל-קעגנזעצלעכע קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

צו די הויפּט־קלאַסן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע אַרבעטן פריינדשאַפטלעך צוזאַמען (למשל, דער אַרבעטער־קלאַס און אַרבעטנדיק פּויערטום אין די לענדער פון סאָציאַליסטישן לאַגער). בקיצור — די טיפּישקייט פירט דעם קינסטלער צו די הויפּט־קלאַסן און זייערע פאָרשטייער און צו די באַציונגען, וועלכע הערשן צווישן די דאָזיקע קלאַסן. צי קאָן געמאָלט זיין, אַז די רעאַליזאַציע פון די דאָזיקע אויפגאַבן זאָל קאָנען אויסמיידן די פּאָליטישע פּראָבלעמען? דאָס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך. ווייל די דאָזיקע פּראָצעסן, דער קאַמף, די געשטאַלטן, וועלכע טרעטן אויף אין קאַמף — דאָס אַלץ איז נישט אָפּצוטיילן פון דער פּאָליטיק. נאָך מער, די פּאָליטיק רעאַליזירט זיך דורך זיי און אַראַנק זיי.

צי קאָן זיין אַ רייד, אַז ביים טיפּיזירן, ביים אָפּקלייבן דעם סאָציאַלן שטאָף און זיינע טרעגער זאָל דער שרייבער קאָנען אויסמיידן פּאָליטישע פּראָבלעמען? דאָס איז אויסגעשלאָסן. פאַרקערט, די טיפּיזירונג וועט זיין אַלץ עכטער, וואָס גענויער דער שרייבער וועט קענען די פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק, מיט וועלכער עס זענען פאַרבונדן, מיט וועלכער עס לעבן זיינע געשטאַלטן און וועלכע פּענעטרירן די געגעבענע סאָציאַלע סיטואַציעס. שוין דער אָפּקלייב גופא איז אַ פּאָליטישע האַנדלונג, איז פּאָליטישע באַלויכטונג, איז פּאָליטישע אָפּשאַצונג. טיפּיזירונג איז די פּאָליטישע אַקטיוויזירונג פון קינסטלער מיט דער הילף פון קינסטלערישע מיטלען. אויב רעאַליסטישע שילדערונג קאָן נישט און וויל נישט אויסמיידן פּאָליטישע פּראָבלעמען, איז די טיפּיזירונג פון דער רעאַליסטישער שילדערונג די קווינטעסענץ פון דער פּאָליטיק, געשטאַלטיקט מיט קינסטלערישע מיטלען, דורך פּלאַסטישע בילדער און עמאָציאָנעלן קלאַנג פון פּאָעטישן וואָרט.

אָט פאַרוואָס די טיפּיזירונג האָט אַ דערציִערישע און קאָמוניקאַטיווע באַדייטונג.

אָט פאַרוואָס די טיפּיזירונג איז פאַרבונדן מיט פּאָליטיק.

באַזונדערס בולט דערשיינט די טיפּישקייט אַלס פּאָליטיש פּראָבלעם ביים קינסטלער, וועלכער ווענדט אָן אין זיין קינסטלערישן שאַפן דעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ער באַטראַכט די טיפּישקייט באַוווסטזיניק אַלס פּאָליטישע פראַגע. אין יסוד פון קינסטלערישן שטאָף־אָפּקלייב פאַר דער טיפּישער סיטואַציע, פאַר דער טיפּישער געשטאַלט ליגט דער פּאָליטישער צוגאַנג, די פּאָליטישע אָפּשאַצונג פון אויטאָר, ליגט דער גראַד פון זיין פּאָליטישן באַוווסטזיין, ליגט זיין פּאַרטייאישקייט. די טיפּיזירונג, למשל, פון אַזעלכע סאָציאַלע דערשיינונגען אין די לענדער פון סאָציאַליזם ווי מאַסנהאַפטיקייט פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, ענטוזיאַזם אינעם שעפערישן אַרבעטס־פּראָצעס, סאָציאַליסטישער געוועט, באַהערשונג פון דער נאַטור־סטיכיע, פּאָליטיש־מאָראַלישע אייגנהייט פון פאָלק, קולטור־אויפשוואונג און אַזוי ווייטער קאָן רעאַליזירט ווערן בלויז ווי אַ קינסטלערישע לייזונג פון דורכויס פּאָליטישע פּראָבלעמען. דעסגלייכן די טי־

ביזירונג פון אַזעלכע סאָציאַלע דערשיינונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי אַרבעטלאָזיקייט, שטרייק־קאַמפן, שלום־אַקציעס, נאַציאָנאַל־באַפרייערישער קאַמף קאָן רעאַליזירט ווערן בלויז ווי אַ קינסטלערישע לעזונג פון דורכויס פּאָליטישע פּראָבלעמען.

דאָס פּראָבלעם פון טיפּישקייט איז שטענדיק אַ פּאָליטיש פּראָבלעם.

צום פּראָבלעם פון טיפּ און אינדיוויד

אויב דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם שטעלט פעסט, אַז דאָס טיפּישע איז נישט דאָס דורכשניטלעכע, דאָס וואָכעדיקע, דאָס אויבנאויפיקע, נאָר דאָס וועזנטלעכע, אָפּגעקליבענע, באַוווסטזיניק פאַרגרעסערטע, די ספערע פון פּאַרטייאיש־פּאָליטישן פון דער געגעבענער סאָציאַל־היסטאָרישער דערשיינונג, הייסט עס לחלוטין נישט, אַז דאָס טיפּישע איז אָפּגעריסן פון אינדיווידועלן אָדער שליסט אויס דאָס אינדיווידועלע. אַזוי מיינען וואָלט געווען פאַלש.

פאַרקערט. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פאַרבינדט אָרגאַניש דאָס טיפּישע מיטן אינדיווידועלן. נאָך מער, דאָס טיפּישע עקזיסטירט נישט אָן דעם אינדיווידועלן. דער קערן פאַרן טיפּישן איז דאָס אינדיווידועלע. שילדערן טיפּיש אָן דעם אינדיווידועלן, הייסט שאַפן סכעמע, הייסט זיך אָפּרייסן פון לעבעדיקן מענטשן, פון דער לעבעדיקער געזעלשאַפט. די הויפּט־מעלה פונעם טיפּישן באַשטייט צווישן אַנדערן דערין, וואָס מיט דער הילף פון טיפּישן מאַכט דער קינסטלער קלאָרער, רעליעפער, בולטער דאָס אינדיווידועלע. כדי אַ געשטאַלט זאָל זיין אָדער ווערן טיפּ, מוז זי קודם־כל זיין מ ע נ ט ש, פשוטער אינדיוויד, יחיד. אין זיין בריוו צו דער שריפטשטעלערין מינאַ קאַוטסקי וועגן איר ראָמאַן „סטעפאַן פאַן גרילענהאָף" שרייבט ענגעלס:

> „די כאַראַקטערן פון דער און יענער סביבה זענען געצייכנט מיט דער אייגנטלעכער פאַר אייך אינדיווידואַליזירונג; יעדער איינער איז אַ טיפּ, אָבער צוגלייך דערמיט אַ באַשטימטער יחיד, אַ „דער", ווי ס'וואָלט זיך אויסגעדריקט דער אַלטער העגעל, און אַזוי דאַרף עס זיין" („מאַרקס און ענגעלס וועגן קונסט און ליטעראַטור", זייט 102).

די גאַנצע געשיכטע פון דער רעאַליסטישער קונסט איז איין באַשטעטיקונג פון דער דאָזיקער טעזע. אַלע טיפּישע געשטאַלטן, וועלכע ס'האָבן אונדז געגעבן די גרויסע מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור און וועלכע האָבן דורכגעלעבט פיל דורות און וועלן לעבן נאָך פיל דורות, זענען אַ סינטעז פון טיפּישן מיטן אינדיווידועלן, זענען ל ע ב ע ד י ק ע מענטשן פון אַ קאָנקרעטער היסטאָרישער סביבה, געבונדן מיט דער דאָזיקער סביבה, מענטשן מיט פשוטע מענטשלעכע מעלות און חסרונות. און אַנדערש קאָן עס נישט זיין. נישטאָ אין דער נאַטור

און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן קיין אַלגעמיינס אָן דעם איינצלנעם. דאָס אַלגע־מיינע איז אַ טייל פון איינצלנעם. אָן דעם איינצלנעם איז נישט פאַראַן, עקזיסטירט נישט דאָס אַלגעמיינע.

„דאָס אַלגעמיינע — שרייבט לענין — עקזיסטירט בלויז אין באַזונ־דערן, דורכן באַזונדערן. יעדער באַזונדערס איז (אַזוי אָדער אַנדערש) דאָס אַלגעמיינע. יעדער אַלגעמיינס איז (אַ טיילכל אָדער אַ זייט אָדער דער תוך) פון באַזונדערן. יעדער אַלגעמיינס כאַפּט בלויז אַן ערך ארום אַלע באַזונ־דערע קעגנשטאַנדן. יעדער באַזונדערס גייט נישט פול אַריין אין אַלגעמיי־נעם אאַוו. יעדער באַזונדערס איז מיט טויזנטער איבערגאַנגן פאַר־בונדן מיט די באַזונדערע (זאַכן, דערשיינונגען, פּראָצעסן) פון אַן אַנדער מין".

(מאַרקס, ענגעלס, מאַרקסיזם, פאַרלאַג „קסיאָנזשקאַ", זייט 230).

אַלע גרויסע פּאָרטרעטן זענען געשאַפן געוואָרן אויפן יסוד פון באַשטימטע אינדיווידועלע מאָדעלן. כדי דער מאָלער־קינסטלער זאָל אונדז געבן אַ טיפּישן פּייזאַזש, מוז ער פריער האָבן דעם אינדיווידועלן נאַטור־מאָדעל.

דאָס דאַרף אָבער נישט פאַרשטאַנען ווערן, אַז דאָס אינדיווידועלע איז מער נישט ווי דער אָביעקט, דער אָנשפּאַר פאַרן טיפּישן. כדי דער קינסטלער זאָל אַרויסבאַקומען אַ טיפּישע געשטאַלט, מוז ער פּאָרטיפן די אינדיווידואַליזירונג. בלויז די פּאָרטיפטע אינדיווידואַליזירונג איז דער וועג צום טיפּישן.

דאָ קומען מיר מאַקע צו צום וועזנטלעכן אונטערשיד צווישן רעאַליסט און נאַטוראַליסט. ביידע גייען אַרויס פון איין פּאָזיציע. ביידע נעמען דעם אינדיוויד, דעם יחיד אַלס אָביעקט פאַר זייער שילדערונג. דער נאַטוראַליסט באַגנוגנט זיך אָבער מיט דער אויסערלעכקייט פון יחיד, מיט צופעליקייטן, כימן פאָטאָגראַפירן, בעת דער רעאַליסט הייבט אָן דעם פּראָצעס פון פאַר־טיפן דאָס אינדיווידועלע, אָפּקלייבן דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אים, אָפּוואַרפן דאָס צופעליקע און אויסערלעכע.

מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן:

„באַשרייבנדיק אַ באַקאַנטן קרעמער, באַאַמטן, אַרבעטער, וועט דער ליטעראַט מאַכן אַ מער אָדער ווייניקער געלונגענע פאָטאָגראַפיע בלויז פון איין מענטש, אָבער דאָס וועט זיין בלויז אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין סאָציאַל־דערציערישע באַדייטונג, און זי וועט כמעט גאָרנישט געבן פאַר אויסברייטערן און פאַרטיפן אונדזער וויסן וועגן מענטש, וועגן לעבן. אויב אָבער דער שרייבער וועט קענען אַבסטראַהירן פון יעדן פון 50—20, פון הונדערט קרעמער, באַאַמטע, אַרבעטער די צום מייסטן כאַ־

ראַקטעריסטישע קלאַסן־שטריכן, געוווינשאַפטן, געשמאַקן, זשעסטן, גליי־בונגען, שפּראַך־אופנים אאוו — אַבסטראַהירן און פּאַראייניקן זיי אין איין קרעמער, באַאַמטן, אַרבעטער, וועט דער שרייבער אויף אַזאַ אופן שאַפן אַ „טיפּ“ — דאָס וועט זיין קונסט“.

(„וועגן ליטעראַטור“, רוסיש, זייט 201).

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פאַרלאַנגט דעריבער פון שרייבער, פון קינסטלער פּאַרטיפּטע אינדיווידואַליזירונג פון פּערסאָנאַזשן און סיטואַציע, אָן וועלכער ס'איז נישט מעגלעך דאָס אַרויסברענגען פון טיפּישע געשטאַלטן און טיפּישע סביבות.

IV. דאָס פּראָבלעם פון שיינקייט אין דער ליטעראַטור און קונסט

אין זיין אַרבעט „מאַרקסיזם און די פראַגן פון שפּראַך־קענטעניש“ שרייבט סטאַלין, אַז די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען האָבן אויסער געמיינזאַמע „זייערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וועלכע אונטערשיידן איינע פון די אַנדערע און וועלכע זיינען מער פון אַלעמען וויכטיק פאַר דער וויסנשאַפט“.

דערפון דרינגט דער לאָגישער אויספיר, אַז דערלערגען אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג קאָן מען נישט בלויז דורך דערלערנען, דערקענען דאָס געמיינזאַמע, וואָס בינדט די דאָזיקע דערשיינונג מיט אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, נאָר דער עיקר דורך דערלערנען, דערקענען דאָס ספּעציפישע פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג, דאָס אייגנאַרטיקע פון דער דאָזיקער דערשיינונג, מיט וועלכער זי שיידט זיך אונטער פון אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע דערשיינונגען.

איינע פון די עיקרדיקע ספּעציפישקייטן, אייגנאַרטיקייטן, מיט וועלכע די ליטעראַטור, די קונסט אונטערשיידט זיך פון אַנדערע דערקענטעניש־פאָרמען פון דערווירקלעכקייט, מיט וועלכע זי אונטערשיידט זיך פון אַנדערע געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונגען, אַלזאָ, איינע פון די עיקרדיקע ספּעציפישקייטן פון דער ליטעראַטור, פון דער קונסט בכלל — איז איר שיינקייט.

ווען מיר באַטראַכטן אַ מאָלערייש בילד, ווען מיר זעען אַ קינאָ־בילד, ווען מיר לייענען אַ בעלעטריסטיש בוך, ווען מיר הערן פּאָעזיע, מוזיק — ווען מיר באַטראַכטן אַ זון־פאַרגאַנג, אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, אַ בלום, אַ פּאַלגדיקן שניי, אַ רעגנבויגן אאַז"וו — איז איינע פון אונדזערע עיקרדיקע רעאַקציעס — דער אויסרוף: אַך, ווי שיין!

פאַרשידנערליי עסטעטיקער — אידעאַליסטן, עמפּיריקער באַמיען זיך פאַר־צושטעלן שיינקייט ווי אַ סוביעקטיווע קאַטעגאָריע. זיי האַלטן, אַז שיין איז דאָס,

וואָס געפעלט דעם מענטשן. זייער מענטאַליטעט איז אַזאַ: עס געפעלט מיר, איז עס שיין, ווען עס געפעלט מיר נישט — איז עס נישט שיין. זיי לייקענען אַזוי אַרום אין דער אָביעקטיווער עקזיסטענץ פון שיינקייט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַזאַ סוביעקטיוו־אידעאַליסטישער צוגאַנג צו שיינקייט איז אַ פאַלשער, אַזאַ „קרי־טעריע" פון שיינקייט זאָגט עדות פון דער דעקאַדענטישקייט, אויפגעבלאָזענעם בורזשואַזן אינדיווידואַליזם און דעגענערירטקייט פון בורזשואַזן „עסטעט".

שיינקייט איז אַן אָביעקטיווע און היסטאָרישע קאַטעגאָריע.

שיינקייט עקזיסטירט אָביעקטיוו אין דער נאַטור און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מענטש, אומאָפּהענגיק דערפון, צי דער מענטש באַטראַכט די שיינקייט צי נישט, צי ער האָט פון איר הנאה, צי ער געניסט פון איר צי נישט, צי זי געפעלט אים יאָ, צי זי געפעלט אים נישט. זי עקזיסטירט אין דער נאַטור און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי אַן עלעמענט פון דער נאַטור, ווי אַן עלעמענט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַן עלעמענט פון דער מענטשלעכער פראַקטישער טעטיקייט, ווי אַן עלעמענט פון דער מענטשלעכער שעפערישקייט בכלל. שיינקייט עקזיסטירט אין דער נאַטור, אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דער מענטשלעכער שעפערישקייט ווי אַ מאַטעריעלע דערשיינונג. דאָס הייסט, שיינקייט לאָזט זיך באַטראַכטן, אָבסערווירן, שיינקייט ווירקט אויף אונדזערע חושים, אויפן זע־חוש, אויפן הער־חוש; שיינקייט לאָזט זיך אַפילו אָנרירן, אָנטאַפּן. די שיינקייט פון זייד למשל לאָזט זיך מעסטן נישט בלויז מיט דער שיינקייט פון קאָליר, מיט דער אייגנאַרטיקייט פון שעמערירונג פאַרן אויג, נאָר לאָזט זיך אויך אָפּפילן דורך דער אייגנאַרטיקער ווייכקייט, סובטעלקייט פון שטאָף גופא. דאָס זעלביקע איז מיט אַנדערע שטאָפן. אויך די פּרעציזע גלאַטיקייט פון אַ וועלכן ס'איז האַרטן מאַטעריאַל, פון מעטאַל למשל, פילן מיר אָפּ אַלס שיינקייט, פילן מיר אָפּ עסטעטיש.

דער מענטש לעבט איבער פאַרשידענע געפילן. למשל פון כעס, פאַרדראָס, הונגער, זאַטקייט, באַליידיקונג, דערהויבנקייט אאַוו. צווישן די געפילן, וואָס דער מענטש לעבט איבער זענען פאַראַן אָנגענעמע און נישט אָנגענעמע. קאָנסטרוק־טיווע און צעשטערערישע. דער מענטש לעבט אָבער אויך איבער אַזעלכע געפילן, אין וועלכע ער פילט אָפּ שיינקייט. דאָס געפיל פון ליבע למשל צו אַ צווייטן מענטש: צו קינדער, צו עלטערן און צווישן געשלעכטער — אַנטהאַלט אויסער אַנדערע עלעמענטן, דעם עלעמענט פון שיינקייט.

אַלזאָ — שיינקייט איז אַן אָביעקטיווע מאַטעריעלע דערשיינונג, וואָס איר אָביעקטיווקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין די מענטשלעכע חושים און ווערט דורך זיי אין פאַרבינדונג מיטן מענטשלעכן געדאַנק דערקענט.

אויך דורך דער שיינקייט דערקענען מיר די אָביעקטיווע וועלט. די שיינקייט איז די עסטעטישע דערקענטעניש פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט.

שיינקייט אַלס אַלגעמיינע דערשיינונג לאָזט זיך טיילן אויף צוויי הויפּטספערן: די ספערע פון דער נאַטור און די ספערע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. הגם דאָס אַפּילן די שיינקייט פון דער נאַטור און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז אין אַלגעמיין דאָס זעלביקע — עקזיסטירט צווישן די דאָזיקע ספערן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד.

די שיינקייט פון דער נאַטור, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין אירע דריי עיקרדיקע פאָרמען — אין דער אַזויגערופענער טויטער נאַטור, אין דער פלאָרע און אין דער פאַונע — איז אַזוי צו זאָגן אַ קאָנסטאַנטע, כמעט ווי נישט פאַרענדערלעכע. די שיינקייט פון אַ לבנה־נאַכט האָט עקזיסטירט מיט צען אָדער מיט פופציק אָדער מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק, ווי זי עקזיסטירט היינט, און וועט עקזיסטירן מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער. דאָס זעלביקע אָן ערך לאָזט זיך זאָגן וועגן דער חיות־וועלט און פלאַנצן־וועלט. אוודאי קומט פאָר אויפן דאָזיקן געביט אַ כסדרדיקע אַנטוויקלונג. די חיות־וועלט און די פלאַנצן־וועלט האָט מיט צענדליקער טויזנטער יאָר צוריק אויסגעזען אַנדערש, ווי היינט. אָבער אין כלל גענומען, האָט זיך די שיינקייט פון בלומען, פון געוויסע פיש און חיות אין משך פון דער געשיכטע פון באַוווסטזיניקן מענטשן זייער ווייניק געענדערט, הגם דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג.

מיר ווייסן, אַז געוויסע פייגל גיבן אַרויס האַרמאָנישע קלאַנגען, זינגען, טייל אַפילו זייער שיין. אָבער שוין ענגעלס האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז די שיינקייט פון פייגלס געזאַנג איז אַ באַגרענעצטע, זי האָט נישט די פּערספּעקטיוו צו ווערן אַנדערש, זיך צו ענדערן, זיך צו פאַרפולקאָמען, זיך צו אַנטוויקלען. דער סאָלאָווי זינגט שוין אַזוי טויזנטער יאָרן, ער האָט געזונגען איידער דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו זינגען.

די שיינקייט פון דער נאַטור איז אַזוי אַרום אַ סטיכישע און איר אַנטוויקלונג איז אַזאַ, וואָס איין דור אָדער עטלעכע דורות מענטשן זענען נישט אימשטאַנד זי צו באַמערקן.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז מחמת דעם, וואָס די נאַטור־שיינקייט איז פיל עלטער פון דער שיינקייט, וועלכע דער מענטש האָט געשאַפן, דאָס הייסט פון דער קונסט, האָט דער מענטש דערקענט די נאַטור־שיינקייט פריער, איידער ס'איז אויפגעקומען די קונסט. אַזאַ מיינונג וואָלט געווען פאַלש. מיר וואָלטן דאָ אַריינגעפאַלן אין דעם ריינעם אידעאַליזם פון יענע עסטעטיקער, וועלכע פאַרבינדן די דערקענטעניש פון דער שיינקייט בכלל און נאַטור־שיינקייט בפרט מיט דעם אַזויגערופענעם „איראַציאָנעלן“, „אירעקזיסטירנדיקן“, לויט זייער אויפפאַסונג, רעליגיעזן געפיל. די דערקענטעניש פון דער נאַטור־שיינקייט האָט נישט געקאָנט אויפקומען און איז נישט אויפגעקומען פאַר דער אַנטשטייונג פון דער קונסט, פון די געשאַפענע דורכן מענטשן שיינקייטס־

ווערק, בלויז אין פּראָצעס פון מענטשלעכער ארבעט בכלל און *עסטעטישער טעטיקייט* בפרט האָט דער מענטש אָנגעהויבן אָבסערווירן און באַמערקן די נאַטור־שיינקייט. סיי דער עסטעטישער אָביעקט (פאַרן מענטשן) סיי די עסטעטישע באַדערפעניש זענען אויפגעקומען אויף א געוויסער שטופע פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו פאָרמירן מאַטעריעלע ווערטן אין הסכם מיט זייער נאַטור. די מענטשלעכע אַרבעט פאַרפולקאָמט זיך שטופנווייז און דערגרייכט צום אָנהייב פון קונסט.

„*די געפילן* פון א געזעלשאַפטלעכן מענטשן — שרייבט מאַרקס — זענען *אַנדערע* ווי ביי א נישט געזעלשאַפטלעכן. בלויז דאַנק דער (קעגנשטעלנדער) אָביעקטיוו פאַנאַנדערגעוויקלטער רייכקייט פון מענטשלעכן וועזן באַקומט זיך די רייכקייט פון דער אָביעקטיווער מענטשלעכער געפילמעסיקייט, באַקומט זיך דאָס מוזיקאַלישע אויער, דאָס אויג, וואָס איז ביכולת צו פאַרשטיין די שיינקייט פון פאָרם" (מאַרקס און ענגעלס, ווערק, באַנד 3, זייט 627, רוסיש).

אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז די שיינקייט נישט בלויז אַן אָביעקטיווע קאַטעגאָריע, נאָר אויך א היסטאָרישע קאַטעגאָריע. די שיינקייט אַנטוויקלט זיך, זי מאַכט דורך די געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

די שיינקייט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז אינטעגראַל פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער פּראַקטישער טעטיקייט, מיט דער מענטשלעכער *שעפערישער* טעטיקייט. איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג און אונטערגאַנג פון די ביזאיצטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס, איז פאַרבונדן מיטן קלאַסן־קאַמף און זיין אַנטוויקלונג, איז אַן עלעמענט פון דעם געזעלשאַפטלעכן קלאַסן־איבערבוי פון די געגעבענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס. פאַרשטענדיק דאָס עכט־שיינע פון די פאַרגאַנגענע פאָרמאַציעס, מאַכט דורך די שיינקייט, די קונסט — אַ דורכויסיקע אַנטוויקלונג פאָרויס.

אָבער נישט בלויז דער רעלאַטיווער היסטאָריזם איז דער איינציקער וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן דער סטיכישער שיינקייט פון דער נאַטור און דער שיינקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. איינער פון די עיקרדיקע, וועזנטלעכע אונטערשידן צווישן זיי באַשטייט דערין, וואָס די שיינקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, דאָס הייסט די שיינקייט, וועלכע עס שאַפט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, דער מענטש, *אַנטהאַלט אידעען* און *איז פאַרבונדן מיט די קאָנקרעטע לעבנס־אמתן, מיטן קאָנקרעטן קלאַסן־קאַמף פון דער געגעבענער מענטשלעכער געזעלשאַפט*. אָן קאַמף, אָן אידעען, אָן לעבנס־אמתן איז נישט פאַראַן קיין שעפערישע שיינקייט, איז נישט פאַראַן קיין קונסט, וואָס טי־

פֿאַר די אידעען, וואָס פֿולקאָמער ס'איז אַרויסגעבראַכט דער לעבנס־אמת, אַלץ גרעסער, אַלץ עכטער איז די שיינקייט, די קונסט. איר ווירקונג איז דעמלט שטאַרקער, טיפֿער.

שוין ביעלינסקי האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, הגם אויף אַ העגעליאַנישן אופֿן געשריבן:

> „אַז די שיינקייט איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פֿון דער קונסט, אַז אָן שיינקייט איז נישט פֿאַראַן און קאָן נישט זיין קיין קונסט — דאָס איז אַן אַקסיאָמע. נאָר מיט בלויזער שיינקייט אַליין וועט די קונסט נאָך ווייט נישט דערגיין, באַזונדערס אין אונדזער צייט. די שיינקייט איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פֿון יעטוועדער עמאָציאָנעלער אַנטפּלעקונג פֿון דער אידעע". (אויסגעוויילטע ווערק, „אַ רעדע וועגן קריטיק", זייט 377).

אַ צווייטער וועזנטלעכער עלעמענט פֿון דער שיינקייט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אין פֿאַרגלייך מיט דער סטיכישער שיינקייט פֿון דער נאַטור — איז דער עלעמענט פֿון *שעפֿערישקייט*. די שיינקייט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט איז אַ שיינקייט, *אַ געשאַפֿענע* אין משך פֿון דורות דורכן מענטש גופֿא. אַלזאָ, נישט קיין סטיכישע, נאָר אַ באַוווּסטזיניק־שעפֿערישע. די דאָזיקע שיינקייט רופֿן מיר אָן קונסט. די שיינקייט פֿון דער נאַטור, ווי שיין, ווי פּרעכטיק זי זאָל נישט זיין, באַטראַכטן מיר דעריבער נישט אַלס קונסט־ווערק. בלויז די שיינקייט, וואָס איז געשאַפֿן דורכן מענטשן, דורכן מענטשלעכן קינסטלערישן געניוס באַטראַכטן מיר אַלס קונסט־ווערק.

נאָך אַ מאָמענט, וואָס אונטערשיידט די שיינקייט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט פֿון דער סטיכישער שיינקייט פֿון דער נאַטור, וואָס אונטערשיידט הייסט עס די קונסט פֿון דער נאַטור־שיינקייט, איז דער פֿאַקט, וואָס די קונסט מאַכט דורך אַן אַנטוויקלונג אין זין פֿון *פֿילגעשטאַלטיקייט* און *פֿילפֿאָרמיקייט*. די אַנטוויקלונג פֿון דער קונסט איז פֿאַרבונדן אין זין פֿון פֿילפֿאָרמיקייט און פֿילגעשטאַלטיקייט מיט דער אַנטוויקלונג פֿון פּראָדוקציע־פּראָצעס, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער טעכניק.

> „ראַפֿאַעל, פּונקט ווי יעדער אַנדערער קינסטלער, איז געווען באַדינגט דורכן טעכנישן פּראָגרעס פֿון דער קונסט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר אים, דורך דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט און אַרבעטס־פֿאַנאַנדער־טיילונג אין זיין געגנט און ענדלעך דורך דער אַרבעטס־פֿאַנאַנדערטיילונג אין אַלע לענדער, מיט וועלכע זיין געגנט האָט פֿאַרקערט". (מאַרקס־ענגעלס „די דייטשע אידעאָלאָגיע", זייט 373—369).

למשל די פֿילם־קונסט. דאָס איז אַ ניי קונסט־געביט, אַ נייע קונסט־פֿאָרם, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער היינטצייטיקער טעכניק.

דאָס זעלביקע לאָזט זיך אָנווענדן לגבי דער מוזיק, ווי די אַנטוויקלונג פון דער אינסטרומענטאַציע איז פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק.

דערפון טאָר מען אָבער נישט מאַכן דעם אויספיר, אַז דער אַנטוויקלונגס=ניוואָ פון אַלע קונסט=זשאַנרן איז *דירעקט אָפּהענגיק* פון דעם אַנטוויקלונגס=ניוואָ פון די פּראָדוקציע=כוחות. אַזוי, למשל, ווייזט אָן מאַרקס, האָט די אַלט=גריכישע קונסט דערגרייכט זייער אַ הויכן ניוואָ, הגם די פּראָדוקציע=כוחות זענען געשטאַנען אויף אַ נידעריקער שטופע. און פאַרקערט, ווייזט אָן מאַרקס, איז דער קאַפּיטאַליזם מיט זיין הויכן אַנטוויקלונגס=ניוואָ פון די פּראָדוקציע=כוחות נישט גינסטיק, פיינטלעך לגבי דער קונסט.

„די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז פיינטלעך לגבי געוויסע געביטן פון דער גייסטיקער פּראָדוקציע, ווי דאָס איז קונסט און פּאָעזיע“ („די טעאָריע פון מערווערט“, באַנד 1, זייט 239, 4=טע רוסישע אויסגאַבע).

מאַרקס ווייזט אָן, אַז יעדעס גרויס ווערק, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם איז קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די פאַראייניקטע שטאַטן למשל האָבן להלוטין נישט באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פון דער קונסט און ליטעראַטור, הגם די פּראָדוקציע=כוחות האָבן דאָרט דערגרייכט אַ הויכע אַנטוויקלונגס=שטופע. די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און קונסט איז גיכער פאַרבונדן מיט דער שפּאַנונג פון פּאָליטישן קאַמף אין דער געגעבענער קלאַסן=פאָרמאַציע. אַזוי, למשל, איז דער זייער הויכער ניוואָ פון דער רוסישער ליטעראַטור און קונסט אין משך פון 19=טן יאָרהונדערט געווען פאַרבונדן מיט דער שטאַרקער געשפּאַנטקייט פון די פּאָליטיש=געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און נישט מיט די פּראָדוקציע=כוחות, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַ נידעריקע אַנטוויקלונגס=מדרגה.

פון דעם אויבנגעזאָגטן טאָר מען אָבער נישט מאַכן דעם פאַלשן אויספיר, אַז די קונסט איז אָפּגעריסן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע. אַזוי טראַכטן וואָלט געהייסן אַריינפאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם.

די קונסט, דאָס הייסט די געשאַפענע דורכן היסטאָרישן מענטשן שיינקייט=ווערק איז פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער אַרבעט, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, באַזונדערס אין דער עפּאָכע פון דער באַפרייונג פון מענטש פון זיין היהשן צושטאַנד, איז פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון זיינע אָרגאַנען, חושים — בקיצור, זי איז פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון דער פאַרמענטשלעכונג פון דעם מענטש.

ענגעלס שרייבט:

„די האַנט איז אַלזאָ נישט בלויז אַן אַרבעטס=געצייג, *זי איז אויך איר פּראָדוקט*, בלויז אַדאַנק דער אַרבעט, אַדאַנק דעם צופּאַסן זיך צו אַלץ נייע פונקציעס, אַדאַנק דעם פאַרירשענען הורך דעם די

דערגרייכטע ספּעציעלע אַנטוויקלונג פון מוסקול און בענדער, און אין משך פון אַ לענגערער צייט אויך פון די ביינער, אַדאַנק דער אומאויפהערלעכער אָנווענדונג פון די געירשנטע פאַרפולקאָמונגען לגבי נייע, אַלץ קאָמפּליצירטע טעטיקייטן — האָט די מענטשלעכע האַנט דערגרייכט אַזאַ הויכע פולקאָמענהייט=שטופע, אַז זי איז אַדאַנק איר אימשטאַנד געווען אויסצוכישופן די בילדער פון ראַפאַעל, די סטאַטועס פון טאָרוואַלדסען, די מוזיק פון פּאַגאַניני".

(„די ראָל פון אַרבעט אין פּראָצעס פון פאַרמענטשלעכונג פון דער מאַלפּע". מאַרקס=ענגעלס „אויסגעוויילטע ווערק", באַנד 2, זייטן 70—75 „קסיאָנזשקאַ אי וויעדזאַ").

ווי מיר זעען, איז די קונסט, די שיינקייט=ווערק, געשאַפענע דורך דער מענטשהייט אין משך פון איר געשיכטע, פאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע, מיט די איינריכטונגען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, מיט אַלע פאָרמען פון מענטשלעכן באַוווסטזיין, וועלכע זענען אויפגעקומען אין משך פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די אויסבילדונג פון די פינף חושים איז אַן אַרבעט פון דער גאַנצער ביז איצטיקער וועלט=געשיכטע (מאַרקס). אָבער נישט בלויז דער מענטש האָט געשאַפן די קונסט, אויך די קונסט האָט געהאָלפן געשטאַלטיקן דעם מענטש.

וואָס זשע שטעלט פאָר מיט זיך די קונסט?

די קונסט איז אַ שעפערישע טעטיקייט פון מענטשלעכן באַוווסטזיין, אַ דענקפאָרם פון מענטשלעכן באַוווסטזיין אויף צו דערקענען דאָס אַלץ, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטשן. די קונסט איז אַ באַשטימטע דערקענטעניש=פאָרם פון דער ווירקלעכקייט. אַ מיטל פון מאַכן זיך באַוווסט די ווירקלעכקייט. מיר זאָגן אַ באַשטימטע דערקענטעניש=פאָרם, ווייל זי איז נישט די איינציקע דערקענטעניש=פאָרם. פאַראַן אויך אַנדערע דערקענטעניש=פאָרמען פון דער ווירקלעכקייט. די וויסנשאַפט איז אויך אַ דערקענטעניש=פאָרם פון דער ווירקלעכקייט. כלערליי אַגנאָסטיקער, דאָס הייסט מענטשן, וועלכע לייקענען אין דער מעגלעכקייט, דער מענטש זאָל זיין אימשטאַנד צו דערקענען די ווירקלעכקייט, די וועלט, איר גאַנג, אירע געזעצן, לייקענען אויך אין דער קונסט אַלס איינע פון די מענטשלעכע דערקענטעניש=פאָרמען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, זענען די דאָזיקע „טעאָריעס" פאַלשע, רעאַקציאָנערע און האָבן פאַר אַ ציל צו האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און פון דער קונסט. דער מאַרקסיזם=לעניניזם האָט שוין לאַנג צעשמעטערט די דאָזיקע פאַלשע בורזשואַזע איינשטעלונגען. דער מאַרקסיזם=לעניניזם פאַרטיידיקט די וויסנשאַפט און די קונסט אַלס באַשטימטע דערקענטעניש=פאָרמען פון מענטשלעכן באַוווסטזיין, וועלכע זענען אימשטאַנד אָפּצושפּיגלען די אָביעקטיווע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור און אין דער מענטש=

לעכער געזעלשאַפט, אויסצוגעפינען זייער געזעצמעסיקייט און צו שאַפן דעם *רעאַלן יסוד* פאַר דער מענטשלעכער קאָמפּליצירטער פּראַקטישער טעטיקייט. די מענטשלעכע פּראַקטישע טעטיקייט, וואָס רעאַליזירט זיך אויפן יסוד פון דער אָפּגעשפּיגלטער דורך דער וויסנשאַפט און קונסט ווירקלעכקייט און אירע געזעצמעסיקייטן, שטעלט פאַר מיט זיך טאַקע די *קאָנטראָל* פון דער ריכטיקייט פון דער אָפּשפּיגלונג און איז דער אָנשוילעכער באַווייז פון דער ריכטיקייט, מעגלעכקייט און נויטווענדיקייט אָנצווענדן די וויסנשאַפט און קונסט אַלס דערקענטעניש־פאָרמען פון דער נאַטור און מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויב די וויסנשאַפט און די קונסט זענען דערקענטעניש־פאָרמען פון מענטשלעכן באַוווסטזיין לגבי דער ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטש, באַדייט עס לחלוטין נישט, אַז די וויסנשאַפט און קונסט איז איינס און דאָס זעלביקע.

אויב דורך דער וויסנשאַפט און דורך דער קונסט איז דער מענטש אימשטאַנד צו דערקענען די אַרומיקע ווירקלעכקייט הייסט עס, אַז די דערקענטעניש איז צווישן אַנדערן דאָס געמיינזאַמע, וואָס בינדט די דאָזיקע צוויי פאָרמען פון מענטשלעכן באַוווסטזיין. געמיינזאַמס הייסט נאָך אָבער נישט אידענטיש. פּונקט ווי די קונסט און וויסנשאַפט זענען צווישן זיך *געבונדן*, פּונקט אַזוי *אונטערשיידן* זיי זיך איינע פון די אַנדערע. דאָ גייען מיר צו צו דער ספּעציפיק פון דער קונסט, צו דער ספּעציפיק, וואָס איז אַ וועזנטלעכער פאַקטאָר ביים אַנאַליזירן און אויספאָרשן פאַרשידענע דערקענטעניש־געביטן.

מיט וואָס זשע אונטערשיידט זיך די קונסט פון דער וויסנשאַפט? ווו ליגט דאָס ספּעציפישע פון דער קונסט?

דאָס ספּעציפישע פון דער קונסט באַשטייט דערין, וואָס זי נעמט אויף דעם *זעלביקן אָביעקטיוון* אינהאַלט פון דעם ווירקלעכן אַרום *אַנדערש*, ווי עס נעמט אים אויף די וויסנשאַפט. די וויסנשאַפט נעמט אויף דעם ווירקלעכן אַרום לאָגיש, מיט דער הילף פון באַגריפן, בעת די קונסט נעמט איף דעם ווירקלעכן אַרום מיט דער הילף פון קינסטלערישע בילדער. דאָס זענען צוויי וועזנטלעך אַנדערע פאָרמען פון דענקען. דער וויסנשאַפטלער דענקט מיט לאָגישע קאַטעגאָריעס, דורך באַגריפן, דער קינסטלער דענקט מיט בילדערישע קאַטעגאָריעס, דורך בילדער. אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע צוויי באַזונדערע פאָרמען פון אויפנעמען, פון דערקענען דעם ווירקלעכן אַרום, באַקומען זיך צוויי פאַרשידנאַרטיקע שעפערישע פּראָצעסן און צוויי פאַרשידנאַרטיקע שעפערישע פּראָדוקטן: אַ וויסנשאַפטלעכער פּראָדוקט און אַ קינסטלערישער פּראָדוקט.

„די קונסט איז די אוממיטלבאַרע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט אָדער דאָס דענקען אין בילדער“ (ביעלינסקי).

מיר מאַכן אויפמערקזאַם אויפן מאָמענט פון דענקען. קונסט איז אַ באַ־שטימטע פאָרם פון דענקען, א דענקען דורך בילדער, אָבער בשום אויפן נישט בלויז די ספערע פון פילן, ווי עס באַמיען זיך פאָרשטעלן און טייטשן די קונסט פארשידענע אידעאַליסטישע עסטעטיקער, פאָרמאַליסטן. פון דעם פאַקט, וואָס די עסטעטישע עמפינדונגען און איינדרוקן איידער זיי פאָרמירן זיך אויס אין א סינטעטיש קינסטלעריש בילד דורכן מענטשלעכן דענקען גייען פריער אדורך די קאַנאַלן פון די מענטשלעכע חושים, (דעם זע־חוש, הער־חוש און טאַפּ־חוש) די ערשטע אויפנאַם־אַפּאַראַטן פון דער אָביעקטיווער שיינקייט — פון דעם פאַקט באַמיען זיך די אידעאַליסטישע עסטעטיקער און פאָרמאַליסטן מאַכן דעם אויספיר, אז די קונסט איז די שאַפונג בלויז פון די מענטש־לעכע חושים. זיי לייקענען אַזוי אַרום דעם פאַקט, אַז די קונסט איז אַ באַשטימטע פאָרם פון מענטשלעכן דענקען, אַ דענקען דורך בילדער.

דאָס ספּעציפישע פון דער קונסט איז דער עלעמענט פון בילדערישקייט, פון שיינקייט. די קינסטלערישע שאַפונג אַנטשטייט מיט דער הילף פון אזעלכע מיטלען ווי וואָרט, פאַרב, קלאַנג, קנעט־שטאָף.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם באַטראַכט דאָס קינסטלערישע בילד ווי א ספּעציפישע פאָרם פון אָפּשפּיגלען די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט. די קינסטלע־רישקייט פון בילד ווערט געמאָסטן מיט דער טיפקייט פון אָפּשפּיגלען דעם אָביעקטיוון ווירקלעכקייט־אמת. דער לעבנס־אמת דאַרף אָפּגעשפּיגלט ווערן נישט סטאַטיש, נאָר אין זיין אנטוויקלונג, אין זיין דינאַמיק, דאַרף אָפּגעשפּיגלט ווערן טיפיש.

אלזאָ, דאָס שיינע, דאָס בילדערישע, דאָס עמאָציאָנעלע געהער צו די ספּעציפישע עלעמענטן פון קינסטלערישן, מיט וואָס עס אונטערשיידט זיך פון אַנדערע מינים מענטשלעכע שעפערישע טעטיקייטן. די ווירקונגס־קראַפט פון קינסטלערישן איז אומגעהייער שטאַרק און טיף. דאָס קינסטלערישע דער־גרייכט צו אונדזער באַוווּסטזיין דורך אונדזערע חושים, וועלכע האָבן אונטער זיך די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע פון איר אַנטוויקלונג.

די ריזיקע קראַפט פון קינסטלערישן בילד האָבן הויך אָפּגעשאַצט די גרינ־דער פון מאַרקסיזם. ענגעלס האָט געהאַלטן, אז די רעאַליסטישע קונסט שפּיגלט אָפּ ברייטער און טיפער די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט, ווי דאָס טוט די וויסנ־שאַפט. כאַראַקטעריזירנדיק אין זיין בריוו צו דער שריפטשטעלערין מ. האַרק־נעס באַלזאַקן, וועלכער האָט אין זיינע ווערק פאָרגעשטעלט די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט אין די יאָרן 1816—48, שרייבט ענגעלס, אַז ער האָט זיך פון דער דאָזיקער שילדערונג „...אַפילו אין זין פון עקאָנאָמישע דעטיילן מער דערוווּסט (למשל, וועגן דער איבערפאַנאַנדערטיילונג פון די באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער נאָך דער רעוואָלוציע) ווי פון די ביכער

פון אלע ספּעציאַליסטן — היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן, סטאַטיסטיקער פון דאָזיקן פּעריאָד צוזאַמען גענומען" (מאַרקס און ענגעלס, „אויסגעוויילטע בריוו", „אָגיז", זייט 406).

דערפון דער אומאָפּפרעגלעכער פאַקט, וואָס די גריכישע קונסט, די ליטעראַטור, די סקולפּטור האָט דערהאַלטן איר ריזיקע ווירקונגס-קראַפט, הגם זי איז אַנטשטאַנען אויף א זייער נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע-כוחות. די הויכע, קלאַסישע מדרגה פון קינסטלערישער פּערפעקציע איז די סיבה פון דער דויערנדיקער ווירקונגס-קראַפט פון דער גריכישער קונסט. דאָס זעלביקע איז למשל נוגע שעקספּירן. דער קרייז פון פּאַראינטערעסירונגען און איבערלעבונגען פון שעקספּירס העלדן איז ווייט פון אונדזער גייסטיקער אַנטוויקלונג, און דאָך נעמען מיר זיך איבער מיט זייערע לײדן. ווייל די הויכע מדרגה פון זייער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג איז די יעניקע קראַפט, וועלכע נעמט אונדז אין געפאַנגענשאַפט און האַלט אונדז פעסט אין איר באַזיץ.

„...די שוועריקייטן צו פאַרשטיין ליגט נישט דערין, וואָס די גריכישע קונסט און עפּאָס זענען געבונדן מיט געוויסע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגס-פאָרמען. די שוועריקייט באַשטייט דערין, וואָס זיי פאַרשאַפן אונדז נאָך א קינסטלערישן פאַרגעניגן און וואָס אין א געוויסער מאָס גילטן זיי פאַר אונדז ווי א נאָרמע און נישט דערגרייכלעכער מוסטער". („איינלייטונג" „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע", 225—200 — רוסיש, 1949 יאָר).

אלזאָ, דורכן **הויך-קינסטלערישן** האָבן די גריכן דערהאַלטן ביז איצט זייער אומגעהייערע ווירקונג.

לענין האָט געשריבן:

„דאָס שיינע דאַרף מען אָפּהיטן, נעמען עס אלס מוסטער, מאַכן עס פאַר אן אויסגאַנגס-פּונקט, אויב ס'איז אפילו אלט. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אָפּקערן פונעם אמת-שיינעם, אָפּזאָגן זיך פון דעם, ווי אלס אויסגאַנגס-פּונקט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, בלויז אויפן גרונט דערפון, וואָס ס'איז אַלט" (זאַמלונג „לענין וועגן ליטעראַטור", רוסיש, זייטן 274-5).

און אין א צווייט אָרט שרייבט לענין:

„אויב מיר האָבן אַלזאָ פאַר זיך באמת א גרויסן שרייבער, האָט ער געמוזט לכל הפחות כאָטש אייניקע וועזנטלעכע זייטן פון דער רעוואָלוציע אָפּשפּיגלען אין זיינע שאַפונגען" („לעוו טאָלסטאָי אלס שפּיגל פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע". דאָרט, זייט 15).

די ווירקונג פון עכטער רעאַליסטישער קונסט איז אזוי מעכטיק, איר אָפּשפּיגלונג פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט אזוי טיף, נישט געקוקט דערויף, וואָס נישט שטענדיק פאַלט זיך צונויף די אידעישע ריכטונג און איינשטעלונג פון

קינסטלערישן שטאָף מיט דער סוביעקטיווער אידעישער ריכטונג און איינשטעלונג פון אויטאָר. אינעם אויבנדערמאָנטן בריוו צו מ. האַרקנעס שרייבט ענגעלס:

„איך האַלט פאַר איינע פון די גרעסטע נצחונות פון רעאַליזם, פאַר איינע פון די ווערטפולסטע שטריכן פון דעם אַלטן באַלזאַק דאָס, וואָס ער איז געצווונגען געווען צו גיין אַנטקעגן זיינע אייגענע קלאַסן־סימפּאַטיעס און פּאָליטישע פּאָראורטיילן...“ (ק. מאַרקס, פר. ענגעלס, „אויסגעוויילטע בריוו“, רוסיש, זייט 406).

י. סטאַלין האָט אין זיין בריוו צו ביל־בילאָצערקאָווסקי אויף דער טענה, פאַרוואָס מען לאָזט אזוי אָפט שפּילן די פּיעסע פון בולגאַקאָוו, געענטפערט:

„וואָס שייך אייגנטלעך די פּיעסע „די טעג פון די טורבינס“, איז זי שוין גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווייל זי ברענגט מער נוצן ווי שאָדן. פאַרגעסט נישט, אז דער הויפּט־איינדרוק, וואָס בלייבט ביים צושויער פון דער דאָזיקער פּיעסע, איז אַן איינדרוק, אַ גינסטיקער פאַר די באָלשעוויקעס: „אויב אפילו אזעלכע מענטשן ווי די טורבינס זענען געצווונגען צו לייגן דאָס געווער און אונטערגעבן זיך דעם ווילן פון פאָלק, אָנערקענענדיק זייער זאַך פאַר אַן ענדגילטיק פאַרשפּילטע — הייסט עס, אַז די באָלשעוויקעס זענען אומבאַזיגבאַר, מיט זיי, מיט די באָלשעוויקעס וועסטו גאָרנישט מאַכן“. „די טעג פון די טורבינס“ איז אַ דעמאָנסטראַציע פון דער אַלצעשמעטערנדיקער קראַפט פון באָלשעוויזם.

פאַרשטייט זיך, דער מחבר איז אין קיין שום מאָס „נישט שולדיק“ אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע. נאָר וואָס גייט עס אונדז אָן?“ (ווערק, באַנד 11, זייט 328, רוסיש).

ווי מיר זעען, פאַרבינדן אָרגאַניש די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם דעם מאָמענט פון הויכער שיינקייט, פון עכטער קינסטלערישקייט מיטן לעבנס־אמת. הויכע קונסט שפּיגלט אמתדיק אָפּ די ווירקלעכקייט, זי איז אַ גאַראַנטיע פון רעאַליזם. איר ספּעציפיק באַשטייט דערין, וואָס דורך קינסטלערישע בילדער שפּיגלט זי אָפּ די ווירקלעכקייט. די גרויסקייט פון שרייבער, דאָס הייסט, די גרויסקייט פון זיין קינסטלערישער פעיקייט, פון זיין געניום, איז דער יסוד פון אַדעקוואַטער רעאַליסטישער אָפּשפּיגלונג.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פּאַסט אויף די קונסט ווי א היסטאָרישע קאַטעגאָריע. די קונסט מאַכט דורך א כסדרדיקע אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. מען דאַרף ירשענען די ביזאיצטיקע דעראָבערונג פון דער מענטשהייט אויפן געביט פון קונסט, מען דאַרף די דעראָבערונג מאַכן פאַרן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קונסט. די מענטשהייט מאַכט דורך א כסדרדיקע אַנטוויקלונג אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן, עס אַנטוויקלט זיך די קונסט און צוזאמען מיט איר אַנטוויקלט זיך דער קינסטלערישער געשמאַק

פון אירע געניסער. עס וואַקסן די פאָדערונגען לגבי איר. עס וואַקסט די קינסטלערישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. שוין דער אויפקום פון אַרבעטער-קלאַס און פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם האָט פאַר דער קונסט געשטעלט ביז איצט נישט געזעענע אויפגאַבן: אָפּשפּיגלען דעם קלאַסן-קאַמף צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, צוהעלפן דעם אַרבעטער-קלאַס דורך קינסטלערישע שאַפונגען אין קאַמף פאַר זיינע לויפיקע און היסטאָרישע אינטערעסן, אויסברייטערן, דעמאָקראַטיזירן די ווירקונגס-ספערע פון דער קונסט אויף די פאָלקס-מאַסן. ביזן אויפקום פון אַרבעטער-קלאַס איז די קונסט געווען דער גענוס-אָביעקט בלויז פון די באַזיצנדיקע קלאַסן. זיי זענען געווען די שעפער פון דער קונסט, זיי זענען געווען אירע געניסער. די קונסט איז אַזוי אַרום געווען טאָפּלט באַגרענעצט. זי איז געווען באַגרענעצט אין זין פון אירע אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן: זייער שמאָל איז געווען די צאָל פון אירע שעפער. זי איז געווען אויך באַגרענעצט אין אירע אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן צוליב דעם, וואָס זי האָט אָפּגעשפּיגלט בלויז די לעבנס-ווירקלעכקייט פון די געגעבענע באַזיצנדיקע קלאַסן, אויסגעדריקט זייערע געפילן און שטימונגען, זייערע פאַרלאַנגען און אידעען. זי איז געווען קלאַסן-באַגרענעצט. בלויז די אָפּשאַפונג פון דער הערשאַפט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט-אייגנטום אויף די פּראָדוקציע-מיטלען באַפרייט די קונסט פון איר באַגרענעצטקייט, באַפרייט די מענטשלעכע חושים פון זייערע קלאַסן-קייטן.

„די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט-אייגנטום איז דעריבער די פולשטענדיקע עמאַנציפּאַציע פון אַלע מענטשלעכע חושים און אייגנשאַפטן“ (מאַרקס).

די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טעזע האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט דער אויפקום און די גיגאַנטישע אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, דער פּראָגרעסיווסטער ליטעראַטור אין דער וועלט.

די קונסט איז אַ מעכטיק געווער פון אַרבעטער-קלאַס אין זיין קאַמף פאַר סאָציאַליזם, פאַר דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט פון קאַפּיטאַליזם. איר קראַפט, איר גרויסע ווירקונג ליגט אין דער ספּעציפיק, אין דער ספּעציפישער פאָרם פון דערקענען די וועלט, דערקענען דעם ווירקלעכן אַרום, אין דער ספּעציפישער פאָרם פון אַרויסברענגען, פון אָפּשפּיגלען דעם ווירקלעכן אַרום. וואָס עכטער, טיפער די אָפּשפּיגלונג, אַלץ בולטער, שאַרפער דער לעבנס-אמת, וואָס מעכטיקער די סאָציאַלע באַפרייונגס-אידעע, אַלץ שטאַרקער, ברויזנדיקער איר עמאָציאָנעלע ווירקונג.

פאַראַן אָבער אַזעלכע קינסטלער, וועלכע מיינען, אַז ס'איז גענוג צו האָבן אַן אידעע, צו האָבן דעם נייטיקן אָביעקטיוון לעבנס-שטאָף און דאָס קינסטלערישע ווערק וועט שוין ווי ס'איז געשאַפן ווערן. זיי אונטערשאַצן אַזוי אַרום די באַדיי-

טונג פון דער קינסטלערישער פאָרם, פון די קינסטלערישע מיטלען ביים געשטאַלטיקן דאָס קינסטלערישע ווערק. זיי אונטערשאַצן אַזוי אַרום גראָד דאָס ספּעציפישע פון דעם קינסטלערישן, די שיינקייט, דורך וועלכער דער קינסטלער אַנטפּלעקט אונדז דעם אָביעקטיוון ווירקלעכן אַרום. זיי אונטערשאַצן אַזוי אַרום גראָד דעם עלעמענט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך די דיפערענציאַ ספּעציפיקאַ, דעם וועזנטלעכן אונטערשייד פון דעם קינסטלערישן שאַפן פון אַנדערע מינים שעפערישער טעטיקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט שוין פון לאַנג פאַראורטיילט די דאָזיקע פאַלשע גלייכגילטיקייט צו די קינסטלערישע מיטלען, צו דער פאָרם פון קינסטלערישן ווערק.

אונטערשטרייכנדיק דעם הויכן ניוואָ פון דער סאָוועטישער קונסט, די אויסברייטערונג און באַרייכערונג פון אירע קינסטלערישע מיטלען און פאָרמען, איר גרויסע טראַדיציע, וועלכע זי פאַרמאָגט אין דער געשטאַלט פון דער אומשטערבלעכער רוסישער קלאַסיק, האָט זשדאַנאָוו געזאָגט:

„ס'וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען ביי אונדז וואָלטן זיך באַוויזן וואָס מער ווערק, ענלעכע צו די קלאַסישע סיי לויטן אינהאַלט סיי לויט דער פאָרם, לויט דער פּרעציזקייט, לויט דער שיינקייט...“

(באַראַטונג פון טוער פון דער סאָוועטישער מוזיק אין צ.ק. אַלקפּ(ב), זייט 142, 1948 יאָר).

V. די ראָל פון קאָנפליקט אין קינסטלערישן ווערק

דער קאָנפליקט איז דער וועזנטלעכסטער פאַקטאָר אין דער רעאַליסטישער קונסט, אין דער רעאַליסטישער דראַמאַטורגיע, א וועזנטלעך פּראָבלעם אין דער טעאָריע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אין דער גרויסער קלאַסישער רעאַליסטישער ליטעראַטור און קונסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, באַזונדערס אין דער רוסישער, האָט דער קאָנפליקט שטענדיק פאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט. די גרויסע סוגעסטיווע קראַפט, מיט דער הילף פון וועלכער שעקספּער און געטע, מאָליער און מיצקיעוויטש, פּושקין, גאָגאָל און טאָלסטאָי ציען אַריין דעם לייענער, פאַנגען אים, ווירקן אויף אים — איז דער שאַרפער קאָנפליקט, דער קאַמף, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אין זייערע ווערק צווישן זייערע העלדן, דער קאַמף, וועלכן דער לייענער פאָלגט נאָך, לעבט מיט איבער, און וועלכער אָריענטירט די סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פון לייענער צו דעם אָדער יענעם העלד.

פֿון וואַנעט קומט די אידעע פֿון קאָנפֿליקט אַלס וועזנטלעכער עלעמענט פֿון דעם קינסטלערישן סיוזשעט, פֿון דער געשטאַלטיקונג פֿון כאַראַקטערן און סיטואַציעס אין דער רעאַליסטישער קונסט?

דער קאָנפֿליקט אין דער קונסט איז נישט קיין קינסטלערישער מאַניער, נישט קיין „ליטעראַרישע“ קאָנצעפּציע פֿון די גרויסע רעאַליסטישע קינסטלער. פֿאַרקערט, דער פֿאַקט פֿון זייער טיפֿן רעאַליזם ביים אָפּשפּיגלען די לעבנס־ווירקלעכקייט איז די סיבה דערפֿון, וואָס דער קאָנפֿליקט פֿאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט אין זייער שאַפֿן. דער קאָנפֿליקט אין דער ליטעראַטור איז געקומען און קומט פֿון לעבן, פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. און וואָס עכטער די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג, אַלץ רעליעפֿער, אַלץ ווירקנדיקער דערשיינט דער קאָנפֿליקט.

דער קאָנפֿליקט אין הויך־קינסטלערישן רעאַליסטישן ווערק שפּיגלט אָפּ די קאָנפֿליקטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, שפּיגלט אָפּ דעם וועזנטלעכן קאָנפֿליקט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, שפּיגלט אָפּ דעם קלאַסן־קאַמף אין דער פֿילאַרטיקייט פֿון זיינע פֿאָרמען. נישט שטענדיק האָבן זיך אַפֿילו די גרויסע רעאַליסטישע קינסטלער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפֿון, אַז זיי שפּיגלען אָפּ אין זייערע ווערק דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון זייער צייט. נישט שטענדיק האָבן זיי אַפֿילו געוווּסט, אַז דאָס איז קלאַסן־קאַמף. זיי האָבן דעם קלאַסן־קאַמף פֿאַרקערפּערט אינעם קאַמף צווישן מענטשן, צווישן זייערע ליטעראַרישע העלדן. נישט שטענדיק זענען זייערע סימפּאַטיעס געווען אויף דער זייט פֿון די פּראָגרעסיווע כוחות פֿון דער געזעלשאַפֿט. למשל, דער פֿאַל מיט באַלזאַקן, וועלכער האָט פּאָליטיש סימפּאַטיזירט מיטן אונטערגייענדיקן אַדל. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו זען און צו שילדערן דעם אומפֿאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פֿון דער אַריסטאָקראַטיע אינעם קאַמף מיט דער אויפֿקומענדיקער דעמאָלט יונגער בורזשואַזיע. אָבער דעם עצם קאַמף, דעם קאָנפֿליקט צווישן נייעם און אַלטן האָט אָבער באַלזאַק נישט געקאָנט נישט אָפּשפּיגלען, אויף וויפֿל ער איז געווען געניאַלער רעאַליסט, געניאַלער קינסטלער. לעוו טאָלסטאָי „...איז געווען אַ טיפֿער אָבסערוואַטאָר און קריטיקער פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג, נישט געקוקט אויף דער רעאַקציאָנערער נאַאיווקייט פֿון זיין טעאָריע“ (לענין, ווערק, באַנד 5, זייט 136, רוסישע אויסגאַבע).

זיין אַ גרויסער קינסטלער רעאַליסט און נישט אָפּשפּיגלען די לעבנס־קאָנפֿליקטן און דעם עיקרדיקן קאָנפֿליקט פֿון דער קלאַסן־געזעלשאַפֿט פֿון זיין צייט — דעם קלאַסן־קאַמף — איז פּונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי ס'איז אוממעגלעך צו מאָלן אָן פֿאַרבן, צו קנעטן אָן ליים און צו שפּילן אָן קלאַנגען. ד ע ר ק אָ נ פֿ ל י ק ט — איז דער עצם־פֿאַקטאָר פֿון יעטוועדער געזעלשאַפֿטלעכער דערשיינונג, און יעדע גרויסע קונסט, אומאָפּהענגיק פֿון דער פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פֿון קינסטלער, שפּיגלט אָפּ אין דער ערשטער ריי די דאָזיקע גע־

זעלשאַפטלעכע דערשיינונג. ווייל אָן קאַמף צווישן נייעם און אַלטן, צווישן אויפקומענדיקן און אונטערגייענדיקן, איז נישט פֿאַראַן קיין גאַנג פֿאָרויס, איז נישט פֿאַראַן קיין לעבן, איז נישט פֿאַראַן קיין אַנטוויקלונג, איז נישט פֿאַראַן קיין קונסט.

דער קלאַסן־קאַמף, דער קאָנפֿליקט איז דעריבער אויך אַ פֿולשטענדיק נאַטירלעכע און אומפֿאַרמיידלעכע דערשיינונג אין דער רעאַליסטישער קונסט בכלל, אַ נויטווענדיקער תּנאַי אין דער דראַמאַטורגיע בפֿרט, אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־עלעמענט פֿון מעטאָד פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אָן קאָנפֿליקט איז נישט פֿאַראַן קיין עכטע רעאַליסטישע קונסט, אָן קאָנפֿליקט איז נישט מעגלעך קיין דראַמע.

ס'איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, וואָס די בורזשואַזע „עסטעטיק" רעקאָמענדירט נישט דעם קאָנפֿליקט אַלס עלעמענט פֿון קינסטלערישן שאַפֿן. זי האָט מורא פֿאַרן קאָנפֿליקט, זי האָט מורא פֿאַרן קלאַסן־קאַמף, וועלכער ווייזט בולט די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פֿון דער אָפּגעלעבטער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט אין דער ריכטונג פֿון אונטערגאַנג, פֿון אומקום. די בורזשואַזע „עסטעטיק" מיידט אויס דעם קלאַסן־קאַמף, די שאַרפֿע סאָציאַלע קאָנפֿליקטן פֿון אונדזער צייט, דעם העלדישן נאַציאָנאַל־באַפֿרייערישן קאַמף פֿון די פֿעלקער קעגן דער אימפּעריאַליסטישער פֿאַרקנעכטונג, דעם קאַמף פֿאַר שלום. די בורזשואַזע דעגענערירטע „עסטעטיק" באַמיט צו פֿאַרטושירן די גרויסע סאָציאַלע קאָנפֿליקטן פֿון אונדזער צייט, אָדער זי באַמיט זיך איבערצוּוועקסלען די פֿאַראינטערעסירונגען פֿון בורזשואַזן שרייבער אין דער ריכטונג פֿון נאַטוראַליסטיש־עראָטישע מאָרד־קאָנפֿליקטן, קרימינאַל־גענגסטערישע צוזאַמענשטויסן א״דגל. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך האָט די דאָזיקע „ליטעראַטור" גאָרנישט צו טאָן מיט קונסט. דאָס איז ליטעראַרישער אָפּפֿאַל, דעגענערירונג פֿון דער בורזשואַזער ליטעראַטור און קונסט.

די איינציקע ליטעראַטור און קונסט, וועלכע נעמט איבער די רייכע ירושה פֿון דער גרויסער רעאַליסטישער קלאַסיק מיט אירע מעכטיקע געראַנגלען און קאָנפֿליקטן — איז די ליטעראַטור און קונסט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, איז די רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע ליטעראַטור און קונסט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע באַנוצט זיך מיטן מעטאָד פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וועלכע באַטראַכט דעם קאָנפֿליקט אַלס אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל פֿון יעטוועדן עכטן קינסטלערישן דראַמאַטישן ווערק.

געווען פּרוּוון פֿון געוויסע שרייבער אין ראַטנפֿאַרבאַנד נישט צו דערשאַצן די ראָל פֿון קאָנפֿליקט אין דער קונסט און ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון דער דאָזיקער איינשטעלונג איז מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, וואָס אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט געזיגט דער סאָציאַליזם, עס זענען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, במילא איז שוין נישט פֿאַראַן קיין קלאַסן־קאַמף, נישט פֿאַראַן קיין קאָנפֿליקטן, קיין צוזאַמענ־

שטויסן. דערפון דער אויספיר, אַז אויך אין דער ליטעראַטור, אין דער דראַמע, קאָן דער קאָנפליקט נישט האָבן קיין אָרט. אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן די אָנ־הענגער פון דער דאָזיקער „טעאָריע" געהאַלטן, קומט פאָר די אַנטוויקלונג פון „גוטן" צום „בעסערן". טאָ ווי קאָן זיין אַ קאָנפליקט, אַ שטאַרקער צוזאַמענשטויס צווישן „גוטן" און „בעסערן"? און זיי האָבן רעקאָמענדירט אַרויסצוואַרפן דעם קאָנפליקט און צוזאַמענשטויס פון דער דראַמע, פון דער טעאַטראַלער שאַפונג, ווי כלומרשט אַן אָפּגעלעבטע דערשיינונג, וואָס קאָן שוין אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליזם נישט האָבן קיין אָרט אין דער קונסט, אויף וויפל זי איז שוין נישט פאַראַן אין לעבן.

די דאָזיקע „טעאָריע" איז דורך דער לענין־סטאַלין־פּאַרטיי אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ פאַלשע, אַ וואולגאַריזאַטאָרישע קונסט־טעאָריע, וואָס האָט מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם קיין שום געמיינזאַמעס. די דאָזיקע איינשטעלונג איז פאַראורטיילט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקייט ווי אַ פאַלשע, ווי אַ שעדלעכע, וועלכע האָט געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג, דעם מאַרש פאָרויס פון דער סאָוויעטישער דראַמאַטישער קונסט.

אויפקלערנדיק די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער סאָוויעטישער דראַמאַטישער קונסט, האָט די פּאַרטיי אָנגעוויזן, אַז

„...די עיקרדיקע, דעצידירנדיקע סיבה איז געווען דאָס נישט ריכטיקע פאַרשטיין פון די דראַמאַטורגן און קריטיקער אייניקע פראַגן פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, און קודם־כל די פראַגע פון קאָנפליקט, ווי דעם יסוד פון אַ דראַמאַטיש ווערק" („פּראַוודאַ" נר' 196, 1952 יאָר).

פעסטשטעלנדיק דעם פאַקט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען שוין נישט פאַראַן קיין אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, האָבן די דאָזיקע „טעאָרעטיקער" געמאַכט דעם פאַלשן אויספיר, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען שוין נישט פאַראַן בכלל קיין קאָנ־פליקטן, קיין צוזאַמענשטויסן צווישן מענטשן, אַז דאָס אַלטע און נייע פירן צווישן זיך אַ אידילישע לעבן, אַז דאָס גיגאַנטישע, הערלעכע, וואָס איז אויפגעקומען און קומט אויף אין ראַטנפאַרבאַנד, טרעפט נישט אָן אויף ווידערשטאַנד מצד אַלטן און אָפּגעלעבטן, אַז די פּרעכטיקע העראָישע געשטאַלטן פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט האָבן נישט אָנגעטראָפן אין זייער אַנטוויקלונג און גאַנג פאָרויס אויף שוועריקייטן, אויף העמונגען מצד מענטשן, וועלכע האָבן נאָך נישט אויס־געלעבט אינגאַנצן אין זייערע מוחות, אין זייער פּסיכיק, די רעשטן פון אַמאָל, די רעשטן פון בורזשואַזע געוווינשאַפטן און פאָראורטיילן. די דאָזיקע „טעאָרעטי־קער" האָבן נישט גענומען אין אַכט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען נאָך פאַראַן רעשטן פון קאַפּיטאַליזם אין דעם באַוווסטזיין פון געוויסע מענטשן, אַז דער ראַ־טנפאַרבאַנד איז אַרומגערינגלט מיט אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע באַמיען

זיך אַריינצושיקן שפּיאָנען, דיווערסאַנטן, כדי צו דעזאָרגאַניזירן דאָס סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

„ביי אונדז איז נישט אַלץ אידעאַל — האָט געשריבן די „פּראַוודאַ" — ביי אונדז זענען פאַראַן נעגאַטיווע טיפּן, נישט ווייניק שלעכטס איז פאַראַן, און פאַלשע מענטשן פעלט אויך נישט. מיר דאַרפן נישט מורא האָבן צו ווייזן די בלויזן און שוועריקייטן. היילן דאַרף מען די בלויזן. גאַגאָלס און שטשעדרינס דאַרף מען האָבן. בלויזן זענען נישט פאַראַן דאָרט, וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין באַוועגונג, קיין אַנטוויקלונג. מיר אַנטוויקלען זיך אָבער און באַוועגן זיך פאָרויס — הייסט עס, אַז ס'זענען פאַראַן ביי אונדז שוועריקייטן און בלויזן.

די דראַמאַטורגיע דאַרף באַווייזן די לעבנס־קאָנפליקטן, אָן דעם איז נישט פאַראַן קיין דראַמאַטורגיע" („פּראַוודאַ" נר. 196, 1952).

אָן דעם לעבנס־קאָנפליקט אַלס קינסטלערישן שטאָף, איז נישט פאַראַן קיין דראַמאַטיש ווערק. אַ דראַמאַטיש ווערק מוז האָבן אַ קאָליזיע. בלויז אין קאַמף מיט שוועריקייטן אַנטפּלעקט זיך דער מענטשלעכער כאַראַקטער, דערזען מיר דעם כאַראַקטער, דערזען מיר דעם טיפּ, דאָס טיפּישע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס פּראָבלעם פון קאָנפליקט, פון צוזאַמענשטויס איז אַזוי אַרום געבונדן מיטן פּראָבלעם פון אַרויסברענגען מענטשלעכע כאַראַקטערן, פון דיפערענצירן און אינדיווידואַליזירן דעם מענטש. ביים פעלן פון קאָנפליקט, פון צוזאַמענשטויס, ווערן די געשטאַלטן גלייך צו זיך. און פאַרקערט, דער קאָנפליקט פאָדערט די רעאַליסטישע דיפערענצירונג און אינדיווידואַליזירונג פון די געשטאַלטן, כדי זיי זאָלן זיך נישט בלויז קאָנען אונטערשיידן צווישן זיך, נאָר זיין קעגנזעצלעך אין די האַנדלונגען, אין דער מענטאַליטעט, אין דער גאַנצער באַנעמונג זייערער. זיי דאַרפן זיין אַזוי, ווי מיר טרעפן זיי אין דער ווירקלעכקייט. אייניקע מענטשן רופן אַרויס ביי אונדז דאָס געפיל פון ליבע, אַנדערע דאָס געפיל פון שנאה. העלדן פון אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג האָבן מיר ליב, רינגלען מיר אַרום מיט אַכטונג, מיט פאַרערונג, שונאים פון אונדזער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט האָבן מיר פיינט, פאַראַכטן מיר. אַזוי איז עס אין דער ווירקלעכקייט, אַזוי איז עס אין דער עכטער רעאַליסטישער קונסט, בפרט אין דער עכטער רעאַליסטישער דראַמאַטישער שאַפונג. אינדיווידואַליזירונג פון שטריכן און אייגנשאַפטן, קאָנטראַסטירונג פון כאַראַקטערן, איז דער יסוד פון יעטוועדער רעאַליסטישער קונסט, פון דראַמאַטישער קונסט באַזונדערס.

דאָס פּראָבלעם פון קאָנפליקט, פון צוזאַמענשטויס איז אומגעהייער וויכטיק פאַרן דראַמאַטישן שאַפן אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

ביי אונדז, צום אונטערשיד פון ראַטנפאַרבאַנד, זענען די אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן נאָך נישט פולשטענדיק ליקווידירט. עס זענען פאַרשוווּנדן די פּריצים און

גרויס־קאַפּיטאַליסטן, ס'זענען נאָך אָבער פאַראַן קאַפּיטאַליסטישע רעשטן אין לאַנד, באַזונדערס אין דאָרף, ווו זיי פאַרנעמען נאָך אַן אָנגעזען אָרט אין דער פּראָדוקציע. דאָס הייסט, אַז דער שונא געפינט זיך נאָך נישט בלויז אין באַוווסטזיין, אין דער פּסיכיק פון מענטשן, נאָר ער פאַרנעמט נאָך אַן אָרט אין דער עקאָנאָמיק, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַרויסברענגען בילדעריש, קינסטלעריש דעם אַרבעטער־קלאַס, דעם אַרבעטנדיקן פּויער, די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ אין זייער קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף — הייסט אויפדעקן דעם עיקר־דיקן טיפּישן קאָנפליקט, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, הייסט דורכפירן אַ דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן פאַרשידענע סאָציאַלע געשטאַלטן, הייסט פאַרטיפן די אינדיווידועלע שטריכן און אייגנשאַפטן פון די געגעבענע געשטאַלטן, ווו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפונען, אויף דער אָדער אַנדערער זייט פון דער באַריקאַדע. אָן דעם דאָזיקן קאָנפליקט, וועלן מיר נישט האָבן קיין דראַמאַטיש ווערק פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט.

אויפן 7־טן פּלענום פון צ. ק. פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט דער חבר ביערוט געזאָגט:

„מיר מוזן כסדר געדענקען, אַז די פּאַרטיי איז אַ גרויסע קראַפט, וועלכע פירט אָן מיט דער אַרבעט פון מיליאָנען, דערציט די דאָזיקע מיליאָנען אַרבעטנדיקע מאַסן צו אַ ניי לעבן, געשטאַלטיקט זייער באַוווסטזיין, און מאַן טוט זי דאָס אין טאָג־טעגלעכן קאַמף, אין שאַרפן אָנרחמנותדיקן קאַמף מיט די רעשטלעך פון קאַפּיטאַליזם, מיט די טראַדיציעס און געוווינהייטן, וועלכע ס'האָט פאַרפלאַנצט אין די מאַסן די אַלטע בורזשואַזע אידעאָלאָגיע. צו די דאָזיקע געוווינהייטן געהערן עגאָיזם, גייציקייט, פאַרביסנקייט, דאָס אונטערגעבן זיך מאָראַלישער דעגענעראַציע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן בורזשואַ־פאַראַזיט, וואָס טראַכט בלויז דערפון, ווי צו לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע. מיר קאָמוניסטן שטעלן אַנטקעגן דער מאָראַלישער דעגענעראַציע פון דער בורזשואַזיע אונדזער אידעישע פאַרהאַרטעוועטקייט, רעוואָלוציאָנערע קעמפערישקייט, גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט אין קאַמף פאַר דער נייער סאָציאַלער אָרדענונג און פאַר דער גליקלעכער צוקונפט פון אונדזער פאָטערלאַנד, פאַר דעם אומאויפהערלעכן שעפערישן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט". („נאָווע דראָגי", (36) 6, 1952, זייט 72 — אונטערגעשטראָכן דורך אונדז — מ. מ.).

די טיפע טיפּיזאַציע און אינדיווידואַליזאַציע פון די העלדן, פון די געשטאַלטן — איז איינע פון די הויפּט־פאָדערונגען פון די פּרינציפּן פון סאָציאַליס־

טישן רעאַליזם. אָן דער שילדערונג פֿון קאָנפֿליקט, פֿון צוזאַמענשטויס פֿון כאַראַקטערן איז נישט מעגלעך ווידער די טיפּיזאַציע און אינדיווידואַליזאַציע פֿון די כאַראַקטערן.

די סאַטירע אַלס ליטעראַרישע פֿאָרם האָט דאָ אָפּצושפּילן אַ זייער וויכטיקע ראָל. מיט דער הילף פֿון דער סאַטירע דאַרפֿן אויפֿגעדעקט און אַנטפּלעקט ווערן די נעגאַטיווע טיפּן פֿון אונדזער סאָציאַליסטישערווירקלעכקייט, דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן דאָס שלעכטס, וואָס געפֿינט זיך אין אונדזער לעבן. די סאַטירע איז איינע פֿון די יעניקע ליטעראַרישע פֿאָרמען, ווו ס'קומט צום בולטסטן צום אויסדרוק די פּאַרטייאישקייט פֿון שרייבער, ווו ס'קומט צום אויסדרוק די פּאָליטישע פּאַרשפּיצטקייט פֿון קאַמף צווישן אַלטן און נייעם.

די יידישע שרייבער אין פּוילן דאַרפֿן אויך אָנבינדן צו דער סאַטירישער טראַדיציע פֿון מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ.

VI. דאָס פּראָבלעם פֿון פּאָזיטיוון העלד

דאָס פּראָבלעם פֿון פּאָזיטיוון העלד איז אַ צענטראַל פּראָבלעם פֿון דער טעאָריע און פּראַקטיק פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

וואָס הייסט פּאָזיטיווער העלד אין דער אָנווענדונג פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם?

פּאָזיטיווער העלד אין ליכט פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם הייסט אַרויסברענגען אַ העלד אין זיינע כאַראַקטעריסטישע, טיפּישע אייגנשאַפֿטן, וועלכע דריקן זיך אויס אין זיין אַקטיווקייט, אין זיין אָפּענסיווקייט, אין זיין ראָל פֿון אַן אַ־בערגעשטאַלטיקער פֿון דער ווירקלעכקייט. דער פּאָזיטיווער העלד פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פֿון דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, פֿון דער געשיכטע פֿון דער מאַרקסיסטיש־לענינסטישער פּאַרטיי, פֿון איר ראָל אין קאַמף פֿאַר אַראָפּוואַרפֿן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, פֿון איר ראָל אין קאַמף פֿאַר בויען דעם סאָציאַליזם.

דער פּאָזיטיווער העלד פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם איז נישט קיין אַבסטראַקטע, סכעמאַטישע געשטאַלט פֿון אַן אידעאַלער פֿערזענלעכקייט, ווי איינער דאָס טייטשן. נאָר אַ קאָנקרעטע היסטאָרישע געשטאַלט, וועלכע שטייט נישט אויף איין אָרט, וועלכע אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פֿאַרשידענע לענדער.

דער פּאָזיטיווער העלד בכלל איז נישט בלויז אַן עלעמענט פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ער טרעט אויף אויף דער גאַנצער לענג פֿון דער געשיכטע פֿון

דער וועלט=ליטעראַטור. ע ר טרעט באַזונדערס אויף אין פּעריאָד פון קריטישן רעאַליזם. אין דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור האָבן מיר די פּאַטריאָטישע געשטאַלטן פון די אויפקלערער און פאָלקס=מענטשן, פּויערים. מיר האָבן די נאַראָדנאָוואָלצעס=רעוואָלוציאָנערן, וועלכע גייען אויפקלערן און רופן די פּויערים צו רעוואָלוציע קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט און קעגן די פּריצים. מיר האָבן די פּרעכטיקע עמאַנציפּירנדיקע פרויען=געשטאַלטן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן די סאָציאַלע קייטן און פאָראורטיילן פון זייער אייגענעם באַזיצנדיקן קלאַס. דאָס זענען, למשל, די געשטאַלטן ביי טאָלסטאָיען פון „מלחמה און שלום“: קוטוזאָוו, פּיער בעזוכאָוו, דעמידאָוו, דער פּויער=סאָלדאַט קאַראַטאַיעוו. דאָס זענען לעווין און קערעגינאַ אין „אַננאַ קאַרענינאַ“. די פּויערים=געשטאַלטן ביי טורגעניעוון אין זיינע „באַמיצן פון אַ יעגער“. דאָס איז דער פלאַמיקער פּויערים=פּראָטעסט אין דער רעוואָלוציאָנערער ליריק פון נעקראַסאָוו, די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן פון די נאַראָדניקעס אין טשערנישעווסקים „וואָס טאָן“, אין טורגעניעווס „נאָוו“ (נייעם) און פיל אַנדערע.

אין דער פּוילישער קריטיש=רעאַליסטישער ליטעראַטור האָבן מיר די אויפקלערער=געשטאַלטן ביי עליזאַ אָזשעשקאָ, דעם פּויערים=פּראָטעסט ביי קאָנאָפּניצקאַ, די פּלעבעישע אויפשטענדלער=געשטאַלטן ביי קראַשעווסקין („דאָס קינד פון אַלט=שטאָט“ א. אַנד), די געשטאַלט פון אויפקלערער און אוטאָפּישן סאָציאַל=רעפאָרמאַטאָר ד״ר יודים אין זשעראָמסקים „היימלאָזע מענטשן“ אדגל.

אויך אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור האָבן מיר דעם פּאָזיטיוון העלד. מיר האָבן דעם אויפקלערער=משכיל=וועקער אין מענדעלעס „טאַקסע“. מיר האָבן דעם פאָלקס=מענטש טביה דעם מילכיקן ביי שלום=עליכמען אין זיין „טביה דער מילכיקער“, די באַלמעלאָכישע און אַרבעטער=געשטאַלטן ביי וויסענבערגן אדגל.

דער פּאָזיטיווער העלד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אונטערשיידט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך וועזנטלעך פון דעם פּאָזיטיוון העלד פון קריטישן רעאַליזם. ס׳איז אַ קוואַליטאַטיווער אונטערשיד; הגם דער העלד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אַקומולירט אין זיך דאָס בעסטע פון זיין פּרעקורסאָר, פון זיין פאָרגייער, דעם פּאָזיטיוון העלד פון קריטישן רעאַליזם.

זייער קוואַליטאַטיווער אונטערשיד אין דער ליטעראַטור איז די אַדעקוואַטע אָפּשפּיגלונג פון זייער אונטערשיד אין ווירקלעכן לעבן. דאָס זענען געשטאַלטן פון צוויי באַזונדערע עפּאָכעס, וועלכע האָבן צווישן זיך זייער היסטאָרישע פאַרבינדונג, וועלכע זענען אָבער הימל=ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי ווייט ס׳איז דער אידעאַל פון סאָציאַליזם פון די פּאָזיטיווע, אָבער באַגרענעצטע אידעען פון די פּראָגרעסיווע בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע אויפקלערער, רעפאָרמאַטאָרן. צוויי עפּאָכעס, צוויי מאָסן, אַנדערע פייגל און גאָר אַנדערע געזאַנגען. גאָר פון אַנדערן

מייג זענען געקומען די פּאָזיטיווע העלדן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין פאַרגלייך מיט די פּאָזיטיווע העלדן פון קריטישן רעאַליזם.

דער פּאָזיטיווער העלד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם קומט אויף צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און וואַקסט צוזאַמען מיט איר.

ס'איז נישט קיין צופאַל, נאָר אַ געשיכטלעכע גesetzמעסיקייט, וואָס דער ערשטער פּאָזיטיווער העלד אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט קומט אויף אין רוסלאַנד, און זיין ליטעראַרישער געשטאַלטיקער איז מאַקסים גאָרקי.

פרווון אַרויסצוברענגען דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער ליטעראַטור באַמערקן מיר ביי אַ ריי שרייבער פון מערב־אייראָפּע. שוין עמיל זאָלאַ ברענגט אַרויס די „קוילנגרעבער״, האַופּטמאַן די „וועבער״ אד״גל. דאָס זענען אָבער נאַטוראַליסטישע שאַפונגען, וועלכע ווייזן אונדז, אמת, די מוראַדיקע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן דורך דער גיריקער בורזשואַזיע, שילדערן אונדז די אומבאַשרייבלעכע נויט פון די אַרבעטער און זייער דערוואַכטן אינסטינקט פון בונט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דער אַרבעטער־קלאַס דערשיינט אָבער אין די דאָזיקע ווערק ווי אַ רויע, ביאָלאָגישע קראַפט, וועלכע ליידט שרעקלעך און ברעכט ספּיכיש אויס אין אַ ווידערשטאַנד. דאָס איז געזען דעם אַרבעטער־קלאַס מיט די אויגן פון אַ מיטפילנדיקן קליינבירגער, וועלכער קריטיקירט און פאַראורטיילט די בורזשואַזע עקספּלואַטאַציע, איר גיריקייט און ריקזיכטלאָזיקייט, אָבער וועלכער זעט נישט אין אַרבעטער־קלאַס די היסטאָרישע דערלייזערישע קראַפט, וועלכע איז באַרופן אַראָפּצוואַרפן די בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, איינשטעלן די מאַכט פון די אַרבעטנדיקע און איינפירן דעם סאָציאַליזם, באַפרייען די מענטשהייט אויף אייביק פון די קלאַסן און זייערע קעגנזאַצן.

די „קוילנגרעבער״ און „וועבער״ פאַלן אויס אין דער צייט, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע איז באַהערשט פון די רעפאָרמיסטישע אידעע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, ווען די „העלדן״ פון דער דייטשישער און פראַנצייזישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַמיען זיך פון מאַרקסיזם צו עלימינירן זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט און אים צופאַסן צו די באַדערפענישן פון דער בורזשואַזיע. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר דעם קליינבירגערלעכן אַנאַרכיזם, וועלכער פּאַראַטיזירט אויף די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון מערב־אייראָפּעישע אַרבעטער, וועלכער רייסט אָפּ די אַרבעטער פון פּאָליטישן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, לענקנדיק די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון אַרבעטער־קלאַס אין דער ריכטונג פון סינדיקאַליזם, פון עקאָנאָמישן קאַמף אָן פּאָליטישער פּערספּעקטיוו.

ס'איז דעריבער, מיר הזרן איבער, נישט קיין צופאַל, וואָס סיי די ענגלישע, סיי די פראַנצויזישע, סיי די דייטשישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט געשאַפן דעם יסוד פאַרן סאָציאַליסטישן רעאַליזם בכלל, פאַרן פּאָזיטיוון העלד, פאַרן טיפּ פון פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנער בפרט. אין אַ צייט, ווען די רעפאָרמיסטישע

און אַנאַרכיסטישע פירער פון דער מערב=אייראָפּעישער אַרבעטער=באַוועגונג האָבן אַרויסגעריסן פון די הענט פון אַרבעטער=קלאַס דעם קאַמפּאַס, וועלכן מאַרקס און ענגעלס האָבן אים געגעבן, האָבן דערווייטערט דעם אַרבעטער=קלאַס פון וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם — איז אַזאַ צייט האָט די אַרבעטער=באַוועגונג נישט פאַרמאָגט אירע קאַפּיטאַנען און אין דער ליטעראַטור האָט נישט געקאָנט אויפקומען דער פּאָזיטיווער העלד, ווי די אָפּשפּיגלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג. בלויז אין דער פּאָעזיע, אין דער ליריק האָבן מיר געוויסע אָנצוהערענישן פון אויפקום פון נייעם פּראָלעטאַרישן העלד, פון רעוואָלוציאָנערן קעמפער (פרייליגראַט אין דייטשלאַנד), וואָס באַקומט זיין עכאָ אויך צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער פּאָעזיע פון וונטשעווסקי, עדעלשטאַט, מאָרים ראָזענפעלד און באַזונדערס ביי באָוושאָווער.

ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל, זאָגן מיר, וואָס דער ערשטער פּאָזיטיווער העלד קומט אויף אין רוסלאַנד, פאַרקערט, ס'איז אין דעם פאַראַן אַ געשיכטלעכע געזעצמעסיקייט.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם בכלל און דער פּאָזיטיווער העלד בפרט זעגן אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אויפקום פון לעניניזם און שטעלן פאָר די ליטעראַריש=קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון דעם נייעם עטאַפּ, אין וועלכן ס'איז אַריינגעטראָטן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער=באַוועגונג, בראש פון וועלכער ס'האָט זיך געשטעלט דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי פון נייעם טיפּ, פון דער לענין=סטאַלין=פּאַרטיי. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז דער געזעצלעכער ליטעראַרישער פּראָדוקט פון לעניניזם. זיין פאָנען=טרעגער און ליטעראַרישער פאַרקערפּערער איז מאַקסים גאָרקי. „מיעשטשאַניע“, „שונאים“, „די מוטער“ זענען די ליטעראַרישע מאַניפעסטאַציע פון אויפקום פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, דער ליטעראַרישער געבורט פון פּאָזיטיוון העלד, פון פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנער, וועלכער גייט שטורמען די אַלטע וועלט און נאָמען פון אויפריכטן די נייע וועלט, דעם סאָציאַליזם.

צום אונטערשייד פון די העלדן פון קריטישן רעאַליזם, פון זאָלאַס „קוילנגרעבער“, האַופּטמאַנס „וועבער“, אין וועלכע די שרייבער ברענגען אַרויס דאָס שלעכטס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, דעם טריומף פון דעם בייזן און עקלהאַפטן, אין וועלכע די שרייבער שטעלן פאָר דעם אַרבעטער=קלאַס אין דער ראָל פון געריכטן, יושרדיקן, עקספּלואַטירטן, וואָס פאַרטיידיקט זיך בלויז קעגן דער זיגעריש=גיריקער עקספּלואַטאַציע פון דער בורזשואַזיע — צום אונטערשייד פון די העלדן פון קריטישן רעאַליזם, זענען די העלדן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן, גאָר אַנדערע מענטשן.

דאָס טיפּישע אין דער שילדערונג פון די פּאָזיטיווע העלדן אין ליכט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם — איז זייער אָפענסיוו=כאַראַקטער, זייער אָנגרייפע=

רישע פּאָזיציע, וועלכע באַרוט אויפן יסוד פון טיפן רעוואָלוציאָנערן זעלבסטבאַוווסטזיין פון דער געשיכטלעכער מיסיע, וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָפּשפּילן.

ניל אין „מיעשטשאַניע“, וולאַסאָוו אין דער „מוטער“ פון גאָרקין — זענען די קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון דעם נייעם מענטשן, וועלכער האָט זיך באַוויזן צום סוף נייצנטן, אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד.

ניל און וולאַסאָוו זענען אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קומען דעראָבערן די וועלט, וועלכע קומען מיט דער רעוואָלוציאָנערער אידעע פון סאָציאַליזם. נישט קיין מיטגעפיל צום עקספּלואַטירטן „געבעך“ אַרבעטער, ווי דאָס טוען זאָלאַ און האַופּטמאַן, וויל וועקן גאָרקי. ניין, גאָרקי וועקט דרך־ארץ און באַוווּנדערונג צום נייעם טיפּ רוסישן אַרבעטער, וועלכער גייט אַראָפּוואַרפן די פּאַראַסיטע הערשאַפט פון צאַרישן דעספּאָטיזם, וועלכער מאַניפעסטירט זיין רעוואָלוציאָנערן ווילן און רעאַליזירט אים קאָנקרעט אין רעוואָלוציאָנערע מעשים, אָרגאַניזירנדיק די אַרבעטער צום קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט. דאָס לאַנד, וואָס האָט דער וועלט געגעבן לענינען און סטאַלינען, דאָס לאַנד, ווו ס'איז אויפגעקומען דער לענעניזם, ווו דער מאַרקסיזם האָט באַקומען זיין ווייטערדיקע שעפערישע אַנטוויקלונג, זיין פאַרטיפונג אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם, ווו ס'איז באַזייטיקט געוואָרן פון אים דער דיקער שיכט פון רעפאָרמיסטישן שימל, מיט וועלכן ס'האָבן אים פאַרצויגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רענעגאַטן פון מערב־אייראָפּע — דאָס לאַנד האָט אונדז געגעבן דעם נייעם טיפּ אַרבעטער־העלד, נישט בלויז דעם שטורעם־אָנזאָגער, נאָר אויך דעם שטורעם־טרעגער, דעם רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט אין 1905 אין זיין גענעראַל־פּראָבע אַ טרייסל געטאָן די יסודות פון דער פריץ־קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד, כּדי זיי אין 1917 פולשטענדיק אומוואַרפן און איינשטעלן די מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס, זיין דיקטאַטור. דער קינסטלערישער געשטאַלטיקער פון דעם דאָזיקן נייעם פּאָזיטיוון אָנגרייפערישן העלד — איז מאַקסים גאָרקי, דער גרונטלייגער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דער פּאָזיטיווער אָנגרייפערישער העלד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם שטייט אין צענטער פון דעם קינסטלערישן ווערק. אַלע פעדים ציִען זיך צו אים און פון אים. ער בילדעט דעם תּוך פון סיוזשעט, ער דעצידירט וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון די איבעריקע פּערסאָנאַזשן, ער באַשטימט דעם אָנהייב און אויסגאַנג פון אַלע סיטואַציעס.

אַזאַ קינסטלערישע באַשטימונג פון דער צענטראַלער ראָל פון פּאָזיטיוון אָנגרייפערישן העלד איז נישט קיין ליטעראַרישער מאַניער, נאָר אַ טרייע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון דער צענטראַלער, אָנגרייפערישער ראָל פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכער מאָביליזירט

אַלע אונטערדריקטע אַרבעטנדיקע מאַסן, אויפן יסוד פון אַרבעטער- און פויערים-בונד, צום קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון עקספּלואַטאַציע און מלחמה.

פון דער צייט, זינט גאָרקי האָט מאַניפעסטירט און קינסטלעריש רעאַליזירט דעם נייעם פּאָזיטיוון אָנגרייפערישן העלד, דעם אַרבעטער-פּאַרטייער, איז שוין פאַרביי אַ האַלבער יאָרהונדערט. און וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלן זיג ס'האָט אָפּגעהאַלטן דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם! די ווערק פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם זענען די איינציקע קינסטלערישע שאַפונגען אין וועלט-מאַסשטאַב, וועלכע צייכענען די קינסטלערישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך די אייגנטלעכע דערגרייכונגען פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט אויפן געביט פון דער ליטעראַטור און קונסט.

אין די פאָדערשטע רייען מאַרשירט די סאָוועטישע ליטעראַטור, ס'וואַקסט די ליטעראַטור אין די פאָלקס-דעמאָקראַטישע לענדער, ס'אַנטוויקלט זיך די רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער אָנגרייפערישער פּאָזיטיווער העלד — איז די צענטראַלע פיגור פון די דאָזיקע שאַפונגען.

אויב מיר זאָגן די צענטראַלע פיגור, דאַרף דאָס נישט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין, אַז דער העלד דאַרף באַזיצן אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפטן, דאַרף זיין אַן אויסטערליש געשטאַלט. ניין. אַזוי דאַרף עס בשום אופן נישט פאַרשטאַנען ווערן. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם יאָגט זיך נישט נאָך אויסטערלישע געשטאַלטן, נאָר נישט קייןווירקלעכע מענטשן. דער העלד פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד, דער העלד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די לענדער פון דער פאָלקס-דעמאָקראַטיע, דער העלד פון דעם רעוואָליציאָנערן קאַמף קעגן פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — זענען נישט קיין אויסערגעוויינלעכע געשטאַלטן. דאָס זענען פּשוטע, געוויינלעכע אַרבעטער, פאָלקס-מענטשן, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך דאָס בעסטע, דאָס שענסטע, דאָס דערהויבנסטע פון אַרבעטער-קלאַס, דאָס מ ע נ ט ש ל ע כ ע פון היינטיקן מענטשן.

דער חבר מאַלענקאָוו האָט אין זיין רעפעראַט אויפן 19-טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטנפאַרבאַנד דעם דאָזיקן העלד כאַראַקטעריזירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„די קראַפט און באַדייטונג פון דער רעאַליסטישער קונסט באַשטייט אין דעם, וואָס זי קאָן און דאַרף אַרויסברענגען און אַנטפּלעקן די הויכע גייסטיקע אייגנשאַפטן און די טיפּישע פּאָזיטיווע כאַראַקטער-שטריכן פון פּ ש ו ט ן מ ע נ ט ש, שאַפן זיין ליכטיק קינסטלעריש בילד, וואָס זאָל ראוי זיין צו דינען פאַר מענטשן אַלס ביישפּיל און אַלס קעגנשטאַנד אויף נאָכצוטאָן" (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז).

אַלזאָ, דער פּאָזיטיווער אַנגרייפערישער העלד דאַרף זיין א פּ ש ו ט ע ר מ ע נ ט ש, מיט הויכע גייסטיקע אייגנשאַפטן און טיפּישע פּאָזיטיווע כאַראַקטער־שטריכן, ווי פּשוט עס איז דער אַרבעטער און ווי גרויס עס זענען זיינע טאָג־טעגלעכע אויפטוען און דערגרייכונגען.

ווער זשע זענען באמת די אַנגרייפערישע פּאָזיטיווע העלדן פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור, אויב נישט פּשוטע מענטשן, פּשוטע אַרבעטער, באַשאָנקען מיט די בעסטע כאַראַקטער־שטריכן פון זייער קלאַס, מיט די כאַראַקטער־שטריכן פון דער לענין־סטאַלין־פּאַרטיי.

אין צענטער פון די בעסטע קינסטלערישע ווערק פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור שטייט דער פּאָזיטיווער אַנגרייפערישער העלד, וואָס איז גלייכצייטיק דער פּשוטער מענטש פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער פּאָזיטיווער העלד טרעט אויף אַלס סינטעז פון אינדיווידועל־דיפערענצירטע כאַראַקטערן.

ווער זענען די העלדן פון פורמאַנאָווס „טשאַפּאַיעוו", גלאַדקאָווס „צעמענט", אָסטראָווסקיס „ווי געהאַרטעוועט זיך האָט שטאָל", שאָלאָכאָווס „צעאַקערטע רויערד", קרימאָווס „טאַנקער דערבענט", פאַדיעיעווס „די יונגע גוואַרדיע", מאַקאַרענקאָס „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע", אַזשאַיעווס „ווייט פון מאָסקווע", באַבאַיעווסקיס „דער קאַוואַלער פון גאָלדענעם שטערן", ניקאָלאַיעווס „שניט" און פיל אַנדערע? ווער איז דער העלד פון די דאָזיקע און ענלעכע ווערק, אויב נישט דער מענטש פון דער סאָציאַליסטישער בוויונג אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס שטייט אין צענטער פון לעבן, איז אַנגרייפעריש לגבי די שונאים, לגבי די שוועריקייטן, רוט נישט קיין מינוט, שטורעמט דאָס אַלטע און בויט דאָס נייע, וועלכער איז גרויזאַם לגבי דעם שונא און פאָטערלעך לגבי די בויער און ענטוזיאַסטן פון דער אויפקומענדיקער קאָמוניסטישער ווירקלעכקייט!

דאָס זעלבע לאָזט זיך מערקן אין דער אויפקומענדיקער נייער ליטעראַטור פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

זייער יונג איז די דאָזיקע ליטעראַטור, אָבער די עיקר־שטריכן אירע לאָזן זיך שוין מערקן. אַלס ביישפּיל וועלן מיר אָנרופן צוויי ווערק פון דאָזיקן כאַראַקטער: „צום ביישפּיל פּלעוואַ" פון האַמערא און „דער אָנדענק פון צעלולאָזע" פון נעווערלי. דער ערשטער שילדערט אונדזער לאַנד תיכף נאָך זיין באַפרייונג דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, דאָס צווייטע — גיט אונדז אַ בילד פון די קלאַסן־פאַרהעלטענישן אין בורזשואַז־פּריצישן פּוילן. אין ביידע ווערק טרעטן אַרויס אַלס העלדן אַרבעטער. די דאָזיקע אַרבעטער שטעלן מיט זיך פאָר אַנגרייפערישע פּאָזיטיווע געשטאַלטן. הגם נעווערלים שטשענסני און האַמעראַס פּלעוואַ זענען פאַרשידענע טיפּן און זענען טעטיק אין דיאַמעטראַל פאַרשידענע לעבנס־באַדינגונגען: שטשענסני אין פּעריאָד פון קאַמף פאַר דער מאַכט פון אַר־

בעטער־קלאַס, פּלעווא אין פּעריאָד פֿון דעראָבערטער פֿאָלקס־מאַכט, — דאָך פֿאַראייניקט זיי איין וויכטיקער כ אַ ר אַ ק ט ע ר ־ ש ט ר י ך: ביידע זענען קאָמפּראָמיסלאָז לגבי דעם קלאַסן־שונא, ביידע זענען אָנגרייפֿעריש, אין אָפֿענסיווע לגבי דעם שונא און ביידע זענען צוויי פּשוטע מענטשן, באַשאָנקען מיט אַ שיינער רייכער אינערלעכער גייסטיקער וועלט, ביידע האָבן ליב זייער אַרבעטער־קלאַס, ביידע האָבן ליב פּוילן און זענען גרייט אוועקצוגעבן דאָס טייערסטע פֿאַרן וווּיל פֿון זייער פֿאָטערלאַנד.

אָנגרייפֿעריש זענען אויך די געשטאַלטן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פֿון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָנגרייפֿערישע עלעמענטן האָבן מיר אין דער ליטעראַרישער ירושה פֿון אַנרי באַרבוס. אָנגרייפֿעריש זענען די געשטאַלטן אין די שאַפֿונגען פֿון די פֿראַנצויזישע פּראָלעטאַרישע שרייבער סטיל, אַראַגאָן א. אַנד.

אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון פּוילן סיי פֿון פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה סיי פֿון נאָך איר האָבן מיר נישט קיין אָנגרייפֿערישע פּאָזיטיווע געשטאַלט. דער עיקר מיינען מיר דאָ די פּראָזע. אויב אין דער דיכטונג האָבן מיר געהאַט און האָבן דעם רעוואָלוציאָנערן אָנגרייפֿערישן פּאַטאָס, דעם מאָביליזירנדיקן רוף צום קאַמף קעגן פֿאַשיזם, קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, צום קאַמף (אין די באַדינגונגען פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן) פֿאַר רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם, פֿאַר שלום — האָבן מיר פֿאַר דער מלחמה אין דער פּראָזע געהאַט אין בעסטן פֿאַל דעמאַסקאַטאָרישע אַקצענטן („מענטשן" פֿון ד. מיצמאַכער), און נאָך דער מלחמה האָבן מיר איינצלנע רעפּאָרטאַזשמעסיק אויפֿגעכאַפּטע פּאָזיטיווע אינדיווידן („נייע טעג" פֿון ש. קאַנץ). קיין סינטעטישע פּאָזיטיווע אָנגרייפֿערישע געשטאַלט האָבן מיר נישט געהאַט און האָבן נאָך נישט אין דער יידישער פּראָזע.

VII. וועגן ראָמאַנטיזם

ווי טראַקטירט דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם דאָס פּראָבלעם פֿון ראָמאַנטיזם אין דער ליטעראַטור און קונסט? צי געפֿינען זיי זיך אין אַ סתירה צווישן זיך? צי שליסן זיי זיך אויס?

געווען צייטן, ווען אָנהענגער פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן ראָמאַנטיזם אין דער ליטעראַטור און קונסט, זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער קעגנזעצלעכקייט פֿון ראָמאַנטיזם לגבי דעם רעאַליזם. רעאַליזם, האָבן זיי געטענהט, שילדערט דאָס ווירקלעכע לעבן, בעת ראָמאַנטיזם פֿאַרנעמט זיך מיט נישט קיין רעאַלע דערשיינונגען, מיט טרוימען, גייט אוועק פֿון לעבן, רייסט זיך אָפּ פֿון לעבן און איז דעריבער אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג אין פּאָלי־

טיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און אויך, אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג אין דער ליטעראַטור און קונסט.

די דאָזיקע טעזע האָט געליטן פֿון איינזייטיקייט און פֿון מאַנגל פֿון קאָנקרעטקייט, פֿון קאָנקרעטער אָפּשאַצונג.

ראָמאַנטיזם אין געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן לעבן, ווי אין דער ליטעראַטור און קונסט, קאָן נישט און טאָר נישט באַטראַכט ווערן אַבסטראַקט. מען קאָן נישט און מען טאָר נישט רעדן וועגן סתם ראָמאַנטיזם, וועגן סתם ראָמאַנטישקייט. פֿאַראַן רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיזם און פֿאַראַן רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם. לאָמיר נעמען אַ פּאָר ביישפּילן, וועלכע וועלן אונדז לייכטער מאַכן אויפֿצוקלערן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם.

ווי באַקאַנט איז שלום אש אַ ראָמאַנטיקער. זיין „שטעטל“, „שלמה נגיד“ זענען ראָמאַנטישע שאַפֿונגען. דער ראָמאַנטיזם פֿון שלום אשן איז אַ רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיזם. פֿאַרוואָס? ווייל שלום אש האָט אין זיינע ראָמאַנטישע שאַפֿונגען אידעאַליזירט, אַרויסגעהויבן דאָס אַלטפֿרענקישע און מיטלאַלטערלעכע קליינע שטעטל. אין פּעריאָד פֿון דער בורזשואַזנ־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע פֿון 1905, ווען די יידישע פֿאָלקסמאַסן זענען דאָס ערשטע מאָל אַריינגעצויגן געוואָרן אין רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישן קאַמף פֿון די רוסלענדישע פֿעלקער קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפֿט, ווען ס'האָבן אָנגעהויבן איינצופֿאַלן די ווענט פֿון דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און באַגרענעצטקייט, פֿון עקאָנאָמישן און פּאָליטיש־מאָראַלישן געטאָ פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פֿון אינטערנאַציאָנאַלער דערנענטערונג פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע צו די רוסישע, פּוילישע, אוקראַיִנישע, ליטווישע א. אַנד. אַרבעטנדיקע, פֿון געמיינזאַמען קאַמף פֿאַר פּאָליטישע רעכט, פֿאַר פֿרייהייט אאַגל., ווען דאָס יידישע קליינע שטעטל מיט זיינע אַלטפֿרענקישע, מיטלאַלטערלעכע אינסטיטוציעס, אָבערגלויבנס, זאַבאָבאָנעס האָט געהאַמעוועט דעם דאָזיקן פּראָגרעסיוון פּראָצעס — האָט שלום אשם אידעאַליזירונג פֿון קליינעם שטעטל געטראָגן אַ רעאַקציאָנערן כאַראַקטער, געווען געווענדט קעגן דער געזעצמעסיקייט פֿון די נייע פֿאַרהעלטענישן, געווען געווענדט קעגן דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט די דאָזיקע באַוועגונג און מיט איר אָנגעפֿירט. דאָס זעלביקע איז נוגע אשם אידעאַליזירונג פֿון שלמה נגיד. אין מאָמענט, ווען די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע אין דער יידישער סביבה איז שאַרפֿער געוואָרן, ווען די יידישע אַרבעטערשאַפֿט באַקומט איר זעלבסטבאַוווסטזיין אַלס טייל פֿון רוסלענדישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, ווען זי טרעט אויף אין קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפֿט און קעגן דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס בלאָקירט זיך מיט דער בורזשואַזיע אין לאַנד, אַלזאָ, אין מאָמענט, ווען די סאָציאַלע דיפֿערענציאַציע איז אַן אָביעקטיווע געזעצמעסיקייט, ווען דער

קלאַסן־קאַמף אין דער יידישער סביבה פאַרשאַרפט זיך — אין אַזאַ מאָמענט איז די אידעאַליזירונג פון דער אַלטפרענקישער יידיש־נגידישער סביבה פון קליינעם שטעטל אַן אויסדרוק פון אַ רעאַקציאָנערע טענדענץ צו וועלן ציען די געשיכטע אויף צוריק, וועלן אויפהאַלטן דעם וווּקס פון קלאַסן־באַוווּסטזיין פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וועלן פאַרשמירן די אַלץ־וואַקסנדיקע סאָציאַלע דיפערענצן און סתירות, בקיצור, וועלן אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג פון די נייע, פּראָגרעסיווע כוחות אין דער יידישער סביבה. די דאָזיקע איינשטעלונג פון אַש איז געווען אַ רעאַקציאָנערע. זיין ראָמאַנטיזם, זיין אידעאַליזירונג פון די אָפּשטאַרבנדיקע כוחות איז דעריבער געווען אַ רעאַקציאָנערער פאַקטאָר סיי אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אין דער ליטעראַטור. אַלזאָ, ראָמאַנטיזם אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אָדער ראָמאַנטיזם אַלס ליטעראַרישע שטרעמונג, וועלכע אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט, פאַרהערלעכט אָפּשטאַרבנדיקע כוחות, אונטערגייענדיקע קלאַסן און שיכטן, כדי אויפצוהאַלטן דעם אָנוווּקס פון די נייע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, דעם אָנוווּקס פון די נייע אידעען — אַזאַ ראָמאַנטיזם ווערט באַקעמפט אַלס רעאַקציאָנערע דערשיינונג.

פאַראַן אָבער אַן אַנדער ראָמאַנטיזם, אַ ראָמאַנטיזם, וועלכער איז נישט פאַרקוקט אויף צוריק, וועלכער אידעאַליזירט נישט די אָפּשטאַרבנדיקע כוחות, נאָר איז אַ פּרווו פון אַ בליק מאָן אין דער צוקונפט, איז אַ טרוים פון דער צוקונפט, איז אַ פּרווו פון אויפשטעלן אַ וויזיע דערפון, וואָס דאַרף ערשט קומען. אַזאַ ראָמאַנטיק איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, זי גיט צו מוט אין קאַמף פאַרן בעסערן, פאַרן שענערן, פאַרן צוקונפטיקן.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז יעדער קוק אויף צוריק, אַז יעדע אידעאַליזירונג פון דער פאַרגאַנגענהייט איז רעאַקציאָנערע ראָמאַנטיק. נישט דער בליק און נישט די אידעאַליזירונג פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַר זיך גענומען זענען רעאַקציאָנער. רעאַקציאָנער איז בלויז די אידעאַליזירונג פון די אָפּשטאַרבנדיקע כוחות פון די אונטערגייענדיקע קלאַסן. אויב אַ שרייבער, למשל, וועט אידעאַליזירן, פאַרשטעלן אין ראָמאַנטישע פאַרבן דעם עקלהאַפטן, אונטערגייענדיקן, צעפוילטן בורזשואַזן קלאַס און די שילדערונג וועט זיין אין קווערשניט פון דער היינטיקער צייט — וועט דאָס זיין רעאַקציאָנערע ראָמאַנטיק. כאָטש ס'האָט נישט צו טאָן מיט פאַרגאַנגענהייט. און פונקט פאַרקערט וועט זיין מיט דער אידעאַליזירונג, מיטן אַרויסברענגען דאָס ראָמאַנטישע, העראָאישע, למשל, פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס, פון זיין פאַרגאַנגענהייט, פון זיינע הערלעכע צאָלרייכע קאַמפן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס וועט זיין רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, הגם ס'האָט צו טאָן מיט פאַרגאַנגענהייט. למשל, דער הערלעכער ראָמאַן פון מסטיסלאַווסקי „שפּאַק, דער פריילינגס־פויגל“, וועלכע שילדערט אונדז ראָמאַנטיש די הערלעכע געשטאַלט פון באָלשעוויק פון 1905 יאָר באַומאַן.

ראָמאַנטיזם איז דעריבער נישט בלויז אַן עסטעטיש פּראָבלעם, ס'איז קודם-כל אַ פּאָליטיש פּראָבלעם.

מיר ווייסן, אַז די פּוילישע קלאַסישע ליטעראַטור פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקין האָט אַנטהאַלטן אין זיך ראָמאַנטישע עלעמענטן. דער ראָמאַנטיזם פון זייער פּאָעזיע איז געווען פאַרבונדן מיט דער אידעע פון נאַציאָנאַל-באַפרייִישן קאַמף פון פּוילישן פאָלק. ס'איז געווען אַ ראָמאַנטיזם, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט קאַמף קעגן צאַריזם, פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט זיך אָנגעשטעלט אויף קאַמף, אויף אידעען, וועלכע האָבן ערשט געדאַרפט רעאַליזירט ווערן. אַזאַ ראָמאַנטיזם, וועלכער איז פאַרבונדן מיט פּראָגרעסיווע אידעען פון קאַמף, וועלכער וועקט צום קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע אידעען, וועלכע זינגען אַ דערמוטיקונג צום קאַמף, אַ רוף צום קאַמף — אַזאַ ראָמאַנטיזם איז אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג, פאַרדינט אויף צוטרוי, אויף אָנערקענונג, ווי אַ נייטיקער עלעמענט פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

אַלזאָ, נישט סתם טרוימען, נישט סתם ראָמאַנטיזם איז רעאַקציאָנער אָדער פּראָגרעסיוו. נאָר רעאַקציאָנער אָדער פּראָגרעסיוו איז דער קאָנקרעטער אָביעקט פון ראָמאַנטיזם, פון טרוים, דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון ראָמאַנטיזם, די קאָנקרעטע אידעע פון שרייבערס טרוים. די פּראָגרעסיווקייט אָדער רעאַקציאָנערקייט פון דעם אינהאַלט, פון דער אידעע באַשטימען דעם פּראָגרעסיוון אָדער רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון ראָמאַנטיזם. ראָמאַנטיזם דערשיינט דעריבער ווי אַ באַשטימטע קונסט-פאָרם, וועלכע קאָן זיין רעאַקציאָנער אָדער פּראָגרעסיוו, אָפּהענגיק פון דעם כאַראַקטער פון אינהאַלט, וועלכן זי אַנטהאַלט. מיצקעוויטשעס ראָמאַנטיזם איז געווען אַ פּראָגרעסיווער, אַש — אַ רעאַקציאָנער. מיצקעוויטש האָט געטרוימט וועגן פעלקער-פאַרברידערונג אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא, דער דעמלטיקער אייראָפּעישער רעאַקציע. אַש האָט אידעאַליזירט, האָט פאַרהערלעכט די אָפּשטאַרבנדיקע לעבנס-פאָרמען, האָט פאַרצויגן מיט אַ הייטל פון ש י י נ ק יי ט דאָס (שלמה נגיד), וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען מיאוס, עקלהאַפט, באַלעגופיש.

באַהאַנדלענדיק דאָס פּראָבלעם פון טרוים און ווירקלעכקייט, איז לענין מסכים געווען פולשטענדיק דערמיט, וואָס ס'האָט וועגן דעם פּראָבלעם געשריבן דער באַקאַנטער נאַראָדנישער ליטעראַטור-קריטיקער פּיסאַרעוו. לענין האָט געשריבן:

„צווישן איין נישט-איינשטימיקייט און אַ צווייטער איז פאַראַן אַן אונטערשיד — האָט פּיסאַרעוו געשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן דער נישט-איינשטימיקייט צווישן פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט —

מיין פֿאַנטאַזיע קאָן איבעריאָגן דעם נאַטירלעכן גאַנג פֿון די געשעענישן, אָדער זי קאָן אַוועקגיין פֿולשטענדיק אין אַ זייט, אַהין, וווּ קיין שום נאַטירלעכער גאַנג פֿון געשעענישן קאָן קיינמאָל נישט קומען. אין ערשטן פֿאַל ברענגט די פֿאַנטאַזיע קיין שום שאָדן נישט; זי קאָן אַפֿילו אונטערהאַלטן און פֿאַרשטאַרקן די ענערגיע פֿון אַרבעטנדיקן מענטשן... אין אַזעלכע פֿאַנטאַזיעס איז גאָרנישט פֿאַראַן אַזוינס, וואָס זאָל פֿאַרקריפּלען אָדער פֿאַראַליזירן די אַרבעטס־קראַפֿט, אַפֿילו גאָר פֿאַרקערט. ווען דער מענטש וואָלט אינגאַנצן נישט פֿאַרמאָגט די פֿעיקייט צו פֿאַנטאַזירן אויף אַזאַ אופֿן, ווען ער וואָלט נישט פֿון צייט צו צייט געקאָנט פֿאַרלויפֿן פֿאָרויס און דערזען אין זיין פֿאָרשטעלונג אין אַ פֿאַרגאַנצט און פֿאַרענדיקט בילד דאָס זעלבע ווערק, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שאַפֿן אין זיינע הענט — דעמאָלט קאָן איך מיר אַבסאָלוט נישט פֿאָרשטעלן, וועלכע אָנרעגנדיקע סיבה וואָלט געצוווּנגען דעם מענטש אונטערצונעמען און דערפֿירן ביזן סוף גרויסע און אויסמאַטערנדיקע אַרבעטן אויף דעם געביט פֿון קונסט, וויסנשאַפֿט און פּראַקטיש לעבן“...

(ווערק, באַנד 4, זייט 93—492 רוסישע אויסגאַבע).

אַלזאָ, מיט טרוים פֿאַרלויפֿן דעם וועג פֿאָרויס און דערזען אַלס גאַנצקייט דאָס, וואָס דער שעפֿערישער אַרבעטס־מענטש האָט ערשט אָנגעהויבן צו שאַפֿן, באַטראַכט לענין אַלס נויטווענדיקן עלעמענט פֿון יעטוועדער שעפֿערישער טעטיקייט, פֿון קונסט, וויסנשאַפֿט און פּראַקטישן לעבן.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם גייט אַרויס פֿון דער דאָזיקער לענינישער הנחה ביים באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פֿון ראָמאַנטיזם. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם האַלט דאָס טרוימערישע פֿאַר אַ נויטווענדיקן עלעמענט פֿון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג. ביים שילדערן די היינטיקע ווירקלעכקייט פֿון די גראַנדיעזע קאָמוניסטישע בויונגען אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרלויפֿט די סאָוועטישע ליטעראַטור דעם וועג פֿאָרויס און ווייזט דעם לייענער דאָס מאָרגנדיקע, דאָס וואָס איז נאָך היינט נישטאָ, נאָר וואָס וועט מאָרגן זײַן אומבאַדינגט, ווייל ס'איז אין הסכם מיט דער געזעצמעסיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם היינטיקן. דאָס מאָרגנדיקע, דאָס וויזיאָנערישע פֿון שרייבער־רעאַליסט, איז נישט קיין ווירקלעכער טרוים, איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אָפּגעריסן פֿון נאַטירלעכן גאַנג פֿון די געשעענישן, וואָס ציט אַוועק דעם שרייבער און לייענער אין אַ זייט. ניין. דאָס טרוימערישע, דאָס פֿאַנטאַזיעמעסיקע, דאָס ראָמאַנטישע פֿון רעאַליסט איז אין פֿולשטענדיקן הסכם מיט דער געזעצמעסיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם היינטיקן, פֿון ווירקלעכן, פֿון פּראָגרעסיוון, וואָס אַנטוויקלט זיך, וואָס האָט די פּערספּעקטיוו פֿון אַנטוויקלען זיך, נאָר וואָס פֿאַרלויפֿט דעם

וועג פאָרויס און *זעט* *שוין* דאָס ווערק, וואָס דאַרף *ערשט* אין דער ווירקלעכקייט אויפקומען, *שוין* *אַ* *געשאַפנס* אין דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג.

דאָס ראָמאַנטישע אין די ווערק פון אַזשאַיעווס „ווייט פון מאָסקווע“ אָדער באַבאַיעווסקים „דער קאַוואַליער פון גאָלדענעם שטערן“ באַשטייט טאַקע דערין, וואָס דאָס וויזיאָנעלע, דאָס טרוימערישע איז נישט אָפגעריסן פון דעם גראַנדיעזן ווירקלעכן. ס'איז בלויז דאָס סינטעטישע פאַרגאַנצטע פון דעם *שוין* *עק*־*זיסטירנדיקן* און אַנטוויקלענדיקן זיך אין זיינע עלעמענטן. פון וואַנעט האָט זיך גענומען דער גייסטיקער און פיזישער כוח צו דעם פּרעכטיקן קאָלעק־טיוו־בויער אין אַזשאַיעווס „ווייט פון מאָסקווע“ בייצוקומען די אומגעהייערע שוועריקייטן פון בויען די נאַפט־ליטונג, אויב נישט דער טיפער גלויבן דערין, אַז דאָס טרוימערישע, דאָס פלאַנירטע, דאָס עקזיסטירנדיקע *היינט* *אין* *טרוים* — איז *מאָרגנדיקע* *ווירקלעכקייט*! אַזאַ ראָמאַנטיק, אַזאַ טרוים איז אַ נויטווענדיקער עלעמענט פון רעאַליסטישן שאַפן. אָן דעם טרוי־מערישן עלעמענט, אָן דעם וויזיאָנעלן, קאָן נישט זיין קיין נצחון פון ווירקלעכן, פון שוין עקזיסטירנדיקן. אָן דעם גלויבן, אָן דער וויזיע פון זען די *גאַנצקייט* *פון* *סאָציאַליזם*, וואָלט נישט מעגלעך געווען די סאָציאַליסטישע בויונג, וואָלט נישט מעגלעך געווען די רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם אַלס פּראָצעס פון אָנוואַקסנדיקע סאָציאַליסטישע עלעמענטן. דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן „ווייט פון מאָסקווע“, איז גילטיק אויך „דעם קאַוואַליער פון גאָלדענעם שטערן“, נ. קאָלאַיעוואַס „שניט“ און פיל אַנדערע סאָוועטישע קינסטלערישע ווערק.

אויפן 1־טן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער אין 1934 האָט זשדאַ־נאָוו דערקלערט:

„אונדזער ליטעראַטור, וועלכע שטייט מיטביידע פיס אויפן האַרטן מאַטעריעלן יסוד, קאָן נישט זיין פרעמד קיין ראָמאַנטיק, נאָר אַ ראָמאַנטיק פון אַ נייעם טיפ, אַ רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק. מיר זאָגן, אַז דער סאָציאַ־ליסטישער רעאַליזם איז דער גרונט־מעטאָד פון דער סאָוועטישער קינסט־לערישער ליטעראַטור און ליטעראַרישער קריטיק, און דאָס זעט פאָר, אַז דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם זאָל אַריינגיין אין ליטעראַרישן שאַפן ווי אַ באַשטאַנדטייל, ווייל דאָס גאַנצע לעבן פון אונדזער פאַרטיי, דאָס גאַנ־צע לעבן פון אַרבעטער־קלאַס און זיין קאַמף באַשטייט אין אַסאָציאירן די סאַמע רויע, סאַמע ניכטערע פּראַקטישע אַרבעט מיט דער גרעסטער העראָיק און גראַנדיעזע פערספּעקטיוון. אונדזער פאַרטיי איז שטענדיק געווען שטאַרק דערמיט, וואָס זי פלעגט בינדן און בינדט די ספּעציעלע זאַכלעכקייט און פּראַקטישקייט מיט דער ברייטער פערספּעקטיוו, מיט דעם שטענדיקן דראַנג פאָרויס, מיטן קאַמף פאַר אויפבויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט“.

אַלזאָ, רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק איז אַ שעפערישער פאַקטאָר אין פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אַ שעפערישער פאַקטאָר אויך אין דער קינסטלערישער טעטיקייט. אָן טרוים, אָן פאַנטאַזיע איז בכלל נישט דענקבאַר קיין שום קינסטלעריש שאַפן. אַזוי שטעלט זיך פאַר דאָס פּראָבלעם פון ראָמאַנטיזם אין ליכט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ראָמאַנטיק אַלס באַשטאַנדטייל פון רעאַליזם. אויב אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פון פאַרמלחמהדיקן פוילן איז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פּאָזיטיווער אָנגרייפערישער העלד, איז אָבער די פּאָעזיע, באַזונדערס די ליריק געווען באַהויכט מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק. דערויף זאָגט עדות די פּאָעזיע פון בראָניעווסקין, שענוואַלדן און אַנדערע אין דער פוילישער ליטעראַטור, דערויף זאָגט עדות די פּאָעזיע פון בינעם העלער, שילשטיין און אַנדערע אין דער יידישער ליטעראַטור.

VIII. די ראָל פון קריטיק

וואָס שטעלט פאָר מיט זיך ליטעראַרישע קריטיק?

איידער מיר וועלן דירעקט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועלן מיר מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען, וועלכע וועלן אונדז דערנענטערן צום ענטפער.

ליטעראַרישע קריטיק איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע. זי איז פאַרבונדן מיטן אויפקום פון דער שיינער ליטעראַטור און באַגלייט זי ביזן היינטיקן טאָג. אין אַלטן גריכנלאַנד, פון וואַנעט דאָס וואָרט קריטיק שטאַמט, האָט קריטיק באַדייט אַ „משפט" בכלל און נישט בלויז אַ משפט איבער ליטעראַטור.

ליטעראַטור-קריטיק איז געווען און איז פאַרבונדן מיטן גאַנצן סיסטעם אידעאָלאָגישע דערשיינונגען און פּראָצעסן פון פאַרשידענע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס. אָפּהענגיק פון די ענדערונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון כאַראַקטער פון קלאַסן-קאַמף ענדערן זיך אויך די פּרינציפּן פון דער ליטעראַרישער קריטיק. אין דער קלאַסן-געזעלשאַפט טראָגט די ליטעראַטור- און קונסט-קריטיק, ווי אַלע אַנדערע מינים און פאָרמען פון אידעאָלאָגיע, אַ קלאַסן-כאַראַקטער.

„אין אַ געזעלשאַפט אַ צעריסענער דורך קלאַסן-סתירות, קאָן אויך קיינמאָל נישט זיין קיין אויסערקלאַסאָווע און איבערקלאַסאָווע אידעאָלאָגיע"
(לענין).

דער לעניניזם לערנט אונדז גלייכצייטיק, אַז יעדער קולטור אין דער אַנטאַגאָניסטישער קלאַסן-געזעלשאַפט אַנטהאַלט אין זיך צוויי קולטורן: די קולטור פון

הערשנדיקן קלאַס און די דעמאָקראַטישע קולטור פון די אונטערדריקטע קלאַסן, וועלכע טרעט אַרויס און באַקעמפט סיי די עקאָנאָמישע אָרדענונג פון דער געגעבענער פאָרמאַציע, סיי איר גאַנצן איבערבוי.

י. סטאַלין שרייבט: „אויפן יסוד פונעם קאָנפליקט צווישן די נייע פּראָדוקציע=כוחות און די אַלטע פּראָדוקציע=באַציונגען, אויפן יסוד פון די נייע עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט אַנטשטייען נייע געזעלשאַפטלעכע אידעען. די נייע אידעען אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די מאַסן. די מאַסן קאָנסאָלידירן זיך אין אַ נייע פּאָליטישע אַרמיי, שאַפן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע מאַכט און נוצן זי אויס צוליב דעם, כדי אָפּצושאַפן מיט כוח די אַלטע פּאָראָנדקעס אויפן געביט פון די פּראָדוקציע=באַציונגען און פאַרפעסטיקן די נייע אָרדענונג“ („פּראַגן וועגן לעניניזם“, זייט 561, 11=טע רוסישע אויסגאַבע).

די נייע אידעען באַקעמפן די אַלטע פּראָדוקציע=באַציונגען, די אַלטע עקאָנאָמישע באַזע, קומען אין קאָנפליקט מיט די אידעען און אָנשויונגען פון הערשנדיקן קלאַס און זיין איבערבוי, וואָס פאַרטיידיקט די אַלטע עקאָנאָמישע באַזע. די נייע אויפקומענדיקע קולטור און אירע פירנדיקע אָנשויונגען, שטייט אַזוי אַרום אין אַ שטענדיקן קאָנפליקט מיט דער קולטור פון הערשנדיקן קלאַס און זיינע אָפּלעבנדיקע אָנשויונגען. אַזוי שאַפט זיך דאָס בילד פון צוויי קולטורן: פון הערשנדיקן קלאַס און פון די אויפקומענדיקע דעמאָקראַטישע קלאַסן און שיכטן.

אויך די ליטעראַטור=קריטיק, ווי יעטוועדער אַנדערער אידעאָלאָגישער אויסדרוק, איז אין די קלאַסן=פאָרמאַציעס, געבויטע אויפן יסוד פון פּריוואַט=אייגנטום, אַ צווייאיקע: פון הערשנדיקן קלאַס און פון די אונטערדריקטע אויפקומענדיקע קלאַסן.

אַ קלאַסישן ביישפּיל פון דער דאָזיקער דערשיינונג געפינען מיר אין דער רעוואָלוציאָנער=דעמאָקראַטישער ליטעראַטור=קריטיק פון רוסלאַנד פון 19=טן יאָרהונדערט, בראש פון וועלכער ס'זענען געשטאַנען אַזעלכע טיטאַנען פון רעוואָלוציאָנער=פילאָזאָפישן געדאַנק ווי ביעלינסקי, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, וועלכע זענען מיט דער אייגנטימלעכער פאַר זיי רעוואָלוציאָנערער פּאַסיע אַרויסגעטרעטן קעגן דער לייבאייגנטימערישער אָרדענונג און איר גאַנצן אידעאָלאָגישן איבערבוי. שוין ביעלינסקי, דער געניאַלסטער ליטעראַטור=קריטיקער, נישט בלויז פון רוסלאַנד, האָט אין די פערציקער יאָרן פאָרמולירט די ליטעראַטור=קריטיק אַלס וויסנשאַפט.

„קריטיקירן — הייסט זוכן און אַנטדעקן אין דער באַזונדערער דערשיינונג די אַלגעמיינע געזעצן...“

„...איצט איז די פראַגע וועגן דעם, וואָס מען וועט זאָגן וועגן אַ גרויס ווערק נישט ווינציקער וויכטיק פונעם ווערק גופא. וואָס און ווי מען זאָל וועגן דעם נישט זאָגן — גלייבט מיר, קודם=כל, וועט מען עס איבערלייענען, ס'וועט

דערוועקן ליידנשאַפטן, געדאַנקען, וויכּוחים. און אַנדערש קאָן נישט זיין: ס'האַנדלט זיך אין האָבן נישט בלויז פאַרלאַנגען — מיר ווילן וויסן; אָך וויסן איז נישטאָ קיין פאַרגעניגן". (וו. ביעלינסקי, „אויסגעוויילטע ווערק", אַ רעדע וועגן קריטיק, זייט 374, רוסיש).

אויף אַ נייעם קוואַליטאַטיוון העכערן שטאַפל האָט דערהויבן די ליטעראַטור־קריטיק, די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע עסטעטיק. ערשט אויפן גרונט פון דיאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז די ליטעראַטור־קריטיק, ווי א טייל פון דער עסטעטיק, דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון א וויסנשאַפט.

ליטעראַרישע קריטיק אין ליכט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם פאַרנעמט זיך אויסער דער ליטעראַרישער אינפאָרמאַטיווער רעצענזיע מיט סינטעטיש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן איבער ליטעראַטור־פּראָבלעמען, איבער ליטעראַרישע שטרעמונגען און פאָרמען, איבער באַזונדערע ליטעראַרישע דערשיינונגען, איבער די אַנטוויקלונגס־וועגן און אַנטוויקלונגס־פאָרמען פון דער ליטעראַטור, פאַרנעמט זיך מיט אויספאָרשן און פעסטשטעלן דאָס אָרט און ראָל פון דער ליטעראַטור אינעם באַפרייונגס־קאַמף פון פעלקער, אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס פאַר מאַכט, אינעם קאַמף פאַר בויען דעם סאָציאַליזם, אינעם קאַמף פון נייעם קעגן אַלטן. ליטעראַרישע קריטיק פאַרנעמט זיך מיט אַנאַליטיש־סינטעטישע אַרבעטן איבער שרייבער און זייערע באַזונדערע ווערק.

ליטעראַטור־קריטיק איז די וויסנשאַפט, וואָס פאָרשט די ליטעראַרישע דערשיינונגען און די געזעצמעסיקייט פון זייער אויפקום און אַנטוויקלונג.

פאַראַן מענטשן, וועלכע שאַצן אָפּ ליטעראַרישע קריטיק ווי א פּלאַגעט, וואָס דרייט זיך אַרום דער ליטעראַטור און פירט אויס בלויז אַ באַשטימטע באַדינערישע פונקציע. דאָס איז אַ פאַלשע מיינונג. די דאָזיקע מענטשן זעען נישט די שעפערישע, סטימולירנדיקע און פירנדיקע ראָל פון דער ליטעראַטור־קריטיק.

קודם־כּל דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע פאַרמאָגט אירע אייגנאַרטיקייטן, איר ספּעציפישקייט אַלס קריטיק פון קינסטלערישן שאַפן, וואָס אונטערשיידט זיך פון אַנדערע מינים קריטיק, איז אין כּלל אונטערגעוואָרפן דער אַלגעמיינער געזעצמעסיקייט פון דער ראָל פון קריטיק און זעלבסטקריטיק אין געזעלשאַפטלעכן און פאָליטישן לעבן.

אין שייכות מיט דער ראָל פון קריטיק און זעלבסטקריטיק האָט י. סטאַלין געשריבן:

„קאַמף צווישן אַלטן און נייעם, צווישן אָפּשטאַרבנדיקן און געבוירנדיקן — דאָס איז דער יסוד פון אונדזער אַנטוויקלונג. נישט אָפּמערקנדיק און נישט אויפדעקנדיק אָפן און ערלעך, ווי ס'פּאַסט פאַר באָלשעוויקעס, די בלויזן און פעלערן אין אונדזער אַרבעט, פאַרשטעלן מיר זיך אַליין אונדזער וועג פאָרויס. אָבער מיר ווילן זיך דאָך באַוועגן פאָרויס. און דערפאַר טאַקע,

וואָס מיר ווילן זיך באַוועגן פאָרויס, דאַרפן מיר אַוועקשטעלן ווי איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע אויפגאַבן די ערלעכע און רעוואָלוציאָנערע זעלבסטקריטיק. אָן דעם, איז נישט פאַראַן קיין באַוועגונג פאָרויס, אָן דעם איז נישט פאַראַן קיין אַנטוויקלונג". (ווערק, באַנד 10, זייט 331, רוסיש).

אַלזאָ, אָן קריטיק און זעלבסטקריטיק איז נישט פאַראַן קיין באַוועגונג פאָרויס, איז נישט פאַראַן קיין אַנטוויקלונג. דאָס איז נוגע אונדזער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון אונדזער פאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן, דאָס איז אויך נוגע דער ראָל און פונקציע פון דער ליטעראַטור־קריטיק.

אָן ערנסטער, פּאַרטייִשער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַרישער קריטיק איז נישט פאַראַן קיין אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, איז נישט פאַראַן קיין גאַנג פאָרויס אויפן געביט פון קינסטלערישן שאַפן. אוודאי קאָנען אויפקומען באַזונדערע ווערק און אַפילו גוטע ווערק, אָבער קיין ערנסטע אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און קונסט וועט נישט זיין. ליטעראַטור און קונסט־קריטיק פירט נישט אויס קיין באַדינערישע פונקציע, זי איז אויך נישט קיין רעגיסטראַטאָר פון ליטעראַרישע און קינסטלערישע דערשיינונגען. פאַלש זענען דעריבער אויך די טענדענצן, וועלכע באַמיען זיך פאָרצושטעלן ליטעראַטור־קריטיק בלויז ווי ליטעראַטור־געשיכטע און אַנטקעגנשטעלן די לעצטע אַלס וויסנשאַפט. דער ערשטער אַלס בלומרשטער נישט וויסנשאַפט. ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיק שפּילט אָפּ און האָט אָפּצושפּילן אַ פירנדיקע, אָרגאַניזירנדיקע ראָל. ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיק איז דער זעלבסטבאַוווסטזיין פון דער ליטעראַטור און קונסט. די קריטיק גיט אַ מעגלעכקייט דעם שרייבער, קינסטלער צו זען נישט בלויז זיין ווערק, נאָר די גאַנצקייט פון דער ליטעראַטור און דאָס אָרט פון זיינע ווערק אין דער ליטעראַטור. די ליטעראַטור־קריטיק שאַפט אַזוי אַרום פאַרן שרייבער פּערספּעקטיוון פאַר זיין שעפערישער טעטיקייט און פאַרבינדט זיין שאַפן מיט דער גאַנצקייט פון קינסטלערישן שאַפן בכלל. אָן דער קריטיק איז נישט פאַראַן די פאַרבינדונג פון די ליטעראַרישע רינגען, וואָס בילדן די ליטעראַטור־קייט.

די קריטיק איז די וויסנשאַפט פון קינסטלערישן שאַפן. זי פאַראַלגעמיינערט די קאָנקרעטע דערגרייכונגען פון דער ליטעראַטור אויפן געביט פון דערקענען און אַרויסברענגען די לעבנס־אמתן פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. די קריטיק איז דירעקט פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און פאָרמולירט זייערע פּראָגרעסיווע, עסטעטישע אָנשויונגען און אידעען. אין דער קריטיק קומט צום אויסדרוק צווישן אַנדערן דער אָנגריף פון אַרבעטער־קלאַס קעגן זיינע שונאים. די קריטיק איז דעריבער דער פּאָליטישער וועג־ווייזער פון דער ליטעראַטור און קונסט.

די ליטעראַטור־קריטיק ברענגט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צום באַוווּסטזיין פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע דעם אויפקום פון קינסטלערישן ווערק, אַנאַליזירט זייערע מעלות און חסרונות, העלפט צו דערציִען אַזוי דעם לייענער ווי דעם שרייבער. די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור־קריטיק איז דעריבער צו זיין שטרענג־וויסנשאַפטלעך, פּאָליטיש פאַרשאַרפט און צילגעווענדט, פּאַרטייאיש און אומקאָמפּראָמיסלעך אין קאַמף קעגן כלערליי בורזשואַזע עסטעטישע איינשטעלונגען אָדער איינפלוסן.

„זי איז מחויב ליידנשאַפטלעך אונטערצוהאַלטן אַלדאָס נייע, פּאָרגעשריטענע, באַגייסטיקן דעם וווּקס פון יונגע טאַלענטן, אַנטוויקלען שעפערישע פּאַרלאַנגען, דעצידירט אַרויסטרעטן קעגן רוטין, פאַרשטיינערטקייט, שטילשטאַנד. אונדזערע קינסטלער נייטיקן זיך אין אַן ערנסטן, פאַרטראַכטן און טיפן אַנאַליז פון זייער שאַפן, אין אַ מאָנערישער פּרינציפּיעלער קריטיק“ („פּראַוודאַ“, נר' 46 (12614) פון 15 פעברואַר 1953).

די ליטעראַטור און קונסט אַנטוויקלט זיך אין נאַציאָנאַלע פאָרמען און שפּיגלט אָפּ די אייגנאַרטיקייט פון קלאַסן־קאַמף ביי פאַרשידענע פעלקער. די קריטיק פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם נעמט דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעך אין אַכט, אַלס איינע פון די יסודות פון איר טעטיקייט. די קריטיק באַטראַכט די ליטעראַטור ווי אַ ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון שטייגער, פון שפּראַך פון די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, פון די פעלקער, וואָס שטייען אין קאַמף פאַר באַפרייען זיך פון אימפּעריאַליסטישן יאָך.

די בורזשואַזיע קאָן זיך נישט דערלויבן נישט אויף קיין עכטע ליטעראַטור און קונסט און נישט אויף וויסנשאַפטלעכע קריטיק. ווייל דאָס, וואָס ס'איז עכט און וויסנשאַפטלעך, זאָגט זיך אַרויס קעגן איר ברוטאַלער און צעשטערערישער הערשאַפט. דערפון די פאַרשידענע אַנטירעאַליסטישע שטרעמונגען, דערפון דער נאַטוראַליזם און פאָרמאַליזם, די דעקאַדענטישע ליטעראַטור און קונסט, וואָס צייכנט דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער בורזשואַזער קולטור בכלל. הינטער פאַרשידענע פאָרמען און איזמען באַמיט זיך די בורזשואַזיע צו פאַרבאַהאַלטן איר אמת אַנטיעסטעטיש, רוצחיש פּנים. ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס פון דער בורזשואַזער ליטעראַטור־„קריטיק“ איז פאַרשוווּנדן די פּשוטע רעאַליסטישע פאָרם פון אַנאַליז און סינטעז, און וואָס זי באַנוצט זיך מיט דער פאָרם פון ליטעראַרישן עסיי.

די בורזשואַזע פילאָזאָפן־עסטעטיקער באַמיען זיך פאָרצושטעלן דעם עסיי ווי אַ „העכערע“ פאָרם פון ליטעראַטור־קריטיק. אין דער אמתן איז דאָס איינע

פון די מיטלען פון אַנטלויפן, פון אויסמיידן אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּשאַצונג פון ליטעראַרישע דערשיינונגען. עסיי איז אַזאַ פאָרם פון פובליציסטיק, וואָס פאַרפליכטעט נישט דעם מחבר צו שטרענגער וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיווער פאָרשטעלונג פון פאַרשעדישן מאַטעריאַל, נאָר וואָס גיט דעם מחבר פרייע מעגלעכקייטן צו שווימען אין סוביעקטיוויסטיש־ליטעראַרישע אימפּרעסיעס. דער עסיי איז נישט קיין פרווו אָפּצושאַצן די ליטעראַרישע דערשיינונג, ווי זי איז, אָביעקטיוו, אָנצווייזן אויף די אידעיִשע און עסטעטישע וואַלאָרן, וואָס דאָס געגעבענע ווערק אַנטהאַלט. נאָר דער עסיי גיט די מעגלעכקייט דעם אַזוי גערופענעם „קריטיקער“ אויסצודריקן זיין מיינונג, צי דאָס ווערק געפעלט אים יאָ, צי עס געפעלט אים נישט. דער עסיי גיט אַזוי אַרום נישט קיין אָביעקטיוו בילד פון פאַרשעדישן קעגנשטאַנד, נאָר אַ מער אָדער ווייניקער טרייע אָפּשפּיגלונג פון געמיט־צושטאַנד פון „קריטיקער“ אויפן גרונט פון זיין באַרירונג מיטן געגעבענעם ווערק. מיר טרעטן דאָ נישט אַרויס פּרינציפּיעל קעגן עסיי אַלס אַ באַשטימטע ליטעראַרישע פאָרם פון פובליציסטיק. מיר שטעלן אָבער פעסט, אַז דער עסיי אַלס פאָרם פון ליטעראַטור־קריטיק ווערט אויסגענוצט דורך דער בורזשואַזער „עסטעטיק“, כדי צו פאַרקריפּלען די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט, וועלכע איז קעגן איר. ס'איז אַ פרווו — סוביעקטיוויסטישע, צעליגערישע שטימונגען אָנצוגעבן אַלס ליטעראַרישע קריטיק. די בורזשואַזע „עסטעטיקער“ האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין עסיי, ווי אין זייער לעצטער רעטונגס־ברעט, כדי צו מאַכן נאָך דעם אָנשטעל, אַז ס'איז פאַראַן אַ בורזשואַזע ליטעראַטור־קריטיק. פאַקטיש אָבער איז שוין פון לאַנג נישט פאַראַן נישט קיין עכטע בורזשואַזע ליטעראַטור און נישט קיין וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור־קריטיק.

IX. דאָס פראָבלעם פון אינהאַלט און פאָרם

דאָס פראָבלעם פון אינהאַלט און פאָרם איז די יעניקע דעמאַרקאַציע־ליניע, וואָס טיילט אָפּ דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם פון די בורזשואַזע און פאַרבורזשואַזטע פאָרמאַליסטן פון איין זייט און פון די „לינקאַטשישע“ פרווון צו נעגירן די באַדייטונג פון פאָרם פון דער צווייטער זייט.

פאָרמאַליסטן פון כלערליי מינים באַמיען זיך אָפּצורייסן דעם אינהאַלט פון אַ קינסטלעריש ווערק פון זיין פאָרם. בעסער געזאָגט, פאַר זיי עקזיסטירט בלויז די פאָרם, דער אינהאַלט איז אַ נעבן־זאַך, וואָס ווערט נישט גענומען אין באַטראַכט. דעם גראַד פון קינסטלערישער פערפעקציע מעסטן זיי מיטן גראַד פון פאָרמלעכער דערגרייכונג. די פאָרמאַליסטן אינטערעסירט אין אַ קינסטלע־

דיש ווערק בלויז דער ריטם, די קאָמפּאָזיציע, דער קלאַנג, די פאַרב און זייערע קעגנזייטיקע באַווירקונגען און קאָמבינאַציעס. זיי זענען נישט און זיי אינטערעסירט נישט דער אומבאַשטרייטלעכער פאַקט, אַז די פאָרם עקזיסטירט נישט און קאָן נישט עקזיסטירן אָפּגעריסן פון אינהאַלט, אַז ס'איז נישט פאַראַן און ס'קאָן נישט זיין אין דער נאַטור און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן בלויז פאָרם ווי א דערשיינונג פאַר זיך גופא, וואָס האָט זיך איר כלומרשט זעלבשטענדיק לעבן און איר זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונג.

די סאָציאַלע פונקציע פון די דאָזיקע פאַלשע טעאָריעס פון די פאָרמאַליסטן באַשטייט דערין, וואָס זי גיט א מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון אינהאַלט, אויסצומיידן דעם אינהאַלט, וועלכער איז פאַר דער בורזשואַזיע נישט באַקוועם. וואָס קינסטלערישער ס'איז א שאַפונג, אַלץ טרייער שפּיגלט אָפּ איר אינהאַלט די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט און איר געזעצמעסיקע אַנטוויקלונג, וועלכע איז קעגן דער בורזשואַזיע און קעגן איר אָרדענונג. דערפון דער ווידערווילן פון דער בורזשואַזיע צום אינהאַלט פון גרויסע קינסטלערישע ווערק. דערפון די צודינערישע ראָל פון די פאָרמאַליסטן פאַר די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. דערפון דער פאַקט פון נעגירן די באַדייטונג און ראָל פון אינהאַלט.

שוין דער גענאַלער ביעלינסקי האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק באַקעמפט די פאָרמאַליסטן פאַר זייער וועלן אָפּרייסן די פאָרם פון אינהאַלט. באַהאַנדלענדיק די גריכישע קונסט, וואָס איז דער קלאַסישער אויסדרוק פון שיינקייט, האָט ביעלינסקי געשריבן:

,,פאָלגלעך קאָן מען אפילו וועגן דער גריכישער קונסט נישט זאָגן אומבאַדינגט, אַז איר ציל זאָל האָבן געווען בלויז די פאַרקערפּערונג פון פּראַכט. דער אינהאַלט פון יעדער גריכישער טראַגעדיע איז א מאָראַליש פּראָבלעם, עסטעטיש געלייזט“. (אויסגעוויילטע שריפטן, אַ רעדע וועגן קריטיק, זייט 377, לענינגראַד, 1949).

אַטאַקירנדיק דעם פאָרמאַליזם, אַקצענטירט ביעלינסקי:

,,אונדזער יאָרהונדערט איז ספּעציעל פיינטלעך לגבי אזא ליטעראַטור־שטרעמונג. ער לייקנט דעצידירט אָפּ די קונסט לשם קונסט, שיינקייט לשם שיינקייט“ (דאָרט, זייט 378).

און ביעלינסקי קומט צום אויספיר, אַז יעדעס קונסט־ווערק דאַרף באַטראַכט ווערן אין ענגער פאַרבינדונג צווישן זיין אינהאַלט און פאָרם, אין שייכות מיט דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, מיט דער געגעבענער עפּאָכע.

,,יעדע קינסטלערישע שאַפונג דאַרף באַטראַכט ווערן אין שייכות צו דער עפּאָכע, צו דער היסטאָרישער זיינצייטיקייט, און אין שייכות פון קינסטלער צו דער געזעלשאַפט; די באַהאַנדלונג פון זיין לעבן, כאַראַקטער

אַרגל. קאָן אויך דינען אַפּט צום אויפקלערן איר אַנטשטייונג" (דאָרט, זייט 381).

די פּרוּוון פון די פאָרמאַליסטן אָפּצורייסן די פאָרם פון אינהאַלט פון קונסטווערק, צו מאַכן די פאָרם פאַר אַ זעלבסט־צוועק פירט נישט בלויז צום אָפּטויטן דעם אינהאַלט. דערמיט וואָס די פאָרם ווערט אָפּגעריסן פון אינהאַלט בלייבט די פאָרם הענגען אין דער לופטן, ווערט זי אָפּגעריסן פון איר אָנשפּאַר, פון איר וועזנטלעכן תוך, פון איר סובסטאַנץ, פון איר מאַטעריעלן יסוד, וואָס ס'פירט קאָנסעקווענט צום דעזאָרגאַניזירן די פאָרם גופא, צו איר צעשטערונג, צום אָפּטויטן די פאָרם. דאָס אייגנאַרטיקע פון דער פאָרם באַשטייט דאָך דערין, וואָס זי גרענעצט אָפּ איין אינהאַלטלעכע קוואַליטעט פון אַ צווייטער אינהאַלטלעכער קוואַליטעט. ווער עס לייקנט אָפּ דעם אינהאַלט, דער פאַרווישט קאָנסעקווענט די גרענעץ, דאָס הייסט דעם עצם באַגריף פון פאָרם, דער צעשטערט די פאָרם. און אַזוי איז טאַקע געשען: די פאָרמאַליסטן האָבן צעשטערט די פאָרם. די דעקאַדענץ פון דער בורזשואַזער „קונסט" באַשטייט נישט בלויז דערין, וואָס זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן אינהאַלט, געלייקנט זיין ווערט, וועלנדיק אויסמיידן אַזוי אַרום די אומבאַקוועמלעכקייט פון באַהאַנדלען די סאָציאַלע קאָנפליקטן, וועלכע אַנטוויקלען זיך אין דער ריכטונג פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, נאָר די דעקאַדענץ באַשטייט אויך דערין, וואָס זיי האָבן צוליבן פאַרלייקענען דעם אינהאַלט צעשטערט די פאָרם פון קינסטלערישן אויסדרוק. צי איז נישט די אַמעריקאַנער דזשאַז־מוזיק מיט אירע דיסאָנאַנס־קלאַנגען, מיט דער גאַנצער קאַקאָפאָניע די צעשטערונג פון דער בורזשואַזער מוזיק גופא. און צי איז נישט די פאָרמאַליסטישע שפּיל פון פאַרבן, זייער באַליביקע קאָמבינאַציע אָן פאַרבינדונג מיטן קאָנקרעטן אינהאַלט און אידעע נישט די צעשטערונג פון דער פאָרם גופא און דערמיט פון דער בורזשואַזער פּלאַסטישער קונסט. און צי האָבן נישט די פּרוּוון פון די פאָרמאַליסטן ביי אונדז אין פּוילן פאַר דער מלחמה צו „שאַפן" פּאָעזיע מיט דער הילף פון פאָרמעלע קאָמבינאַציעס, פון פאַרגלייכן, מעטאַפאָרעס און קלאַנגען, וועלכע דער דיכטער האָט אָנגעווענדט ווילקירלעך, אַסאָציאַטיוו, אָפּגעריסן פון וועלכן ס'איז אינהאַלטלעכן זין און אידעע — נישט בלויז נישט געשאַפן קיין איין ממשותדיק פּאָעטיש ווערק, נישט בלויז נישט אַ רוק געטאָן די פּאָעטישע פאָרמען אויף אַ מילימעטער פאָרויס, נאָר האָבן דעגראַדירט דעם עצם זין פון פאָרם, זי פאַקטיש צעשטערט, פאַרשטייט זיך אין זייערע „שאַפונגען".

די מאַרקסיסטיש־לענינישע עסטעטיק באַקעמפט אויך די לוקאַטשישע טענדענצן פון נישט דערשאַצן די ראָל פון פאָרם, וועלכע קומט צום אויסדרוק

דאָ אָדער דאָרט צווישן שרייבער, וועלכע שטייען פּאָרמעל אויפן יסוד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דער בלויזער אָפּקלייב פון אַ נהאַלטלעכן שטאָף און די איינשטעלונג פון דער אידעישער צילגעווענדטקייט גאַראַנטירט נאָך נישט דעם קינסטלערישן דערפאָלג. אויב דער מחבר איז נישט אימשטאַנד צו געפינען אָדער פאַרנאַכ־לעסיקט די אַנטשפּרעכיקע קינסטלערישע פאָרם, דורך וועלכער און מיט דער הילף פון וועלכער ער איז אימשטאַנד אויף אַ פּלאַסטישן אופן אַרויסצוברענגען דעם אינהאַלט און ווירקן אַזוי אַרום מיט דער אידעישקייט און טענדענציעזקייט, וואָס פליסט אַרויס פון אינהאַלט — דאָס הייסט ווירקן מיט דער איינהייט פון אינהאַלט און פאָרם — דאַן פירט ער אַמאָל קעגן זיין אייגענעם ווילן צו דער דיסקרעדיטאַציע פון אינהאַלט און פון זיין אידעע. ס'איז ווייניק צו האָבן שטאָף און אידעע, דער שרייבער מוז געפינען די קינסטלערישע ראַם פאַר זיי. אויב דער קינסטלער געפינט נישט די אַנטשפּרעכיקע פּראָפּאָרצן, וועלכע זאָלן רעגולירן די אַלע גייטיקע עלעמענטן, וועלכע בילדן די גאַנצקייט פון אַ קינסט־לעריש ווערק, דאַן ליידט דאָס ווערק גופא. אויב דער מחבר איז שטענדיק איבערגענומען מיט דער אידעע, וועלכע ער וויל דורכזעצן אין זיין שאַפונג און באַמיט זיך ווינציק, אַז זיי זאָלן זיך אַנטפּלעקן דורך די פּלאַסטישע בילדער, דורך די האַנדלונגען פון זיינע העלדן, דורך די כאַראַקטערן פון די העלדן, נאָך זי קומט ביי אים צום אויסדרוק, ווי ס'טרעפט זיך גאַנץ אָפט דורך דעקלאַ־ראַציע, דורך רייד, דורך רעזאָנערישקייט פון די פּערסאָנאַזשן — דאַן האָבן מיר צו טאָן מיט אַ צעשטערונג פון דער האַרמאָניע פון אינהאַלט און פאָרם, אַ צעשטערונג פון דער איינהייט פון אינהאַלט און פאָרם, וועלכע קומט אין רעזולטאַט אַמאָל פון פאַרנאַכלעסיקן די פאָרמעלע אָפּשלייפונג און אַמאָל, און דאָס איז ערגער, אין רעזולטאַט פון מאַנגל פון קינסטלערישע מיטלען, פון טאַלאַנט.

אָנווייזנדיק אויך אויף די פאָרמעלע שוואַכע מאָמענטן פון לאַסאַלס דראַמע „פראַנץ פאָן זיקינגען" שרייבט מאַרקס צו לאַסאַלן:

„און איצט די צווייטע זייט פון מעדאַל. ערשטנס — איז עס אַ פאָר־מעלער מאָמענט — האָסטו שוין געשריבן אין פערזן, האָסטו געקאָנט אָפּשלייפן דיינע יאַמבן אַביסל מער קינסטלערישער". (מאַרקס, ענגעלס „איבער קונסט און ליטעראַטור", פאַרלאַג „ברונאָ הענשעל אונד זאָן", בערלין, 1949, זייט 111).

קריטיקירנדיק לאַסאַלן, פאַרוואָס ער האָט אין זיין דראַמע נישט אַרויס־גערוקט אין פאָדערגרונט די פאָרשטייער פון פויערים און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון די שטעט, כדי זיי זאָלן ווי לעבעדיקע מענטשן אויסדרוקן מיט

זייערע האַנדלונגען און כאַראַקטערן די רעוואָלוציאָנערע אידעען פֿון זייער צייט און נישט זיי פֿאַרוואַנדלען אין רעזאָנערן פֿון די דאָזיקע אידעען — שרייבט מאַרקס אינעם זעלביקן בריוו:

„דו וואָלסט דעמלט געמוזט ווילנדיק נישט ווילנדיק שעקספּיריזירן, בעת איצט האַלט איך פֿאַר דיין באַדייטנדיקן פֿעלער דאָס שילעריזירן, דאָס פֿאַרוואַנדלען אינדיווידן אין פּשוטע שפּראַך־הילכערס פֿון צייט־גייסט“ (דאָרט, זייט 112).

אַלזאָ, די אונטערשאַצונג פֿון פֿאָרם, פֿון קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע, פֿון סטיל, דאָס מקריב זיין די פֿאָרמעלע זייט פֿון א קינסטלערישער שאַפֿונג אויפֿן חשבון פֿון אינהאַלט, פֿון דער אידעע — איז נישט ווינציקער שעדלעך פֿאַר דער קינסטלערישער שאַפֿונג, ווי דאָס פֿאַרקערטע, דאָס געגירן, דאָס מקריב זיין דעם אינהאַלט און אידעע אויפֿן מזבח פֿון דער פֿאָרם.

„אייניקע מחברים — האָט געשריבן די „פּראַוודאַ“ — מיינען גאַאיוו, אַז א הייגטצייטיקע טעמע קאָן אויסקויפֿן די קינסטלערישע נישט פֿול־ווערטיקייט פֿון שאַפֿונגען. ס'איז דען נישט קלאָר, אַז וואָס באַדייטנדיקער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער ס'איז די טעמע פֿון דער פּיעסע, אַלץ העכער דאַרפֿן זיין אירע קינסטלערישע וואַלאָרן“.

אַלזאָ, פֿאַר אַלע מינים און זשאַנרען פֿון קינסטלערישער שאַפֿונג גילט דאָס געזעץ פֿון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער עסטעטיק, פֿון סאָציאַליס־טישן רעאַליזם וועגן דער אָרגאַנישער איינהייט פֿון אינהאַלט און פֿאָרם, וועגן זייער אומצעטיילבאַרקייט און אומטעגלעכער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ. ס'שטייט קיין אינהאַלט אָן פֿאָרם ווי ס'איז נישט פֿאַראַן קיין פֿאָרם אָן אינ־האַלט. דאָס איז נישט נאָר נוגע די קינסטלערישע דערשיינונגען, דאָס איז נוגע אַלע אַנדערע דערשיינונגען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿון פּאָליטישן, עקאָנאָ־מישן, קולטורעלן אאַוו. די קלאַסישע ליטעראַטור פֿון אַלע פֿעלקער אויף דער וועלט, סיי פֿון די הייגטיקע סיי פֿון די אַמאָליקע, איז טאַקע דערמיט קלאַסיש, וואָס אין אירע ווערק איז געבראַכט צו א פֿולשטענדיקער האַר־מאָניע און איינהייטלעכקייט דער אינהאַלט און די פֿאָרם. דערפֿון זייער דויערנדיקער ווערט, דערפֿון זייער גרויסע מאַגישע באַווירקונגס־קראַפֿט. דאָס געזעץ פֿון האַרמאָניע און איינהייט פֿון אינהאַלט און פֿאָרם, וואָס האָט געווירקט אינעם געשטאַלטיקונגס־פּראָצעס פֿון די געניאַלע קינסטלערישע ווערק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ס'רוב אומבאַוווּסט פֿאַר זייערע שעפֿער — איז געוואָרן איינע פֿון די פּרינציפּן פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, פֿון דער מאַרקסיסטיש־לעניניס־טישער עסטעטיק.

די קונסט־ און ליטעראַטור־פאָרמען זענען זייער צאָלרייך און פאַרשידן. ס'קומען אין באַטראַכט די אַלגעמיינע דריי הויפּט־פאָרמען פון דער ליטעראַטור: פּראָזע, דראַמע און פּאָעזיע און זייערע אָפּצווייגונגען, ווי עפּאָס, ראָמאַן, נאָוועלע א״דגל., ווי טראַגעדיע, קאָמעדיע, מאָנאָלאָג, פאַרס א״דגל., ווי פּאָעמע, באַלאַדע, סאָנעט, אָדע, עלעגיע א״דגל.

א וויכטיקער פאַקטאָר אין דער ליטעראַטור איז איר נאַציאָנאַלע פאָרם. די נאַציאָנאַלע פאָרם שפּילט אַן אומגעהייערע באַדייטנדיקע ראָל ביים אַרויסברענגען דעם געגעבענעם אינהאַלט. די נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער ליטעראַטור און קונסט איז דירעקט פאַרבונדן מיט די אייגנשאַפטן און קוואַליטעטן פון נאַציעס און פעלקער. די נאַציאָנאַלע פאָרם, וואָס קומט דער עיקר צום אויסדרוק אין דער שפּראַך, שפּילט דעריבער אַן אומגעהויערע וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און קונסט אין וועלט־מאַסשטאַב.

י. סטאַלין לערנט אונדז:

„די סאָוועטישע מענטשן האַלטן, אַז יעדעס פאָלק — סיי אַ גרויס סיי א קליין — פאַרמאָגט זיינע באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן, זיין ספּעציפיק, וועלכע איז אייגנטימלעך בלויז פאַר אים און וועלכע ס'פאַרמאָגן נישט אַנדערע פעלקער. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייטן זענען דער צושטייער, וואָס יעדעס פאָלק לייגט אַריין אין דער אַלגעמיינער שאַץ־קאַמער פון דער וועלט־קולטור, דערגאַנצנדיק און באַרייכערנדיק זי“. („באָלשעוויק“, נר 7, 1948).

די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, וואָס בילדעט די ספּעציפיק פון באַזונדערע נאַציעס טרעט אויף אין דער קונסט, באַזונדערס אין דער ליטעראַטור אלס א באַשטימטע פאָרם, אין וועלכער דער קינסטלער געשטאַלטיקט דעם געגעבענעם געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט, דעם סאָציאַלן שטאָף. מחמת דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע ספּעציפיק, וועלכע דערשיינט צווישן אַנדערן אלס די נאַציאָנאַלע פאָרם פון דער קולטור פון געגעבענעם פאָלק, איז אָרגאַניש פאַרבינדן מיטן לעבן און געשיכטע פון געגעבענעם פאָלק, לייגט זי דעריבער איר טיפּן הותם אויף דער געשיכטע פון די סאָציאַלע קאַמפן פון געגעבענעם פאָלק. דער קינסטלער, וועלכער נעמט קיינמאָל נישט אָפּגעריסן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון זיין נאַציאָנאַלער פאָרם, שאַפט אַזוי אַרום, אין הסכם מיטן פּרינציפּ פון איינהייטלעכקייט פון אינהאַלט און פאָרם, דאָס אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קונסט־ווערק.

דערפון די אייגנאַרטיקייט פון דער מוזיק ביי פאַרשידענע פעלקער, דערפון די אייגנאַרטיקייט פון דער ליטעראַטור ביי פאַרשידענע פעלקער. די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט באַשטייט נישט בלויז דערין, וואָס עס ווערט אין דער

ליטעראַטור און קונסט אַרויסגעבראַכט אַ סאָציאַלע סביבה, וועלכע האָט זיך איר
נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקע געשיכטלעכע געשטאַלטיקונג אויפן יסוד פון דער פעאָ=
דאַלער סאָציאַל=עקאָנאָמישער אָרדענונג צי אויפן יסוד פון דער קאַפּיטאַליס=
טישער סאָציאַל=עקאָנאָמישער אָרדענונג, נאָר די אייגנאַרטיקייט באַשטייט
אויך דערין, וואָס די נאַציאָנאַלע פאָרם, דער עיקר די שפּראַך ווירקט אויך אויף
דער פאַרטיפונג פון די נאַציאָנאַלע שטריכן. די נאַציאָנאַלע שטריכן ווערן אָרגאַ=
ניש פאַרשמאָלצן מיטן סאָציאַלן אינהאַלט, און ס'איז נישט אָפּצוטיילן איינס
פון אַנדערן, ווי ס'איז נישט אָפּצוטיילן, למשל, די אויסערלעכע געשטאַלט און
דעם קאָליר פון פרוכטן פון זייער אינערלעכן אינהאַלט.
דעם טשעכישן שרייבער האַשעק איז געלונגען אין זיין „בראַוון סאָלדאַט
שווייק" אַרויסצוברענגען דעם פּאַנאַנדערפאַל פון דער האַבסבורגישער מאָנאַר=
כיע נישט בלויז מיט דער הילף פון דעם געהעריק אָפּגעקליבענעם שטאָף, מיט
די מייסטערשאַפט=געשאַפענע סיטואַציעס פון זיין העלד, מיט דער געשטאַלטיקונג
פון כאַראַקטער פון שווייקן דורך זיינע קאָנקרעטע האַנדלונגען — נאָר אויך
מיט דעם אייגנאַרטיקן טשעכישן הומאָר, וועלכער פאַרטיפט און פאַרשאַרפט
דאָס בילד פון דעם פאַנאַדערלייגערישן פּראָצעס פון דער צעפוילטער עסטרייך=
אונגאַרישער מאָנאַרכיע. שווייקס הומאָר איז די יעניקע קינסטלערישע אייגנאַר=
טיקע פאָרם, וועלכער שמעלצט זיך צונויף מיטן אינהאַלט אין אַזאַ גאַנצקייט,
וועלכע ס'איז שווער אָפּצוטיילן. ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז יענע פּער=
פעקטע פאָרם, וועלכע קיין שום אַנדערע נאַציאָנאַלע פאָרם איז נישט אימשטאַנד
זי צו פאַרטרעטן. הערפון טאַקע די שוועריקייטן ביים איבערזעצן דאָס ווערק אויף
אַנדערע שפּראַכן. אין שענקעוויטשעס „קוואָ וואַדיס" איז די פּוילישע נאַציאָנאַלע
פאָרם נישט אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אינהאַלט. אין זיינע „קרייצלער" איז זי —
נישט אָפּצוטיילן פון אינהאַלט. פּושקינס נאַציאָנאַלער קאָלאָריט איז אַזוי אָרגאַ=
ניש פאַרוואַקסן מיט דער רוסישער סאָציאַלער סביבה פון זיין צייט, ווי די
וואָלגע מיט דער רוסישער ערד. די נאַציאָנאַלע שטריכן פון טביה דעם מילכיקן
און מנחם=מענדל, זיין לשון און פאָסטעמקעס זענען נישט אָפּצוטיילן פון דער
יידישער סביבה אויף דער שוועל פון אונדזער יאָרהונדערט. שלום עליכמס
הומאָר איז כמעט נישט צום איבערזעצן.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם באַקעמפט דערייבער מיט דער גאַנצער
שאַרפקייט די בורזשואַז=קאָסמאָפּאָליטישע איינשטעלונגען פון נעגירן די נאַציאָ=
נאַלע אייגנאַרטיקייטן פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע פאָרמען. ס'איז פאַלש און
שעדלעך די איינשטעלונג, אַז ס'קאָנען קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט ווערן אַלגע=
מיין=מענטשלעכע כאַראַקטער=שטריכן, אויסמיידנדיק די נאַציאָנאַלע פאָרמען.
אויף אונדזער עטאַפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט זענען נישט

פאַראַן קיין אַבסטראַקטע, אַנאַציאָנאַלע מענטשן. פאַראַן מענטשן פון באַשטימטע נאַציאָנאַלע סביבות. און פונקט ווי קיין שום אינהאַלט פון א קינסטלעריש ווערק קאָן נישט קומען צום אויסדרוק נישט אויסגיסנדיק זיך אין א קאָנקרעטער קינסטלערישער פאָרם, אזוי קאָן קיין שום סאָציאַלע סביבה פון א קינסטלעריש ווערק נישט קומען צום אויסדרוק, אויב זי וועט זיך נישט אויסגיסן אין א קאָנקרעטער נאַציאָנאַלער פאָרם, אין א נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. נאָך מער, וואָס ברייטער, וואָס פאַרבנרייכער ס'וועט זיין די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט אלץ טיפער און דורכדרינגלעכער וועט זיין די כאַראַקטעריסטיק פון דער געשילדערטער סאָציאַלער מיליע, אַלץ בולטער, שאַרפער דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע. פונקט ווי דאָס ט י פּ י ש ע איז נישט דענקבאַר אָן דעם א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ן, פונקט אזוי איז דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע נישט דענקבאַר, נישט מעגלעך אָן דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן. אינעם נאַציאָנאַלן רעאַליזירט זיך דאָס מענטשלעכע. יעטוועדער פרוו אויסצומיידן דאָס נאַציאָנאַלע איז סכעמע און קאָסמאָפּאָליטיזם.

און צום סוף נאָך איין פרט. דאָס פּראָבלעם פון דויערהאַפטיקייט פון קינסטלערישע פאָרמען.

אין כלל גענומען האָבן זיך די הויפּט־מינים פון קינסטלערישן, ליטעראַרישן שאַפן דערהאַלטן פון אַלטן גריכנלאַנד ביזן היינטיקן טאָג: די עפּישע פאָרם, די דראַמע און די פּאָעזיע, הגם זיי האָבן דורכגעמאַכט אַן ערנסטע אַנטוויקלונג. דער היינטיקער ראָמאַן איז ווייט נישט דאָס, וואָס דער אַלטערטימלעכער מיטאָלאָגישער עפּאָס, די היינטיקע דראַמע איז ווייט נישט דאָס, וואָס די גריכישע דראַמע. דאָס זעלביקע איז מיט דער פּאָעזיע. דאָך האָבן זיי זיך דערהאַלטן. אונדז שיינט, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די דאָזיקע הויפּט־פאָרמען זענען אָרגאַניש געבונדן מיט דער שפּראַך, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך סטיכיש די דריי הויפּט־פאָרמען פון מענטשלעכן קולטורעלן פאַרקער. יעטוועדער שמועס צווישן מענטשן איז א דיאַלאָג און אַנטהאַלט דעם דראַמאַטישן עלעמענט, יעטוועדע ידיעה, וואָס ווערט איבערגעגעבן א צווייטן מענטשן, איז פּראָזע. פּאָעזיע איז אומבאַדינגט א העכערע שטופע פון שפּראַך־אַנטוויקלונג און איז נישט פאַרבונדן מיט דער סטיכישקייט פון דער שפּראַך, נאָר מיט דער אַנטוויקלונג פון געזאַנג אין דער אַלטערטימלעכער געזעלשאַפט. הגם די טענדענץ צו ריטם און גראַם באַמערקן מיר אין פּשוטן שפּראַך־פאַרקער אויך.

אָבער אחוץ די דאָזיקע דריי הויפּט־פאָרמען פון דער ליטעראַטור זענען אין אַלטערטום און מיטלאַלטער געווען זייער פיל זייערע אָפּצווייגונגען, פאַרשידענע מינים פּאָעטישע פאָרמען. אזעלכע פאָרמען ווי די פּאָעמע און אָדע זענען דורכן קלאַסיציזם איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער ליטעראַטור פון דער

נייער צייט און זיך דערהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג. אויך די באַלאַדע האָט זיך דערהאַלטן פֿון מיטלאַלטער. פֿיל אַנדערע ליטעראַרישע פֿאָרמען, ווי למשל, דאָס כאָראַלע ליד אַלס עלעמענט פֿון דער דראַמע, דער דיטיראַמב, דער פּעאַן, די אימפּראָוויזאַציע זענען כמעט אונטערגעגאַנגען. מיט דער פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער פּאָעזיע און דראַמע זענען פֿאָרמען פֿאַרבונדענע מיטן רעליגיעזן קולט אָפּגעפֿאַלן, ווי נישט אַנטשפּרעכיקע.

ס'דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן אַ וויכטיקער פּרט, נעמלעך דאָס אויפֿקומען פֿון נייע קונסט־געביטן, אַנטשפּרעכיק צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער טעכניק. מיר מיינען דאָ אין דער ערשטער ריי די פֿילם־קונסט, וואָס איר עיקר־שטריך באַשטייט אין צוויי מאָמענטן: ערשטנס — אין איר ברייטער דעמאָקראַטישער אָנווענדונג און צווייטנס — אין דער קאָנדענסירונג פֿון שטאָף אין דער צייט. קיין שום קונסט־פֿאָרם איז נישט אימשטאַנד אַריינצופּרעסן אַזויפֿיל איבהאַלטס־שטאָף אין אַ צייט־אָפּשניט פֿון צוויי שעה און אים איבערגעבן מיט אַזאַ הויכער טעכנישער אַפּאַראַטור פֿון אומיטלבאַרער באַווירקונג אויפֿן זעאון הער־חוש גלייכצייטיק און ברייטע מעגלעכקייטן פֿון אָרט און צייט, ווי דאָס אין די פֿילם־קונסט.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם באַטראַכט דעריבער די פֿילם־קונסט פֿאַר איינע פֿון די וויכטיקסטע קונסט־פֿאָרמען, מיט דער הילף פֿון וועלכע עס קאָן ברייט אַרויסגעבראַכט ווערן די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט, און וועלכע גיט אַ מעגלעכקייט פֿון טיפֿער, אידעישער באַווירקונג פֿון ברייטע מיליאָניקע מאַסן.

וועגן פאַרשונגס־מעטאָד פון אונדזער משכּילישער און קלאַסישער ליטעראַטור

אויף דעם אָרט האָבן מיר נישט בדעה אויספירלעך צו באַהאַנדלען וועלכע ס'איז פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור. מיר ווילן בלויז אוועקשטעלן איין פראַגע, וואָס אָן איר פאַרענטפערונג, לויט אונדזער מיינונג, קאָן נישט זיין קיין וויסנשאַפטלעכער אַנאַליז פון דער משכּילישער און קלאַסישער יידישער ליטעראַטור.

נאָך די גראַנדיעזע נצחונות, וואָס דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם האָט אָפּגעהאַלטן אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך צום וויפלטן מאָל באַשטעטיקט אַלס די איינציק־ריכטיקע וויסנשאַפטלעכע וועלטאַנשויונג און איינציק־ריכטיקער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד — וועלן זיך, פאַרשטייט זיך, שוין נישט געפינען אַזעלכע, וואָס זאָלן צווייפלען, צי דער לעניניזם קאָן האָבן אַ שייכות אויך צו דער יידישער ליטעראַטור און איר געשיכטע, בפרט, אַז אויף דעם דאָזיקן געביט זענען געמאַכט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד גאַנץ ערנסטע דערגרייכונגען (מ. ווינער). היינט האַנדלט זיך עס שוין נישט וועגן דעם טעאָרעטישן קאַמף פאַר דער דאָזיקער טעזע, נאָר וועגן איר פּראַקטישער אָנווענדונג. די אויפגאַבע דאַרף נעמען אויף זיך די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק פון אונדזער פאָלקס־דעמאָקראַטיש פוילן, וועלכע האָט באַקומען אַלע מעגלעכקייטן זי צו רעאַליזירן.

אמת, לענין גופא האָט טאַקע מיט דער יידישער ליטעראַטור קיין דירעקטע שייכות נישט געהאַט, אָבער אָן אים, אָן זיין לערע קאָן מען נישט מאַכן קיין איין ערנסטן שריט אין דער געשיכטע פון דער משכּילישער און קלאַסישער יידישער ליטעראַטור. ווען מיר רעדן וועגן לענינס לערע, מיינען מיר נישט אויסשעפּנדיק אָנצווווענדן לענינס וועלט־אַנשויונג בכלל לגבי

ל י ט ע ר א ט ו ר. מיר ווילן בלויז באַהאַנדלען די שעפערישע ראָל פון לעני־ניזם, וואָס מוז אָנגעווענדט ווערן לגבי דער יידישער ליטעראַטור.

י. סטאַלין לערנט אונדז, אַז:

„די וועלט־אָנשויונג פון לענינען און די יסודות פון לעניניזם — זענען נישט איינס און דאָס זעלביקע לויטן פאַרנעם. לענין — איז אַ מאַרקסיסט, און דער יסוד פון זיין וועלט־אָנשויונג איז, אומבאַדינגט, דער מאַרקסיזם. נאָר פון דעם דריגנט לגמרי נישט, אַז די אויסלייגונג פונעם לעניניזם דאַרף אָנגעהייבן ווערן פון דער אויסלייגונג פון די יסודות פונעם מאַרקסיזם. אויסלייגן דעם לעניניזם — הייסט אויסלייגן דאָס אייגנאַרטיקע און נייע אין די ווערק פון לענינען, וואָס לענין האָט אריינגעבראַכט אין דער אַלגעמיינער שאַץ־קאַמער פון מאַרקסיזם און וואָס איז נאַטירלעך פאַרבונדן מיט זיין נאָמען“.

(„פראַגן פון לעניניזם“, זייט 1, 11־טע רוסישע אויסגאַבע 1945).

אַלזאָ, מיר האָבן בדעה אָנצווענדן „דאָס אייגנאַרטיקע און נייע אין די ווערק פון לענינען“, וואָס האָט אַ שייכות אויך צו דער יידישער ליטעראַטור.

אין וואָס באַשטייט דער לעניניסטישער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור?

ער באַשטייט דערין, וואָס ער בילדעט מיט זיך אַ טייל פונעם אַלגעמיינעם צוגאַנג צו דער רוסלענדישער ליטעראַטור.

דער לעניניסטישער מעטאָד פון פאָרשן די דערשיינונג פון דער יידישער ליטעראַטור איז אומבאַדינגט ענג פאַרבונדן מיט זיין אָפּשאַצונג פון די דערשיי־נונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור פון 19־טן יאָרהונדערט, גענויער, פון דער רוסישער ליטעראַטור פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע אָרגאַנישע פאַרבינדונג נעמט זיך דערפון, וואָס די משכילישע און קלאַסישע יידישע ליטעראַטור האָט זיך דערהויפּט געשטאַלטיקט אין מזרח־אייראָפּע, אין דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע, און אונטערליגט דעריבער דער סאָציאַל־פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער געזעצמעסיקייט, וועלכע איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן און באַוועגונגען אין רוס־לאַנד אין יענער עפּאָכע, שוין אָפּגערעדט פונעם איינפלוס פון דער רוסישער ליטעראַטור אויף דער יידישער.

דאָס אייגנאַרטיקע און נייע, וואָס לענין האָט אריינגעבראַכט אין דער אָפּ־שאַצונג פון דער רוסישער ליטעראַטור אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָר־הונדערט, איז אומבאַדינגט חל אויך אויף די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער יידי־

שער ליטעראַטור, אויף איר געשטאַלטיקונג אין יענער עפּאָכע און אויף איר אויסוווירקונג אויף די שפּעטערדיקע ליטעראַטור־עטאַפּן, ווען אַפילו די דאָזיקע געזעצן האָבן שוין אויפגעהערט צו ווירקן, ווען דאָס געוועזענע צאַרישע רוסלאַנד איז זיך צעפאַלן און ס'איז אויפגעקומען דער ראַטנפאַרבאַנד.

אַלזאָ, אין וואָס זשע באַשטייט דאָס אייגנאַרטיקע און נייע פון לעניניזם אין באַצוג צו דער רוסלענדישער ליטעראַטור?

דאָס אייגנאַרטיקע און נייע באַשטייט דערין, וואָס לענין האָט באַטראַכט אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע און אידעאָלאָגיש־קולטורעלע פּראָצעסן אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט אונטערן קוק־ווינקל פון די אייגנאַרטיקע אופנים און וועגן פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. לענין האָט פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון צוויי פּאַראַלעלע טענדענצן, צוויי וועגן אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד: דעם פּרייסישן וועג און דעם פראַנצויזישן וועג.

דער פּרייסישער אַנטוויקלונגס־וועג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט באַדייט, אַז דער קאַפּיטאַליזם דרינגט אַריין און באַפעסטיקט זיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט אין דער לאַנדווירטשאַפט דורך פּאָליטישע רעפאָר־מען פון אויבן, דורך איבערלאָזן די ערד ביי די פּריצים, דורך אַ פּשרה צווישן דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אויפן חשבון פון פּויערטום.

דער פראַנצויזישער אַנטוויקלונגס־וועג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט באַדייט, די מעגלעכקייט דער קאַפּיטאַליזם זאָל אַריינדרינגען און באַפעסטיקן זיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט אין דער לאַנדווירטשאַפט דורך אַ ברייטער דעמאָקראַטישער פּויערישער רעוואָלוציע פון אונטן, דורך צונעמען די ערד ביי די פּריצים און צעטיילן זי צווישן די פּויערים.

אָט די צוויי פּראָצעסן, וועלכע האָבן פּאַראַלעל אָנגעריפט אינעם עקאָ־נאָמישן און פּאָליטישן לעבן פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע, האָבן געשטאַלטיקט די פּאָליטישע פּאַרטייען, די אידעאָלאָגישע, קולטורעלע און במילא אויך די ליטעראַרישע באַוועגונגען אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, באַזונדערס נאָך דער מפּלה פון צאַר אין דער קרימער מלחמה און נאָך דער אַזוי גערופענער „באַפרייונג פון די פּויערים" דורכן מאַניפעסט פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טן, וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען דורך אַ אַטענטאַט פון די נאַראָדאָוואָלצעס.

דעם דאָזיקן היסטאָרישן אמת האָט פעסטגעשטעלט לענין און דערמיט צום ערשטן מאָל ביים העלן שיין פון רעפלעקטאָר פון מאַרקסיזם וויסנשאַפטלעך אָפּגעשאַצט אַלע באַוועגונגען, סאָציאַלע, פּאָליטישע, פילאָזאָפישע, ליטעראַרישע אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע מאַרקסיסטישע באַלייכטונג האָט געגעבן די אמתע אָפּשאַצונג וועגן אָרט און דער ראָל פון די רעאקציאָנערע „סלאַוויאַנאָפילן", וועגן די ליבעראַלע „זאַפּאַדניקעס" און רעוואָלוציאָנער=דעמאָקראַטישע „נאַראָדאָוואָלצעס". די דאָזיקע אָפּשאַצונג האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין דאָס אָרט און די ראָל פון אַזא ליטעראַטור=דערשיינונג, ווי ס'איז געווען טורגעניעוו, דאָס אָרט און די ראָל פון טשערנישעווסקי און ניעקראַסאָוו אין דער געשיכטע פון רוסישן פילאָזאָפישן געדאַנק און פון דער ליטעראַטור=אַנטוויקלונג. די דאָזיקע אָפּשאַצונג האָט געגעבן די מעגלעכקייטן פעסטצושטעלן דאָס אָרט און די ראָל פון אַזא ליטעראַרישן זשעני, ווי דאָס איז געווען לעוו טאָלסטאָי.

אָט וואָס לענין שרייבט וועגן טאָלסטאָיען:

„...די סתירות אין די אָנשויונגען פון טאָלסטאָיען זענען ניט קיין סתירות פון זיין אייגענעם געדאַנק, נאָר די אָפּשפּיגלונג פון יענע, אין א גרויסער מאָס קאָמפּליצירטע, סתירותדיקע באַדינגונגען, סאָציאַלע איינפלוסן, היסטאָרישע טראַדיציעס, וועלכע האָבן באַשטימט די פּסיכאָלאָגיע פון די פאַרשידענע קלאַסן און די פאַרשידענע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין דער נאָכרעפאָרמדיקער אָבער ביז=רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע".

(לענין, ווערק, 16=טער באַנד, זייט 295).

וואָס דרינגט פון אויבנגעזאָגטן און ציטירטן?

דערפון דרינגט, אַז אַ טייל פון דער יידיש=משכילישער און די גאַנצע יידיש=קלאַסישע ליטעראַטור, וועלכע פאַלט אויס דער עיקר אויף דער נאָכרעפאָרמדיקער און ביז=רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע פון רוסלאַנד, איז באַדינגט געווען דורך דער זעלביקער געזעצמעסיקייט און סאָציאַל=פּאָליטישע, פילאָזאָפישע באַוועגונגען, וואָס די רוסלענדישע ליטעראַטור, דערהויפּט יענע רוסישע, וועלכע האָט דירעקט באַווירקט די יידישע שרייבער און זייערע שאַפונגען.

אַוודאי וואָלט עס באַדייט זינדיקן קעגן די עלעמענטאַרע פּרינציפּן פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, ווען עמעצער וואָלט געפּרווט מעכאַניש אַריבערטראָגן די לעניניסטישע איינשטעלונג אויף דער יידישער סביבה פון יענער עפּאָכע.

אַוודאי איז אין דער יידישער געזעלשאַפֿט נישט געווען קיין פֿויערטום, און במילא פֿאַלט אָפּ דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער פֿאַקטאָר, וואָס האָט אין דער רוסישער געזעלשאַפֿט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין דער געשטאַלטיקונג פֿון דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, אָבער דער צעלייגערישער פּראָצעס פֿון רוסישן דאָרף דורכן קאַפּיטאַליזם, האָט מיט נישט קיין קלענערע קראַפֿט געווירקט אין יידישן קליינעם שטעטל און איבערגעקערט עס מיט זיין פֿון הונדערטער יאָרן פֿאַרפֿונדעוועטן פּעאָדאַלן לעבנס־שטייגער. אַוודאי זענען ביי יידן נישט געווען קיין פּריצים, אָבער ביי יידן איז געווען דער פּריצישער סוחר, וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבן צו שטויסן אין דער ריכטונג פֿון אינדוסטריאַליזירונג אָדער אויף זיין אָרט אַרויסגעבראַכט דעם נייעם פֿאַבריקאַנט, דעם אויפֿגעקומענעם „פּאַרוועניו" גביר.

אַוודאי איז פֿאַראַן אַן אייגנאַרטיקייט אין די סאָציאַלע, פּאָליטישע און ליטעראַרישע פּראָצעסן, וועלכע זענען אויפֿגעקומען אין רעזולטאַט און אין די ראַמען פֿון די אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס־געזעצן. די לענינסטישע פֿאָרשונג פֿון דער יידישער משכילישער און קלאַסישער ליטעראַטור דאַרף טאַקע באַשטיין אין אויסגעפֿינען דאָס אייגנאַרטיקע, ספּעציפֿישע, וואָס די דאָזיקע אַלגעמיינע פּראָצעסן האָבן אַריינגעבראַכט אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אויפֿדעקן די שטימונגען און אָנשויונגען, וועלכע זענען אויפֿגעקומען אין דער יידישער סביבה אין רעזולטאַט פֿון די דאָזיקע אַלגעמיינע פּראָצעסן, אין רעזולטאַט פֿון דער אויספֿאָרמירונג פֿון די צוויי אַנטוויקלונגס־טענדענצן פֿון קאַפּיטאַליזם, פֿון זייער סתירותדיקן גאַנג און קעגנזייטיקן קאַמף. אַזאַ, למשל, דערשיינונג, ווי די אַנטשטייונג אין רוסלאַנד פֿון דער רעאַקציאָנער־ציוניסטישער באַוועגונג, ווי די ביל"ו־באַוועגונג אין די אַכציקער־יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, די ערשטע עמיגראַנטן, קבוצים־גרינדער אין פּאַלעסטינע, ווי אַן אוטאָפּישער, קליינבירגערלעך־סאָציאַליסטישער פּרווו אין די ראַמען פֿון קאַפּיטאַליזם אויפֿצובויען „סאָציאַליסטישע" געמיינשאַפֿטן, קאָמונעס, וואָס איז ביים היינטיקן טאָג דער יחוס־בריוו פֿון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, איינגעשלאָסן מפּ"ם — איז דאָך היסטאָריש גענומען אַן אידעאָלאָגישער שפּיטער אין דער יידישער סביבה פֿון דער אוטאָפּיש־רעאַקציאָנערער נאַראָדנישער אידעע וועגן דער מעגלעכקייט פֿון בויען סאָציאַליזם אין דאָרף דורכן איבערשפּרינגען דעם קאַפּיטאַליזם אָדער אים אויסמיידן, בויען סאָציאַליזם אין דאָרף אויפֿן יסוד פֿון די רעשטלעך פֿון דער פּאַטריאַרכאַלער רוסישער געמיינשאַפֿט, דער אַזוי גערופֿענער „אָבשטשינע".

די דאָזיקע אַלע פּראָבלעמען רוקן זיך אַרויס אויפֿן פֿאָדערגרונט, ווען מיר ריִרן זיך צו ערנסט צו די ווערק פֿון די משכּילים און קלאַסיקער.

די יידישע השכּלה־ליטעראַטור וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן דערקלערן, אייב מיר וועלן נישט אויפֿדעקן אין איר דעם איינפֿלוס פֿון די צוויי הויפּט־שליאַכן, דעם פֿרייסישן און פּראָווינציעלן, וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער רוסישער ליטעראַטור.

טרעפֿן מיר דאָך צוויי מינים משכּילים. איין מין, וועלכער שטייט אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון רעפֿאָרמען פֿון אויבן, פֿון טראָגן בילדונג צווישן דער יידישער פֿאָלקס־מאַסע, משכּילים, וועלכע אונטערשטיצן די פּראָיעקטן פֿון דער צאַר׳שער רעגירונג — דאָס זענען די יידישע אויפֿקלערער־ליבעראַלן. ס׳איז געווען אויך דער צווייטער מין משכּילים, און צו זיי האָט געהערט מענדעלע (אָנגעהויבן פֿון דער „קליאַטשע“), וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וועלכע האָבן די פֿראַגע פֿון דער עקאָנאָמישער אויפֿריכטונג פֿון די יידישע מאַסן געשטעלט אויפֿן ערשטן אָרט. דאָס איז די דעמאָקראַטישע טענדענץ, דאָס איז דער עקוויוואַלענט צו דער פֿאָדערונג פֿון ערד פֿאַר די פּויערים.

ביי שלום־עליכמען טרעפֿן מיר אין ערשטן פּעריאָד זיינעם די איינפֿלוסן פֿון די סאָציאַל־אוטאָפּיסטישע אידעען פֿון די נאַראָדנאָוואָלצעס מיטן שאַרף געווענדט קעגן קאַפּיטאַליזם, וועלכע מישן זיך סתירותדיק אייגנאַרטיק אויס מיט די ליבעראַלע אידעען פֿון השכּלה („סענדער בלאַנק“).

„מנחם־מענדל“ און „טביה דער מילכיקער“ זענען די קינסטלערישע דאָקומענטן, וועלכע שילדערן דעם צעשטערישן איינפֿלוס אויפֿן יידישן קליינעם שטעטל פֿון פּרייסישן אַנטוויקלונגס־וועג פֿון קאַפּיטאַליזם. אויך פּרצעס משכּיליש־דעמאָקראַטישער פּעריאָד, וועלכער דערגרייכט איז אין די 90־קער יאָרן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, ציט זיין אָפּשטאַם פֿון דעמאָקראַטישן אַנטוויקלונגס־וועג פֿון קאַפּיטאַליזם.

דאָס זענען אַלץ פּראָבלעמען, וועלכע אַנטשטייען אין רעזולטאַט פֿון אָנווענדן דעם לעניניזם לגבי דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע קאָנען געלעזט ווערן בלויז דורך דער אָנווענדונג פֿון לעניניזם.

די גאַנצע השכּלה־ליטעראַטור, די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור — דאַרפֿן דעריבער באַהאַנדלט ווערן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די געזעצן, וועלכע ס׳האָט אונדז אַנטדעקט לענין און זיי אַזוי גענִיאַל אָנגעוואָנדן.

די גרונט־פראַגע פון דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג — די פראַגע וועגן דעם מעטאָד — וואָס קאָן געבן דאָס אמתע, אַדעקוואַטע בילד פון די אַנטוויקלונגס־וועגן און אַנטוויקלונגס־פאָרמען פון דער ייִדישער משכילישער און קלאַסישער ליטעראַטור — דאָס איז דער לעניניזם.

יאַנואַר 1950.

דער משכּיל, וואָס איז געווען קעגן השׂכּלה

די יידישע פֿאָלקס־מאַסן לאָזן נישט דורך קיין שום געלעגנהייט, כּדי אויסצודריקן די גרויסע פֿאַרערונג פֿאַר זייער גרויסן שרייבער, דעם קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספֿרים.

מענדעלע מוכר ספֿרים אַסאָציאירט זיך ביי אונדז מיט עפּעס נייעס, מיט בויענדיקס, מיט שעפֿערישס, מיט עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף נאָך רעאַליזירט ווערן. מיר שטייען דעריבער שטענדיק פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַ פֿענאָמען, וואָס דאַרף נאָך זיין דעשיפֿרירונג באַקומען. ווייל ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין די מענדעלע־פֿאָרשונג, פֿילן מיר אַלע, אַז ס'איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן וועגן אים אַלץ, אַז געוויסע עלעמענטן פֿון זיין שעפֿערישן וועג זענען פֿאַר אונדז נישט אויפֿגעקלערט.

מיר וועלן זיך באַגרענעצן בלויז מיט ציען די אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער עיקרדיקער ווידערשפּרעכלעכקייט אין מענדעלעס שאַפֿן.

זעלטן ווען אַ יידישער שרייבער, בפֿרט אַ קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור זאָל זיין אַזוי פֿול מיט אינערלעכע סתירות, ווי דאָס איז מענדעלע מוכר ספֿרים, סתירות, וואָס האָבן זיך בלויז *אָנגעמערקט* ביי אַ ריי יידישע שרייבער, האָבן ביי מענדעלען באַקומען אַ *קלאַסישן* אויסדרוק.

למשל, מענדעלע איז אַליין אַ משׂכּיל און גלייכצייטיק אַ באַקעמפֿער פֿון השׂכּלה. דער שאַרפֿסטער, גאַליקסטער קעגנער און אַרונטעררייסער פֿון אַלט־פֿרענקישן, יידיש־פֿעאָדאַלן, קליינשטעטלדיקן לעבנסשטייגער און גלייכצייטיק זיין אידעאַליזאַטאָר. דער ערשטער באַוווּסטזיניקער אייפֿעריקער פּאַרטיידיקער פֿון דער פּלעבעישער יידישער שפּראַך קעגן דער משׂכּילישער פֿאַראַכטונג, איז ער דערהייבער און שלייפֿער און גלייכצייטיק דער פֿאַרערער פֿון משׂכּיליש־אַריסטאָקראַטישער מאַניער פֿאַר העברעיש. אומדערמידלעכער באַקעמפֿער פֿון קלער, פֿון פֿינצטערן חדר און גלייכצייטיק — קאָמפּראָמיסלער, גרינדער פֿון אַ תּלמוד־

תורה. דורכזיכטיקער, ניכטערער רעאַליסט און ראָמאַנטיקער; שאַרפער סאַרקאַסט און ווייכער ליריקער; דער מחבר פון גאַליקער, קאָנצענטרירטער איראָניע און איינצייטיק פון צעפלאָסענער סענטימענטאַלישקייט. מיט איין וואָרט, כמעט יעדער אידעיש-קינסטלערישער עלעמענט פון מענדעלעס שאַפונג האָט זיין קעגנזאַץ. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דער דאָזיקער דערשיינונג איז נאָך דער פאַקט, וואָס הגם יעדער עלעמענט איז באַשטימט דורך געוויסע צייט-פעריאָדן, פלעכטן זיי זיך איבער כסדר, גייען זיי פּאַראַלעל, ווי צוויי קאָלירן אין א געוועב.

וווּ ליגט די סיבה דערפון?

די סיבה פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער דערשיינונג ליגט דערין, וואָס מענדעלע האָט אידעיש און קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט, ווי קיינער פאַר אים און קיינער נאָך אים, אויף א קלאַסישן אופן, די עיקרדיקסטע עלעמענטן פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פאַריקן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט לויט די אַלגעמיינע סתירהדיקע אַנטוויקלונגס-געזעצן פון דער רוסלענדישער געזעלשאַפט פון יענער צייט.

נישט פאַרשטיין דעם סתירהדיקן אַנטוויקלונגס-וועג פון קאַפּיטאַליזם אין דער צאַרישער אימפּעריע הייסט נישט פאַרשטיין די רוסישע און רוסלענדישע ליטעראַטור פון יענער צייט, ממילא אויך דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור, און אַוודאי הייסט דאָס נישט פאַרשטיין מענדעלע מוכר ספרים.

פאַרשטיין דעם סתירהדיקן אַנטוויקלונגס-וועג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, הייסט פאַרשטיין דעם קאַמף צווישן די ליבעראַלן און רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, הייסט דעריבער אויך פאַרשטיין דעם אידעיש-קינסטלערישן אונטערשייד צווישן טורגעניעוון און נעקראַסאָוון, צווישן מענדעלען און... מענדעלען.

היסטאָרישע געזעצלעכקייט און קלאָרקייט האָט אין דער דאָזיקער סתירה אַריינגעבראַכט לענין. אָן אים זענען מיר נישט אימשטאַנד צו באַנעמען קיין שום געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע דערשיינונגען אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע פון 19-טן יאָרהונדערט. אין זיין אַרבעט „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד" האָט לענין אָנגעוויזן אויף די צוויי אַנטוויקלונגס-וועגן פון רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם: אויפן פּרייסישן וועג און אויפן פראַנצויזיש-אַמעריקאַנישן וועג. ביידע טענדענצן האָבן אין 19-טן יאָרהונדערט נאָך אויסגעדריקט די פּראָגרעסיווקייט פון קאַפּיטאַליזם. דער פּרייסישער אַנטוויקלונגס-וועג פון קאַפּיטאַליזם האָט באַדייט ליבעראַל-פּריצישע, שטופנווייזע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען פון אויבן לטובת דעם בורזשואַזן קלאַס, נישט אָנגערירט די הויפּט-יסודות פון פעאָדאַליזם, פּריצישן ערד-באַזיץ. דאָס איז יענער שווערער און לאַנגער אַנטוויקלונגס-וועג, וואָס האָט געבראַכט דער מערהייט פון פויערטום אומגעהייערע גרויסע ליידן. געגעבן

אים פּערזענלעכע באַוועגונגס־פרייהייט (1861), אָבער אים נישט געגעבן קיין ערד, באַפרייט אים פון פעאָדאַלער קנעכטשאַפט און אים אָנגעטאָן קאַפּיטאַליסטישע קייטן, רואינירט און געטריבן אים אין דער שטאָטישער פאַבריק.

דער פראַנצויזיש־אַמעריקאַנער אַנטוויקלונגס־וועג פון קאַפּיטאַליזם האָט באַדייט רעוואָלוציאָנערע, דעמאָקראַטישע אָפּשאַפונג פון פּריוואַטן ערד־באַזיץ פון אונטן, דורכן פויערטום גופא, ראַשע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין שטאָט און אין דאָרף אויפן חשבון פון עקספּראָפּיאירן דעם פּריצים־קלאַס.

דער ערשטער וועג איז געווען דאָס אָפיציעלע געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַם פון די ליבעראַל־פּריצישע (פּאָליטיש) און בורזשואַזע (עקאָנאָמיש) הערשאַפטס־קרייזן.

דער צווייטער וועג איז געווען דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַם פון דער אונטערגעדריקטער, רעוואָלוציאָנערער פויערישער דעמאָקראַטיע.

אין דער רוסישער ליטעראַטור פון דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט קומען אָט די צוויי טענדענצן צום אויסדרוק אין דער אידעיש־קינסטלערישער רעאַליזירונג פון טורגעניעוו („זאַפּאַדניקעס“) און פון טשערנישעווסקי, נעקראַסאָוו („נאַראָדניקעס“).

אין דער יידישער סביבה באַקומט אָט דער געזעלשאַפטלעכער פּראָצעס זיינע אייגנאַרטיקע אויסדרוק־פאָרמען, קודם־כל צוליב מאַנגל פון אַ פויערטום.

דער פרייסישער אַנטוויקלונגס־וועג פון קאַפּיטאַליזם באַקומט זיין אויסדרוק אין דער השכלה, אין דער אויפקלערונג, וועלכע ווערט רעפּרעזענטירט דורך געבילדעטע יידיש־סוחרישע און ניי־אויפגעקומענע אינדוסטריעלע קרייזן. זיי זענען קעגן דעם אַלטפרענקישן מיטלאַלטערלעכן לעבנס־סדר. זיי זענען פאַר רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן דורך ליבעראַלע רעגירונגס־געזעצן. אַלס מיטל דערצו זעען זיי בלויז די בילדונג, די אייראָפּעישע קולטור, און קודם־כל דאָס קענען שפּראַכן: רוסיש, פויליש (אין פוילן) און העברעיש. דאָס איז די פאַרשפּעטיקטע אויף אַ גאַנצן האַלבן יאָרהונדערט דייטש־עסטרייכישע השכלה.

צום סוף פון די פופציקער יאָרן הייבט אָן מענדעלע מוכר ספרים זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אָט דער אידעיש־קינסטלערישער איינשטעלונג אין „המגיד“. ער איז אַ פּראָגרעסיוו־בירגערלעכער משכיל.

די באַפרייונג פון פויערטום פון פּאַנשטשינע (1861) ברענגט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער צווייטער (פראַנצויזישער) אַנטוויקלונגס־טענדענץ פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד.

פּאַראַלעל מיט דער רואינירונג (צוליב די רעפאָרמען פון אויבן) פון רוסלענדישן דאָרף פאַנגט זיך אָן דער סאָציאַלער פאַנאַנדערפאַל פון יידישן שטעטל. עס ברעכט זיך אַ לעבנס־שטייגער פון הונדערטער יאָרן. דער קאַפּיטאַליזם (פון אויבן) ברענגט חורבן. עס הייבן אָן אויסטריקענען די קוואַלן פון די אַלטע

פרנסות, די נייע קומען אויף זייער לאַנגזאַם. זיי זענען פאַרבונדן מיט איבערשיכטונג און איבערוואַנדערונג אין די שטעט. ס'קומט די גרויסע פּאָופּעריזאַציע פון די יידישע קליינשטעטלדיקע פאָלקס-מאַסן.

מענדעלע איז דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם ע ק אָ נ אָ מ י ש ן פּאַנאָראַמאַל-פּראָצעס פון יידישן קליינעם שטעטל. דערמיט האָט ער געמאַכט דעם דעמאָקראַטישן ריס אין דער ליבעראַלער השכלה. ער איז פול מיט ליבע פאַר די לייַדנדיקע פאָלקס-מאַסן און מיט פאַרביטערונג קעגן די קהל-לייט, וואָס רייטן אויף זיי. ער שטעלט זיך אויף דער פּאָזיציע פון יידיש. דאָס איז די אידעיש-קינסטלערישע טענדענץ פון זיינע ווערק: „דאָס קליינע מענטשעלע“ (1864), „דאָס ווינטשפינגערל“ (1864), „פישקע דער קרומער“ (1869), און „די טאַקסע“ (1869).

אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס מענדעלע ברענגט אַרויס דעם עקאָנאָמישן מאָמענט אַלס דאָמינירנדיקן, דערפירט אפילו אויף דעם באָדן צו א בונט פון די פאַרצווייפלטע פאָלקס-מאַסן („די טאַקסע“), קאָן ער זיך פונדעסטוועגן נישט באַפרייען פון דעם אידעאָלאָגישן חרוק פון דער ליבעראַל-בירגערלעכער השכלה (פרייסישער אַנטוויקלונגס-וועג) געמולער: דער משכיל וועקער אין („דער טאַקסע“), וואָס פירט אָן מיט דער מרידה, ווענדט זיך צום פאַרזאַמלטן עולם מיט א רעדע, אין וועלכער ער דריקט אויס האָפענונגען אויף דער רעגירונג, אַז זי וועט זיך צוהערן צו דער שטים פון די באַעוולהטע און באַשטראָפן די שולדיקע. מיר זעען דאָ ביי מענדעלען אַ געפלייכט פון די צוויי טענדענצן.

א שטאַרקערער קער אין דער ריכטונג פון דעמאָקראַטיזם שטעלט מיט זיך פאָר „די קליאַטשע“ (1873). דאָ קומט ביי מענדעלען צום אויסדרוק קלאָרער די נייע אידעישע איינשטעלונג. ער לאַכט אויס דעם לאָזונג פון בילדונג (פון די ליבעראַל-בירגערלעכע משכילים). ער ברענגט דעם נייעם געדאַנק: „א טאָגין גייט נישט פאַרן עסן“. ער רייסט איבער מיטן ליבעראַליזם פון די „זאַפאַדניקעס“ און גייט אַריבער אויף דער דעמאָקראַטישער פּאָזיציע פון די „נאַראָדניקעס“. דאָ רייסט איין מענדעלע נישט בלויז כלפי פנים, נאָר אויך כלפי חוץ. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן צאַרישן הערשאַפט-סיסטעם פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. ער פאַרלאַנגט נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. מענדעלע איז אַזוי אַרום אַ מיטווירקנדיקער פאַקטאָר ביים געשטאַלטיקן די פּאָסטולאַטן פון נאַציאָנאַל-באַפרייעישן קאַמף. די נאַראָדנישע אידעע באַקומט אין דער יידישער סביבה איר אייגנאַרטיקן אויסדרוק. אויף דעם פונקט דערנענטערט זיך מענדעלעס אידעישע איינשטעלונג צו דעם קאָנסעקווענטן דעמאָקראַטיזם פון טשערנישעווסקין.

אָבער די נאַראָדנישע, פּויערישע, רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע באַוועגונג איז אָבער אין תוך געווען א קליינבירגערלעכע, קליינאייגנטימערישע באַוועגונג.

אָנגעטראָפן זיך אויף דעם חורבן, וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך געבראַכט, באַזונדערס צוליב זיין אַנטוויקלונג פון אויבן, פיינטלעך צו זיינע רואינירונגס־טענדענצן פון קליינעם אייגנטימער, האָט די נאַראָדנישע באַוועגונג אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן טענדענצן פון וועלן פאַרלייקענען דעם קאַפּיטאַליזם בכלל, אָפּפרעגן זיין היסטאָרישע געזעצמעסיקייט. נישט באַמערקנדיק און נישט פאַרשטייענדיק די שפּראָצן פון נייעם אויפקומענדיקן, רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס האָבן די נאַראָדניקעס זיך באַמיט ווי אָנהענגער פון סאָציאַליזם, וועלכער האָט געזאָלט לויט זייער אוטאָפּישער איינשטעלונג איינגעפירט ווערן דורכן פויערטום, פאַרצושטעלן די פויערישע, אַלט־פּאַטריאַרכאַלע געמיינשאַפט („אָבשטשינע") אלס אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זייער אוטאָפּישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דערפון די נאַראָדנישע *רעאַקציאָנערע* ראָמאַנטיק, די רוסאָ־שטימונגען. דערפון אויך דער טאָלסטאָיאַנישער כריסטיאַניש־פויערישער אַנאַרכיזם מיט דער אַלגעמיינער קולטור־פאַרלייקענונג. דערפון שפּעטער דער עסערישער רעאַקציאָנערער דאָרפישער „סאָציאַליזם".

אין דער יידישער סביבה קומען אָט די טענדענצן צום אויסדרוק אין שאַרפע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע שטימונגען פון דער קליינבירגערלעכער רואינירטער קליין־שטעטלדיקער פאָלקס־מאַסע, אויסגעדריקט דורך געוויסע טיילן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, אָבער נישט מיט אַ בליק פאָרויס, נאָר מיט *פאַרבענקטע שטימונגען נאָך דער פאַרגאַנגענהייט*. נאָך דעם רואיקן *קליינשטעטלדיקן*, מיטלאַלטערלעכן לעבנס־שטייגער. דער אָנוואַקסנדיקער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין מישט זיך אויס מיט ביבלישע, רוסאָיישע און טאָלסטאָיאַנישע שטימונגען וועגן ערד־געמיינשאַפט. דערפון די רעאַקציאָנער־ציוניסטישע אוטאָפּישע באַוועגונג פון די בילויצעס. באַזונדערס שטאַרק ווערן די האָזיקע רעאַקציאָנערע שטימונגען אין דער צייט פון עקאָנאָמישן קריזיס און נאָך די פּאָגראָמען אויף יידן אין די אַכציקער יאָרן.

ביי מענדעלען קומען אָט די שטימונגען צום אויסדרוק אין דער אידעאַליזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט. די ליניע איז ביי אים אָבער אַ זיגזאַגאַרטיקע. אויב אין „מסעות בנימין השלישי" האָבן מיר די שטאַרקסטע סאַטירע אויפן אַלט־פרענקישן לעבנס־שטייגער, האָבן מיר אין דער נייער באַאַרבעטונג פונעם „ווינטשפינגערל" און באַזונדערס אין „שלמה רב חיימס" שוין צו טאָן מיט זיין אַפּאָלאָגעטיק.

מענדעלע פאַרקערפּערט אַזוי אַרום מיט זיין קינסטלערישן שאַפן ביידע אידעיישע שטרעמונגען, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די צוויי אַנטוויקלונגס־וועגן פון רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע ביי אונדז אין פּוילן האָט אָפּגעשאַפֿט אַלע סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען מעגלעכע זיגזאַגאַרטיקן שעפֿערישן וועג, האָט אָפּגעשאַפֿט נישט בלויז די פֿעאָדאַלע רעשטן, נאָר אויך די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. מעגלעכע איז געווען דער ערשטער אָנזאָגער און מאָנער פֿון קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג און עקאָנאָמישע אויפֿריכטונג פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן. די יידישע ליטעראַטור ירשנט מעגלעכע דעמאָקראַטיזם. זי ירשנט אויך די קינסטלערישע שלימות פֿון זיין שאַפֿן בכלל.

דעצעמבער, 1947.

שלום-עליכם דער גרויסער הומאַניסט

I

ווי נאָר איר נעמט אין האַנט אַריין שלום-עליכמען, פאַלט איר אַריין אין דער שטימונג פון שמועס, ווערט איר אָנגעשטעקט מיט דער אינערלעכער באַדערפעניש צו שמועסן.

די אייגנאַרטיקייט פון שלום-עליכמס שמועס מיטן לייענער באַשטייט פון איין זייט דערין, וואָס ער צווינגט אייך אויף צו הערן און *אויסצוהערן אַלץ*, וואָס זיינע געשטאַלטן האָבן אייך צו דערציילן. פון דער צווייטער זייט, — וואָס דער לייענער נעמט אויף מיט *ליבשאַפט* דעם „יאָך" צו *הערן און אויסצוהערן* שלום-עליכמס געשטאַלטן. אַזאַ קינסטלערישע סוגעסטיווקייט איז אַ זעלטנהייט.

פון וואַנעט נעמט זיך אָט די גראַנדיעזע קינסטלערישע קראַפט?

זי נעמט זיך צווישן אַנדערן פון דער אינערלעכער קרובהשאַפט, מיט וועלכער דער שרייבער האָט זיך געפילט געבונדן מיטן אַרבעטנדיקן פאָלק, און גלייכצייטיק — פון דער אינערלעכער קרובהשאַפט, מיט וועלכער דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק האָט זיך געפילט געבונדן מיטן שרייבער. דאָס איז יענע עמאָציאָנעלע קרובהשאַפט, ווען דער פאָלקס-מענטש האָט *דערפילט*, אַז שלום-עליכם איז זיינער, אַז דער שרייבער און דאָס פאָלק — זענען איינס. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום-עליכמען, ווי ער דערשיינט אין „טביה דעם מילכיקן". שלום-עליכם איז דירעקט פאַרבונדן מיט זיין געשטאַלט. שלום-עליכמס עפּיק איז נישט די עפּיק, ווען דער שרייבער שטייט אין אַ זייט, ווען אַפילו מיט סימפּאַטיע, און באַשרייבט די ליידן און נויט פון פאָלק, זיין געראַנגל און האָפענונג — ניין. שלום-עליכם איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן טביהן און טביהן. טביה דער מילכיקער דערציילט שלום-עליכמען פון זיין לעבן, און שלום-עליכם דערציילט עס דערנאָך ווידער איבער טביהן. שלום-עליכם שטראַלט מיט טביהס גוטסקייט, אָרנטלעכקייט, פאָלקס-חכמה. דער לייענער דער-

פילט מיטאַמאָל שלום־עליכמס ליבע צו טביהן און דערפאַר שענקט ער אים תיכף זיין צוטרוי. דערפון טביהס ליבע צו שלום־עליכמען, דערפאַר איז שלום־עליכם טאַקע דער באַליבטסטער ייִדישער שרייבער. שלום־עליכמס ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ז ם אין ברייטסטן און אין טיפסטן זין פון וואָרט — דאָס איז די קראַפט, וואָס טוט פאַרבינדן שלום־עליכמען מיט זיינע לייענער, מיטן פאָלק. דאָס איז שלום־עליכמס ליבע צום פאָלק.

עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין אַבסטראַקטע ליבע צום פאָלק, אָפּגעריסן פון לעבן. ליבע דערשיינט קיינמאָל נישט איזאָלירט, אַליין פאַר זיך. ליבע דער־שיינט ווי די צווייטע זייט פון שנאה. מען קאָן נישט ליב האָבן דאָס פאָלק, נישט פיינט האָבנדיק זיינע שונאים. דער גראַד פון ליבע צום פאָלק קאָן בלויז געמאָסטן ווערן מיטן גראַד פון שנאה צו זיינע באַדריקער, עקספּלואַטאַטאָרן, שונאים, פאַרע־טער. די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור צייכענען זיך אויס דעריבער מיט זייער גרויסער ליבע צום פאָלק און גלייכצייטיק מיט זייער גרויסער שנאה צו די שונאים פון פאָלק, צו זיינע באַדריקער. מיצקעוויטש האָט געשריבן, — אַז ער האָט ליב און ליידט פאַר מיליאָנען. ווי מיר ווייסן, האָט אָבער מיצקעוויטש אין זיך פאַרקערפּערט אויך די שנאה פון מיליאָנען, פון ליידנדיקן פאָלק צו די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אונטערדריקער, צום צאַריזם און צו דער פּוילישער רעאַקציע פון זיין צייט.

די קלאַסישע רוסישע ליטעראַטור איז טאַקע צווישן אַנדערן דערמיט גרויס, וואָס זי האָט אַזוי טיף אָפּגעשפּיגלט די גרויסע ליבע פון אירע קלאַסיקער צום ליידנדיקן און עקספּלואַטירטן פאָלק און די העלישע שנאה צו זיינע באַצווינגער. פּושקין, נעקראַסאָוו, גאָרקי — אַט זענען זיי די אויסשטראַלער פון ליבע און די טרעגער פון גאַליקער שנאה. דאָרט, וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין שנאה צו די פאָלקס־שונאים, איז אויך נישט פאַראַן קיין ליבע, איז נישט פאַראַן בכלל קיין פ י ל ן. און וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין פילן, איז נישט פאַראַן קיין קונסט. ווען לייוויק, למשל, וויל אונדז איינרעדן, אַז ער האָט „ליב" דאָס פאָלק צוזאַמען מיט זיינע שונאים, די יודענראַטניקעס, און באַמיט זיך זיי אַפילו מוחל צו זיין, זעט נישט, אָדער קאָן נישט זען, צי ס'איז אים באַקוועם נישט צו זען אין זיי דאָס, וואָס זיי זענען באמת געווען: די שונאים פון פאָלק, די פאַרעטער פון פאָלק, וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע הענט א ו י ס ג ע פ י ר ט די פ ל ע נ ע ר פון די היטלעריסטן, הייסט עס, אַז ביי אים איז אַטראָפירט געוואָרן דאָס געפיל, וואָס פאַרבינדט אַן אמתן דיכטער מיטן פאָלק, מיט זיינע ליידן און פריידן. לייוויק וויל מוחל זיין די בלוטיקע שונאים פון פאָלק, הייסט עס, אַז זיינע רייד פון ליבע צום פאָלק זענען רייד פאַלשע, צביעותדיקע, פאַרפירערישע. ווער עס זעט נישט דעם לעבנס־אמת, די סיבות פונעם פאָלקס פּיין און ליידן, דער צעשיידט זיך אויך מיט דער קונסט. קונסט און שקר שליסן זיך אויס קעגנזייטיק.

שלום־עליכמס ליבע צום פֿאָלק איז געווען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט זיין שנאה צו אַלדאָס שלעכטס, וואָס האָט געדריקט דאָס פֿאָלק.

שלום־עליכם אָטעמט מיט שנאה צו דער צאַרישער מאַכט פֿאַר איר רדיפֿות אויף יידן, פֿאַר איר פּאָליטיק פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. ער אָטעמט מיט שנאה צו דער יידישער גביראָקראַטיע. ער האָט פֿיינט איר טעמפּקייט, האַרצלאָזיקייט, באַגרענעצטקייט, אוממענטשלעכקייט, איר דעגענעראַציע און, דער עיקר, ער האָט זי פֿיינט פֿאַר עקספּלואַטירן דאָס אַרבעטנדיקע פֿאָלק. אָנגעהויבן פֿון „סענדער בלאַנק“ איז די שנאה צו דער יידישער גביראָקראַטיע איינער פֿון די גרונט־עלעמענטן פֿון שלום־עליכמס שאַפֿונג.

פֿון וואַנעט אָט די שנאה? צי איז שלום־עליכם געווען אַ סאָציאַליסט? ניין, שלום־עליכם איז קיין סאָציאַליסט נישט געווען. אַוודאי איז שלום־עליכמס סימפּאַטיע אויף דער זייט פֿון פּעפּערל און האָדל, די שענסטע, העל־לעכסטע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט. מיטן אַרויסברענגען די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן אין דער יידישער סביבה אין אַזאַ העלער שיין, מיט אַזוי פֿיל ליבע און דרך־ארץ, האָט שלום־עליכם מיט זיין קינסטלערישן שאַפֿן צוגעהאָלפֿן דער רוסלענדישער דעמאָקראַטיע אין איר קאַמף קעגן דער צאַרישער אונטערדריקונג, אין איר קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, אָנגעוויזן אויף דעם אַרבעטער־קלאַס ווי אויף דער נייער קראַפֿט, וואָס פֿאַראייניקט פֿאַרשידענע פֿעלקער צום קאַמף פֿאַר אַ גערעכטער וועלט. נישט אומזיסט האָט טביה אַזוי ליב פּעפּערלען און האָדלען. הגם טביה *פֿאַרשטייט* ווייניק דערפֿון, וואָס פּעפּערל טוט, און איז סקעפּטיש צו פּעפּערלס פּלענער איבערצומאַכן די וועלט. אָבער טביה *פֿילט* מיט אַלע זיינע חושים, אַז פּעפּערל איז *גערעכט*, ער פֿילט אַרויס די אינערלעכע שיינקייט, וואָס שטראַלט פֿון פּעפּערלען, ער געפֿינט צווישן אים און זיך געמיינזאַמע באַריר־פּונקטן: דאָס געפֿיל פֿאַר גערעכטיקייט, פֿאַר יושר. און טביהס באַציונג צו פּעפּערלען איז דאָך די באַציונג פֿון שלום־עליכמען.

מיר וואָלטן אָבער אַריינגעפֿאַלן אין איינזייטיקייט, ווען מיר וואָלטן די סיבה פֿון שלום־עליכמס שנאה צו דער יידישער בורזשואַזיע געזוכט בלויז אין דער ספֿערע פֿון געפֿיל. אַוודאי איז דאָס *אַ פּיפּילן* אַן עוולה — די ערשטע פּסיכישמאָטאָרישע רעאַקציע אויף דער אומגערעכטער קלאַסן־אָרדענונג. אַוודאי האָט שלום־עליכם געהאַט גענוג סיבות פֿון פּערזענלעכן לעבן, כּדי פֿיינט צו האָבן די בורזשואַזיע בכלל, די יידישע באַזונדערס. אַוודאי זענען שלום־עליכמס קינדער־ און יוגנט־יאָרן געווען באַדינגט פֿון דעם צעשטערונגס־פּראָצעס, וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט אַריינגעבראַכט אין דער סביבה פֿון יידישן קליינעם שטעטל אין דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, בפֿרט אין זיין לעצטן פֿערטל. שלום־עליכמס פֿאָטער ווערט רואינירט. ער, שלום־עליכם אַליין, מוז זיך אויסהאַלטן פֿון שטונדן. דאָס האָט באַשטימט די נעגאַטיווע באַציונג פֿון שלום־

עליכמען צום קאַפּיטאַליזם אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. די שפּעטערדיקע יאָרן ברענגען נישט אַריין קיין ענדערונג. פאַרקערט, זיי פאַרטיפן נאָך דאָס דאָזיקע געפיל. מיר מיינען דאָ די יאָרן, ווען שלום־עליכם פאַרנעמט זיך מיט מסחר, ווען שלום־עליכם מאַניפּולירט מיט די געלטער פון דער בכבודיקער ירושה, וועלכע ס'האָט אים איבערגעלאָזן זיין שווער, דער פאַרמעגלעכער אַרענדאַטאָר פון פּריצישע גיטער, לאָיעוו. שלום־עליכם האָט זייער שנעל פאַרלוירן זיין פאַרמעגן, ער האָט אָבער געוווּנען אַ גרעסער פאַרמעגן, ער האָט נענטער דערקענט די וועלט פון האַנדל, פון שווינדל, שפּעקולאַציע, פון גראָבקייט, ער האָט נענטער דערקענט די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און זייער גאַנצער מיאוסער אָפנקייט, עקלהאַפטיקייט. בקיצור — ער האָט זיי דערקענט מיט אַלע זייערע עקספּלואַטאַטאָרישע איינגעשאַפטן. דאָס איז געווען די צווייטע אוממיטלבאַרע סיבה פאַר פיינט קריגן די יידישע גבֿיראָקראַטיע, פאַר פיינט קריגן דעם קאַפּיטאַליזם בכלל.

מיר חזרן איבער, אַז ס'וואָלט געווען איינזייטיק, אויב מיר זאָלן די סיבה פאַר דער שנאה צו דער יידישער בורזשואַזיע זוכן בלויז אין דער ספערע פון געפיל, הגם געפיל איז די ערשטע אינסטאַנץ, וועלכע באַשטימט די ערשטע, אוממיטלבאַרע רעאַקציע.

ביי שלום־עליכמען איז געווען נישט בלויז געפיל. שלום־עליכמס געפיל איז פאַראַלגעמיינערט געוואָרן דורך אַ סיסטעמאַטישער באַטראַכטונג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וועלכע האָבן געהאַט אָרט צום סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע. די ערשטע שאַפונגען פון שלום־עליכמען, ווי „סענדער בלאַנק", „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי", זאָגן עדות וועגן דעם איינפלוס פון די פּאָלקישע („נאַראָדנישע") אידעען פון יענער צייט. איינער פון זייערע עיקר־שטריכן איז געווען די אַנטיקאַפּיטאַליסטישע איינשטעלונג. אַרויסגייענדיק פון די פאַלשע, אוטאָפּישע פאָרשטעלונגען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַריבערשפּרינגען דעם קאַפּיטאַליזם און בויען דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד אויפן יסוד פון די רעשטן פון דער אַלטער געמיינשאַפט („אָבשטשינע") — האָבן די נאַראָדניקעס פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שאַרפע צעשמעטערנדיקע קריטיק פון די אָנוואַקסנדיקע דעמאָלט קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, האָבן אָנגעוויזן אויף אַלע צרות, שלעק און פּורעניותן, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם ברענגט מיט זיך. אַליין אָפּפילנדיק די ווירקונג פון די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, איז די רוסלענדישע אַזוי גערופענע „ראַזנאָטשינישע" אינטעליגענץ, דאָס הייסט, די אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע קלאַסן און שיכטן, געווען אַנטיקאַפּיטאַליסטיש געשטימט. די דאָזיקע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע איינשטעלונגען האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין דער סביבה פון דער יידישער אויפקלערערישער, משכילישער אינטעליגענץ, בילדנדיק צווישן איר דעם דעמאָקראַטיש

שטראָם. אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור איז דער ערשטער פאָרשטייער פון דעמאָקראַטיש־פאָלקישן שטראָם געווען מענדעלע מוכר־ספרים. אויך שלום־עליכם האָט אים רעפּרעזענטירט. דער חילוק צווישן מענדעלען און שלום־עליכמען באַשטייט דערין, וואָס בעת מענדעלע איז געווען דער דעמאַסקירער פון דער אַלטפרענקישן, פון פעאָדאַלן לעבנס־שטייגער און זיינע פּאַראַזיטעס, איז שלום־עליכם דער דעמאַסקירער פון ערשטן און פון צווייטן, סיי פון אַלטפרענקישן, פעאָדאַל־פּריצישן לעבנס־שטייגער, סיי פון די אויפקומענדיקע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, מיטן אַקצענט אויף די לעצטע. דער אונטערשייד האָט זיך געלאָזט מערקן נאָך אין אַ פאַל. אויב מענדעלע האָט אין זיין לעצטן שאַפונגס־פּעריאָד, אין אָנבליק פון דער גרויסער ציעשטערערישער ווירקונג פון קאַפּיטאַליזם, אָנגעהויבן קוקן דורך ראָזעווע ברילן אויף דער פאַרגאַנגענהייט, דערהאַנגען צו איר טייל־ווייזער אידעאַליזאַציע („שלמה רב היימס“) — איז שלום־עליכם געבליבן פעסט פאַראַנקערט אויף זיינע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע, אַנטיפעאָדאַלע פּאָזיציעס. פאַרקערט, ער האָט זי אַריבערגעטראָגן אויף די נייע לענדער, ווו יידן האָבן עמיגרירט. אַמעריקע — צוליב אירע נאַקעט־ברוטאַלע קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען — האָט שלום־עליכם פיינט געהאַט בתכלית השנאה. *שלום־עליכם איז מיט זיין גאַנצן ליטעראַרישן געניוס דער דעמאַסקירער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.*

אַלזאָ, שלום־עליכמס שנאה צו דער יידישער בורזשואַזיע, צו די פאַרמעגלעכע, פּאַראַזיטישע קלאַסן האָט באַרוט נישט בלויז אויפן געפיל, נאָר אויף באַוווסטזיניקער נעגאַטיווער באַציונג, וועלכע האָט מיט אירע אידעישע וואָרצלען געשטעקט אין די אַנטיקאַפּיטאַליסטישע איינשטעלונגען פון די „נאַראָדניקעס“. איינמאָל זיך איבערגענומען מיט די האָזיקע איינשטעלונגען, פאַרטיפט דורך די פּאַסירונגען פון פערזענלעכן לעבן — איז שלום־עליכם פאַרבליבן ביי זיי זיין גאַנץ לעבן.

דער צווייטער פאַקטאָר, וועלכער האָט באַשטימט שלום־עליכמס שנאה צום צאַריזם, צו דער יידישער בורזשואַזיע, צו די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן בכלל, איז געווען זיין גרויסע ליבע צום פאָלק. פאָלק איז אָבער ביי שלום־עליכמען נישט געווען קיין אַבסטראַקציע, ווי ביי פיל שרייבער פון זיין דור. פאָלק איז ביי שלום־עליכמען געווען אַ קאָנקרעטער באַגריף, אַ קאָנקרעטע ווירקלעכקייט. פאָלק האָט ביי שלום־עליכמען געהייסן: עמך שער און אייזן. פאָלק האָט ביי שלום־עליכמען געהייסן — דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק. גרויס איז דער יראת־הכבוד ביי שלום־עליכמען פאַר אַרבעט און פאַרן מענטש פון אַרבעט! נישטאָ קיין ווערק ביי שלום־עליכמען, ווו ער זאָל אינגאַנצן אַרויסברענגען אַן אַרבעטס־מענטש און ער זאָל נישט זיין באַשטראַלט מיט שלום־עליכמס ליבע און דרך־ארץ. מאָטל קאַמזויל („טביה דער מילכיקער“), מאָטל און קאָפּל („דאָס גרויסע געווינס“),

די מענטשן און „מענטשן“, די גזלן, פורים=שפּילער „ביים מלך אחשורוש“ — ועל כולם — טביה אַליין. אומעטום איז שלום=עליכם אויף דער זייט פון אַרבעטנדיקן פאָלק, אומעטום שענקט ער זיין גרויס האַרץ דעם פאָלק פון אַרבעט. שלום=עליכמס שאַפן — דאָס איז דער אַפּאָטעאָז פון אַרבעט און אַרבעטס=מענטשן.

אָבער אויך אין דעם פאַל איז דאָס געפיל פון ליבע צום אַרבעטנדיקן פאָלק פונקט ווי דאָס געפיל פון שנאה צו זיינע שונאים נישט בלויז אַ פאַקטאָר פון עמאָציאָנעלער אָפּפילונג, ס'איז נישט קיין ענין בלויז פון סענטימענט און פון מאָדע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט יידישע שרייבער אין אָנהייב פון 20=טן יאָרהונדערט: ס'איז געווען די צייט פון ליבע=דערקלערונג צום אַרבעטער=קלאַס, ס'איז געווען מאָדע, באָן=טאָן, אַזוי לאַנג ווי די רעוואָלוציע=כוואַליע איז געגאַנגען באַרג=אַרויף.

נישט דאָס איז דער פאַל מיט שלום=עליכמען. שלום=עליכם איז מיטן מענטש פון אַרבעט פאַרבונדן געווען זיין גאַנץ לעבן. במילא איז פאַרבונדן געווען מיט אים זיין שאַפן. טביה ענדערט נישט זיין באַציונג צו פעפערלען מיט האָדלען שפּעטער נאָך דער רעוואָלוציע. אין קאַפּיטל „לך=לך“ פון „טביה דעם מילכיקן“, וואָס שילדערט די רעאַקציע=יאָרן אין רוסלאַנד, רעדט טביה וועגן פעפערלען און האָדלען מיטן זעלביקן דרך=ארץ, ווי פאַר דער רעוואָלוציע. נישטאָ די אינטעליגענטיש=בירגערלעכע ווייענישן און סקעפּטיציזם. טביהס באַציונג צו פעפערלען דריקט אויס שלום=עליכמס וועלט=באַנעם.

אויסרעכענענדיק פריער די אַרבעטס=געשטאַלטן, וועלכע שלום=עליכם האָט באַלויכטן מיט דער העלער שיין פון זיין ליבע, האָבן מיר בכיוון נישט דערמאָנט פעפערלען. ווייל פעפערל לאָזט זיך נישט איינראַמען אין דער געוויינלעכער געשטאַלטן=גאַלעריע פון אַרבעטס=מענטשן. שלום=עליכמס באַציונג צו פעפערלען איז פון אַן אַנדער מין, ווי זיין באַציונג, למשל, צו מאָטל קאַמזויל, דעם סימבאָל פון אָרנטלעכקייט און פשטות. ס'איז נישט די באַציונג צום גזלן, דעם פורים=שפּילער, וועלכער טרייבט לצנות פון גביר אין די טעג פון פורים. ס'איז נישט די באַציונג צו די „מענטשן“, אין וועלכע ס'וואַקסט שוין אָן דאָס געפיל פון בונט און מיט וועלכע שלום=עליכם איז מיט זיין גאַנצן וועזן. צו פעפערלען האָט שלום=עליכם אַן אַנדער באַציונג. ס'איז נישט בלויז דאָס געפיל פון ליבע. ניין, ס'איז שוין עפּעס מער. ס'איז באַוווסטזיניקע באַציונג צום נייעם מענטש, צום אויפקומענדיקן רעוואָלוציאָנער אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכער איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג. שלום=עליכם וועקט נישט בלויז ליבע צו פעפערלען, שלום=עליכם וועקט דרך=ארץ פאַר אים. טביהס באַציונג צו פעפערלען זאָגט עדות דערויף. דאָס איז שוין נישט דאָס געוויינלעכע ליבע=געפיל פאַר עמך שער און אייזן. דאָס איז סימפּאַטיע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער רוסלענדישער אַרבעטער=באַוועגונג. שלום=עליכמס אַנטיצאַרישע,

אַנטיפעאָדאַלע, אַנטיקאַפּיטאַליסטישע איינשטעלונגען פון סוף 19-טן יאָרהונדערט געפינען זייער פאַרטיפונג אין דער סימפּאַטיע פאַר דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג.

צי איז שלום-עליכם געווען אַ סאָציאַליסט? שלום-עליכם איז קיין סאָציאַליסט נישט געווען. אונדז זענען נישט באַקאַנט קיין פּובליציסטישע אַרויסזאָגונגען פון שלום-עליכמען, וועלכע זאָלן דינען אַלס באַווייז פון אַ פאַרגאַנצטער סאָציאַליסטישער וועלט-אָנשויונג.

שלום-עליכם איז אָבער געווען דורכויס דעמאָקראַט. דאָס איז געווען יענער מין עכטער דעמאָקראַטיזם, וועלכער האָט אים נאָענט צוגעפירט צו דער אַרבעטער-באַוועגונג. די שנאה צו די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן, די ליבע צום אַרבעטס-מענטש — זענען געווען די דעמאָקראַטישע אייגנשאַפטן פון שלום-עליכמען, די שטאַפּלען, וועלכע האָבן אים געפירט אין דער ריכטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. דעמאַסקירנדיק די דעגענעראַציע, טעמפּקייט, האַרצלאָזיקייט און עקספּלואַטאַטאָרישע אייגנשאַפטן פון דער בורזשואַזיע בכלל, יידישער בפרט, שילדערנדיק די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך דער צאַרישער מאַכט, איר אַנטיסעמיטיזם און ווילדקייט, אָנווייזנדיק אויף דער אויפקומענדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט שלום-עליכם מיט זיין געניאַלן קינסטלער-טאַלאַנט אויפגעדעקט אין בילדער די עיקרדיקע סאָציאַלע כוחות פון יענער צייט, זייער פאַרביטערטן געראַנגל צווישן זיך און די *ריכטונג* פון זייער אַנטוויקלונג, אָנזאָגנדיק דערמיט דעם אָנקום פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

די ליבע צום אַרבעטס-מענטש און די שנאה צו דער צאַרישער זעלבסט-הערשאַפט, צו דער יידישער גבֿיראָקראַטיע, צו די פּאַראַזיטישע קלאַסן בכלל בילדן די עלעמענטן פון שלום-עליכמס גרויסן *הומאַניזם*, וועלכן ער האָט אונדז איבערגעלאָזן בירושה, אין וועלכן ס'בינדט אָן דער הומאַניזם פון אונדזער עפּאָכע, דער סאָציאַליסטישער הומאַניזם, וואָס זיין עיקר-שטריך באַשטייט נישט בלויז אין *דעמאַסקירן* די וועלט פון עקספּלואַטאַציע, נישט בלויז אין *ליב האָבן* דעם אַרבעטס-מענטש, נאָר אין *אָפּשאַפן* די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און אין *דערהייבן* דעם אַרבעטס-מענטש צו דער מדרגה פון הערשער און שעפער פון דער נייער גערעכטער און שיינער וועלט, דער וועלט פון סאָציאַליזם.

II

שילדערנדיק די יידישע געזעלשאַפט אין מאָמענט, ווען זי האָט זיך געפונען דאַרט אויף דער שוועל פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, האָט שלום-עליכם קינסטלעריש זי אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער פילגעשטאַלטיקייט.

די לעצטע צען=פופצן יאָר פון פאַריקן יאָרהונדערט און דער ערשטער צענדליק פון 20-טן יאָרהונדערט איז יענער צייט=אָפּשניט אין לעבן פון רוסלאַנד, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אין די ראַמען פון דער פאַנאַנדערפאַלנדיקער זיך פּריציש=בורזשואַזער מאָנאַרכיע מיט אירע פעאָדאַלע רעשטן דורכגעמאַכט אַ פאַרהעלטנישמעסיקן וווקס, אַנטפּלעקנדיק אין זיך גלייכצייטיק די אַלגעמיינע סימפּטאָמען פון ירידה, וועלכע ס'האָט מיט זיך שוין אַריינגעבראַכט דער אימפּעריאַליזם.

רוסלאַנד האָט זיך געפונען ערב דער בורזשואַז=דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וואָס איר העגעמאָן איז געווען דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט. אַלע קלאַסן=סתירות און סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען האָבן זיך קאָנצענטרירט און געוואָרן געשפּאַנט.

דער דאָזיקער ווידערשפּרעכלעכער, סתירותדיקער פּראָצעס, האָט געפונען אויך זיין אויסדרוק, זיין אייגנאַרטיקן אויסדרוק אינעם לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

פון איין זייט, האָט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, דער אויפקום פון דער אינדוסטריע, אייזנבאַן=טראַנספּאָרט און פאַרשטאַרקטער האַנדל אויפגעריסן דאָס קליינע שטעטל, אונטערגעריסן די אַלטע פּרנסות און געצוווּנגען די דעקלאַסירטע יידישע באַפעלקערונג צו עמיגרירן אין די גרויסע שטעט און איינגלידערן זיך אין די געווען פון דער נייער עקאָנאָמיק. פון דער צווייטער זייט, האָט די צאַרישע דיסקרימינאַציע=פּאָליטיק לגבי די יידישע פאָלקס=מאַסן געהאַמעוועט דעם דאָזיקן עמיגראַציע=פּראָצעס אין די גרויסע רוסישע און אוקראַאינישע שטעט, צווינגענדיק די יידישע אָרעמע באַפעלקערונג צו שטיקן זיך אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", דאָס הייסט, אין די באַשטימטע ראַיאָנען, וווּ יידן האָבן געמעגט וווינען, פאַרגרעסערנדיק די שטיקעניש מיט די אַרויסגעטריבענע יידן פון די דערפער. פון איין זייט, אַנטשטייען נייע אינדוסטריע=צווייגן, פאַבריקלעך און האַנטווערקער=וואַרשטאַטן, וווּ די פריפּערע קליינבירגערלעכע מאַסן פּראָלעטאַריזירן זיך, פון דער צווייטער זייט, קומט אויף די בערזע מיט אירע באַנק=שפּעקולאַציעס, וועלכע איז פאַרן קליינבירגער פון קליינעם שטעטל מיט זיינע אייגנטימערישע געוווינהייטן, מיט דער טראַדיציע פון אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען — אַ לאָקערונג, אַ צוציונג. פון איין זייט, די דערנענטערונג פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג צו די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די פעלקער, וועלכע האָבן באַוווינט רוסלאַנד, פון דער צווייטער זייט, די צאַרישע פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אָפּזונדערונג, פון וועקן קעגנזייטיקן נאַציאָנאַלן אומצוטרוי און האַס, די פּאָליטיק פון פּאָגראָמען; פון איין זייט, די מעגלעכקייט פאַר יחידים רייך צו ווערן, דער יסוד פון אויפקום פון נייע שיכטן גבירים, פון דער יידישער

אינדוסטריעלער און סוחרישער בורזשואַזיע, פון דער צווייטער זייט, די פויפעריזאַציע און עקספלואַטאַציע פון מיליאָנען.

דאָס זענען בלויז עטלעכע ביישפילן פון דעם סתירותדיקן פראָצעס, אין וועלכן די יידישע באַפעלקערונג פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד איז אַריינגעשליידערט געוואָרן צום סוף ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ פאַנאַנדערגעוויקלט בילד פון דעם דאָזיקן סתירותדיקן פראָצעס האָט אונדז געגעבן שלום=עליכם. קיין שום יידישער שרייבער האָט אונדז נישט געוויזן דעם דאָזיקן פראָצעס אין זיין גאַנצער פולקייט, פילגעשטאַלטיקייט, אייגנאַרטיקייט, ווידערשפרעכלעכקייט, ווי דאָס האָט געטאָן שלום=עליכם.

שלום=עליכם האָט אונדז געוויזן די אַנאַטאָמיע פון דער יידישער געזעלשאַפט פון יענעם צייט=פעריאָד. נישט געווען די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, אין וועלכער שלום=עליכם זאָל נישט האָבן דערזען דאָס אַלגעמיינע, נישט געווען די געשטאַלט, אין וועלכער שלום=עליכם זאָל נישט האָבן דערזען אין איר דאָס טיפישע, כאַראַקטעריסטישע, אַלגעמיינע. געמט, למשל, טביה דעם מילכיקערס טעכטער. צי זענען דאָס בלויז טביהס טעכטער? ניין, זיי זענען עפעס מער ווי טעכטער פון איין טאַטע=מאַמע. זיי זענען נישט בלויז קיין אינדיווידן. טביהס טעכטער זענען טיפישע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן גראָד אין יענער צייט צווישן דער יידישער האָרעפאַשנער אָרעמקייט. יעדע טאָכטער טביהס אינדיווידועל פילפאַרביק, איז גלייכצייטיק אַ געשטאַלט מיט אַלגעמיינע שטריכן. צייטל, די עלטסטע, פאַרקערפערט מיט זיך דאָס באַפרייענדיקע זיך פרויען=געפיל פון ליבע, וואָס איז געווען געפענטעט דורך דער אַלטפרענקישער טראַדיציע. זי וואַרפט אָפ דעם רייכן שידוך מיטן קצב, דעם אַלמן און האָט חתונה פאַר דעם שניידער=געזעל, מאָטל קאַמזויל, וואָס זי האָט ליב און וואָס האָט זי ליב. און ס'איז פאַרשטענדלעך, וואָס גראָד אין די קרייזן פון דער אָרעמקייט האָט דאָס ליבע=געפיל צום ערשטן זיך אָנגעהויבן צו באַפרייען. צום ווינציקסטן איז דאָ אַ שידוך געווען אַן עקאָנאָמישער ענין. די טראַדיציע האָט אָבער דאָ שטאַרק געדריקט און געפענטעט דאָס ליבע=געפיל.

הודל פאַרקערפערט מיט זיך די אויפגעוואַכטע פרוי, וואָס פאַרבינדט איר לעבן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַרבעטער=קלאַס און טיילט דעם גורל פון איר פאַרשיקטן מאַן פעפערל. טיילט דעם גורל פון די מפלות און נצחונות פון דער רעוואָלוציע.

דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן יעדער טביהס טאָכטער. זיי זענען זיינע טעכטער, יעדע פון זיי האָט זיך אירע אינדיווידועלע שטריכן, אָבער גלייכצייטיק פאַרקערפערן זיי מיט זיך אַלגעמיינע שטריכן פון פרויען פון דער יידישער האָרעפאַשנער מאַסע, וועלכע איז דורכן קאַפיטאַליזם אַריינגעשטעלט געוואָרן אין נייע לעבנס=באַדינגונגען.

אין כּלל גענומען איז דאָס לעבן פון טביהס טעכטער טראַגיש, ווי טראַגיש ס'איז געווען דאָס לעבן פון דער פרוי פון דער יידישער אָרעמקייט אין די קאַפּי־טאַליסטישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך דאַן געשטאַלטיקט, וועלכע האָבן אָבער שוין אַנטהאַלטן אַלע סימנים פון ירידה, פון אונטערגאַנג.

שלום־עליכמס געשטאַלטן לאָזן זיך אין אַלגעמיין איינטיילן אויף פיר קאַטע־גאָריעס:

1) געשטאַלטן פון אַלטפרענקישן שטעטל.
2) געשטאַלטן פון שטעטל אין די נייע שטאָטישע באַדינגונגען.
3) נייע געשטאַלטן.
4) נישט־יידישע געשטאַלטן.

מיר וועלן נישט באַהאַנדלען אַלע געשטאַלטן. מיר וועלן בלויז אָנווייזן אויף די כאַראַקטעריסטישסטע פון זיי.

וואָס פאַרשטייען מיר אונטערן באַגריף געשטאַלטן פון אַלטפרענקישן שטעטל?

אונטער דעם באַגריף פאַרשטייען מיר די יענע פּאַרשוינען, וועלכע ווינען אין שטעטל און באַמערקן נישט די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין דעם, וועלכע לעבן זיך אויס אין אַלע אַלטע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען געבליבן פאַרגליווערט אין די באַגריפן און לעבנסשטייגער פון אַמאָל. אין כּלל גענומען זענען דאָס פרויען, וועלכע ליידן אָרגאַניש נישט דאָס נייע. ס'איז זיי פרעמד. דאָס איז גאָלדע, טביהס ווייב, דאָס איז שיינע־שיינדל מנחם־מענדלס ווייב, דאָס איז זיין שוויגער און ענלעכע צו זיי.

זיי לאָזן נישט צו צו זיך קיין שום געדאַנק וועגן ענדערן די לעבנס־פאַרהעל־טעניש. זיי האָבן נישט קיין שום צוטרוי צום נייעם. מיט זייער אינסטינקט האָבן זיי דערפילט, אַז די גרויסע שטאָט מיט די „גליקן" איז נישט פאַר זיי. דאָס זענען אין אַלגעמיין גענומען געווען זייער פּראַקטישע מענטשן, וועלכע האָבן געוווסט, אַז אויף פרנסה דאַרף מען האָרעווען, און קיין געבראָטענע טייבע־לעך פאַלן נישט אַליין אין מויל אַריין. דערפון גאָלדעס אומצוטרוי צום געשעפט, וואָס טביה מאַכט מיט מנחם־מענדל, דערפון די אַליאַרמירנדיקע בריוו פון שיינע־שיינדל פון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל קיין יעהופּעץ, ער זאָל וואַרפן זיינע „גליקן" און קומען צו פאָרן צוריק קיין כתרילעווקע. אויב שיינע־שיינדל באַגרינדעט אירע טענות צו מנחם־מענדל מיט קאָנקרעטע באַווייזן, זי דערמאָנט אים אָנשוילעך, אַז זיינע געשעפטן האָבן נישט קיין האַפט, זענען געבויט אויף זאַמד, זענען די צווישנרופן פון מנחם־מענדלס שוויגער אין די בריוו פון שיינע־שיינדל צו מנחם־מענדל פאַראַלגעמיינערטע אויספירן, פאָלקס־ווערטלעך גענומען פון פעאָדאַל־שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער, וועלכע שלאָגן מיט זייער פאָלקס־חכמה און איבערצייגעוודיקייט. די פּראַקטישקייט פון די יידישע פרויען פון

קליינעם שטעטל האָט שלום=עליכם גענויאַל אויפגעכאַפּט. די יידישע קליינבירגערלעכע פרוי פון קליינעם שטעטל איז אין כלל געווען די שפּיזעריין, איר טעטיקייט איז געווען דער מאַטעריעלער יסוד פון דעם הויזגעזינד. זי האָט דעם דאָזיקן יאָך באַוווסטזיניק געטראָגן, האַלטנדיק אין הסכם מיטן רעליגיעז=פעאָדאַלן אבערגלויבן, אַז דער מאַן דאַרף זיך וויניקער פאַרנעמען מיט אייגנפאַכע „ערדישע זאַכן“. דאָס האָט זי אָבער שטאַרק צוגעפעסטיקט צום שטעטל און זיין לעבנסשטייגער. דאָס קלאַמערן זיך אין די אַלטע, אָפּשטאַרבנדיקע לעבנספאַרהעלטעניש, נישט זעענדיק דאָס נייע, שטעלט די דאָזיקע פאַרשוינען נישט איינמאָל אין אַ קאָמישער סיטואַציע. שלום=עליכם האָט די קאָמישקייט אויפגעכאַפּט און זי אַרויסגעבראַכט אין איר גאַנצער פלאַסטישקייט. מיר דערנענטערן זיך אַזוי אַרום צו איינעם פון שלום=עליכמס גרונט=עלעמענטן פון הומאָר. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

מיר האָבן בלויז אָנגערופן די נעמען פון עטלעכע געשטאַלטן פון דעם מין. דער דאָזיקער טיפּ יידישע פרוי שלענגלט זיך אָבער ביי שלום=עליכמען אין אַלע זיינע ווערק כמעט, ווי רעליעפער, ווי קאָנטורמעסיקער אַרויסגעבראַכט.

די צווייטע גאַלעריע געשטאַלטן — דאָס זענען שטעטלדיקע פאַרשוינען, אַריינגעשטעלטע אין די נייע קאַפּיטאַליסטישע לעבנסבאַדינגונגען. זיי האָבן מיר ביי שלום=עליכמען זייער אַ סך. זיי לאָזן זיך אָבער רעדוצירן צו זייערע צוויי הויפּט=פאַרשטייער. צו מנחם=מענדלען און טביה דעם מילכיקן. למשל שימעלע סאָראָקער פון „צוויי הונדערט טויזנט“ איז דאָך טביה דער מילכיקער, נאָר אין אַן אַנדער סיטואַציע. די זעלביקע כאַראַקטער=געשטאַלט. טביה טרוימט צו זיין אַמאָל אַ גביר, האָט שלום=עליכם אים צוליב געטאָן און געוויזן, ווי אַזוי זעט אויס טביה אַלס גביר. ער האָט אים פאַרשטעלט פאַר אַ שניידער, פאַר שימעלע סאָראָקער. דאָ גייען מיר נישט באַהאַנדלען, וואָס ווערט מיט טביה, ווען ער ווערט שוין אַ גביר. נישט דאָס אינטערעסירט אונדז אויף דעם אָרט. דאָ ווילן מיר בלויז אָנווייזן, אַז שימעלע סאָראָקער איז אייגנטלעך טביה דער מילכיקער. ווען מיר רעדן דעריבער פון טביהן, רעדן מיר אייגנטלעך שוין פון אַלע געשטאַלטן, וועלכע זענען אין תוך געווען טביה, אָדער דערנענטערן זיך צו טביהן, נאָר אַריינגעשטעלט אין פאַרשידענע סיטואַציעס.

דאָס זעלביקע מנחם=מענדל. מנחם=מענדל חזרט זיך איבער ביי שלום=עליכמען פיל מאָל, נאָר אין פאַרשידענע סיטואַציעס, אונטער אַנדער׳ע נעמען. נעמט, למשל, עליע פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“. איז ער אייגנטלעך דאָך אַ שטיק מנחם=מענדל, נאָר געשילדערט ערב זיין אָרעם, ערב זיין יעהופּעץ. ס׳איז מנחם=מענדל נאָך אין שטעטל. אָבער מיט אַלע אייגנשאַפטן און פּאָסטעמקעס פון מנחם=מענדל. ס׳איז דער פּראָדוקט פון צעפאַלנדיקן זיך קליינעם שטעטל. דאָס שטעטל שלייערט אים אַרויס. ער האָט נישט וואָס צו טאָן אין שטעטל.

אים צייט אין דער גרויסער וועלט אַריין, ער ווייסט פון איר, ער האָט געהערט פון איר, ער האָט געהערט פון די גליקן, וו „מען קאָן פון איין רובל מאַכן הונדערט“.

מנחם-מענדל — דאָס איז דער פאַרגאַנצטער, קלאַסישער טיפּ פון אָט דער גאַלעריע געשטאַלטן.

וואָס איז מנחם-מענדל? מנחם-מענדל איז דער אַרויסגעשטויסענער פון קליינעם שטעטל, מיטן לאַנגן יחוס-בריוו דעקלאַסירט באַלעבאָסל, וואָס וויל זייער שטאַרק, אָבער קאָן בשום אופן נישט צופּאַסן זיך צו דער גרויסער שטאָט. וואָס כאַפּט זיך צו כלערליי לופט-פּרנסות, מאַכט אַ גרויסן טומל און האָט קיין פּרוטה נישט ביי דער נשמה. ער איז פון שטעטל אַוועק, אָבער אין דער גרויסער שטאָט נישט אַריין. ער איז פּונקט דער היפּוך פון די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, וועלכע פאָדערן אַרבעטס-געוווינשאַפט אָדער אונטערנעמערישע פּראַקטישקייט, ריקזיכטלאָזיקייט. ביידע זאַכן פאַרמאָגט נישט מנחם-מענדל. נישט ער וויל, מחמת יחוס, ווערן אַ בעל-מלאכה, נישט ער קאָן, צוליב מאַנגל פון ריקזיכטלאָזיקייט, ווערן אַ גביר. ער פאַרמאָגט נישט קיין שום חוש פאַר ווירקלעכקייט, פאַר פּראַקטישע ענינים.

מנחם-מענדל פאַרשטייט באמת זייער ווייניק אין די געשעפטן, מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך אַרום. ער האָט נישט קיין שום חוש פאַר זיי. זיין מאָס איז דעריבער די גוזמא, דאָס הייסט פאַקטיש דער מאַנגל פון יעטוועדער ווירקלעכער מאָס.

מנחם-מענדל אַלס סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע געשטאַלט איז אויפגעקומען נישט מיט אַמאָל, ערשט צום סוף פון 19-טן יאָרהונדערט. מנחם-מענדל האָט זיך געשטאַלטיקט לאַנגזאַם אין איינגעווייד פון דער פעאָדאַל-פריצישער אָרדענונג. שוין בנימין פון מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי“ איז דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער פּראָטאָטיפּ פון מנחם-מענדל. די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן האָבן אויפגעריסן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע און מאָראַלישע ראַגאַטקעס פון קליינעם שטעטל. מנחם-מענדל איז אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, אָבער נישט געענדערט זיך אין איר אויף אַ האָר.

צו שטאַרק איז מנחם-מענדל געווען אָפּגעריסן פון די פּראַקטישע ענינים פון קליינעם שטעטל, ער זאָל קאָנען פּלוצעם פאַרשטיין די פּראַקטישע ענינים פון דער גרויסער שטאָט. דאָס האָט דער חדר, די גאַנצע אַלטפרענקיש-רעליגיעזע דערציונג אים געשטאַלטיקט אַזוי, ער זאָל זיין אויסגעקאָכט אין די פּאַסירונגען פון חומש, אין די מעשיות פון דער גמרא, אָבער זאָל נישט וויסן, וואָס איז אַ ווערבע-בוים, זאָל ווייניק וואָס פאַרשטיין פון די שפּראַכן פון די אַרומיקע סלאַווישע פעלקער. זאָל זיך נישט אָריענטירן אין די געשעפטן פון דער גרויסער שטאָט.

מנחם-מענדלס לופט-געשעפטן, זיינע בערזע-שפּעקולאַציעס זענען דעריבער

געווען נאָענט צו זיין פּסיכיש-עטישן געמיט, מיט וועלכן ער איז געקומען פֿון קליינעם שטעטל. מוח-שפּעקולאַציעס זענען געווען דער רעזולטאַט פֿון דער קליינשטעטלדיקער אַלטפֿרענקישער דערציונג.

מיט דער פֿאַרטיפֿונג פֿון סאָציאַלן דיפֿערענצירונגס-פּראָצעס, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך געבראַכט אין דער קליינשטעטלדיקער ייִדישער סביבה, איז צוגעאײַלט געוואָרן די אויספֿאָרמירונג פֿון דער מנחם-מענדלישער געשטאַלט: מנחם-מענדל איז אַזוי אַרום דער פֿאַרגאַנצטער פּראָדוקט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן, ער איז דער קלאַסישער פֿאָרשטייער פֿון די ראוואַנירטע, דעקלאַסירטע ייִדישע שיכטן צום אָנהייב פֿון 20-טן יאָרהונדערט אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע, ווו די עקאָנאָמישע רואין פֿון די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן איז געווען באַגלייט דורך פּאָליטישע רדיפות. מנחם-מענדל בערזעוועט אין יעהופּעץ, ווו ער האָט אַפֿילו נישט קיין ווינרעכט.

מנחם-מענדל איז אָבער נישט קיין באַגרענעצטער טיפּ פֿון איין לאַנד און פֿון אַ באַשטימטער צייט. מנחם-מענדל איז אַ ברייטערע דערשיינונג, אַ ברייטערער באַגריף. מנחם-מענדל איז אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער טיפּ, וועלכן מען טרעפֿט אָן אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, ווו ייִדן וווינען. אומעטום, ווו דער ייִדיש-דעקלאַסירטער קליינבירגער ראַנגלט זיך פֿאַרן לעבן, פֿאַרן שטיקל ברויט, דאָרט איז אַ ברייט-פֿאַרשפּרייטער באָדן, אויף וועלכן ס׳וואַקסן יעדן טאָג, יעדע שעה מנחם-מענדלס. מנחם-מענדלס — צוזאַמען מיט זייער טראַגיזם.

שלום-עליכמס אומשטערבלעך-קינסטלערישער אויפֿטו באַשטייט דערין, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן טיפּ אַרויסגעבראַכט אין זיין קלאַסישער פֿאַנאַנדערגעוויקלטקייט און געוויזן אונדז ביידע זייטן זיינע: זיין קאָמיזם און זיין טראַגיזם.

עפּעס אַנדערש איז טביה.

אויך טביה געהערט צו די קליינשטעטלדיקע געשטאַלטן, וועלכע זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין די נייע קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן. אויך טביהן זענען אַ סך זאַכן נישט קלאָר. אָבער טביה איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַרבעטס-מענטש. טביה איז אַ דאָרפֿס-ייִד. אויך טביה אַרבעט נישט ווינציק מיטן קאָפּ. אויף צו דערקלערן אַ פּראַקטישע דערשיינונג זוכט ער אָן אָנשפּאַר ביי די חכמים, ביי דער גמרא, הגם ער טייטשט דעם פּסוק אויף זיין אופֿן, אַמאָל פֿאַרגרייזט, אַמאָל לויטן גייסט פֿון טעקסט, אָבער אין אַ פֿונקט פֿאַרקערטער ריכטונג.

טביה רייסט זיך נישט אָפּ פֿון דער ווירקלעכקייט. אמת, עס טרעפֿט, ווען טביה הייבט אָן צו טרוימען, אָבער גאָר נישט העמלט, ווען ער האָט צו טאָן מיט פּראַקטישע ענינים, מיט דער ווירקלעכקייט. דאָס געשעט גאָר דאַן, ווען ער פֿאַרגעסט אין דער ווירקלעכקייט. אין דעם זין איז ער פֿונקט דער היפּוך פֿון מנחם-מענדלען, וועלכער זעט די ווירקלעכקייט נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר שטענדיק אין דער היפּערבאָלע, אויפֿגעבלאָזן, שיין, אויסגעטרוימט. ביי טביהן איז דער

טרוים דער היפוך פון זייןווירקלעך לעבן, ביי מנחם-מענדלען איז זיין טרוים זיין ווירקלעכקייט.

טביה זעט דאָס נייע, נישט שטענדיק פאַרשטייט ער עס, גאַנץ אָפט באַציט ער זיך מיט אומצוטרוי דערצו, אָבער מאַכט שלום מיט די נייע לעבנס-פאָרמען. די געגנ פון זיינע טעכטער זענען אים נישט שטענדיק פאַרשטענדלעך און נאָך ווייניקער צום האַרצן, אָבער ער האָט פאַרשטענדעניש פאַר זיי. טביה שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד. דערפאַר איז טביה נישט אָפגעריסן, נישט פון די נייע לעבנס-דערשיינונגען פון שטאָט, נישט פונעם לעבן פון שטעטל און פון דאָרף. טביה איז נישט אָפגעריסן פון דאָרפישן לעבן און נישט פון די פויערים, ער איז מיט זיי איינגעלעבט און זיי מיט אים.

צו די נייע געשטאַלטן ביי שלום-עליכמען געהערן אַלע די, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיטן אַלטן, קליינשטעטלדיקן לעבנס-שטייגער, האָבן אָנגענומען און רייסן זיך צו די נייע לעבנס-פאָרמען, וועלכע זענען אויפגעקומען אין ר[illegible]-מאַכט פון די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן.

די דאָזיקע נייע געשטאַלטן טיילן זיך לויט זייער קלאַסן-אָנגעהעריקייט.

פון איין זייט זענען דאָס די פאַרשטייער פון דער אויפגעקומענער יידישער אינדוסטריעלער און סוחרישער בורזשואַזיע. שלום-עליכם, ווי מיר האָבן אויבן שוין אָנגעוויזן, האָט זיי פיינט. ער מאָלט זיי אין זייער אמתער געשטאַלט. געלט-גיריק, נשמהלאָז, דעגענערירט, פוסט, גראָב, הולטייאיש, פּילאַנטראָפּיש. זיי האָבן איבערגעריסן מיטן קליינעם שטעטל, רייסן זיך צו דער אַלגעמיינער בורזשואַזיע, האָבן איבערגענומען די אויסערלעכע מאַניערן, אָבער זענען אין תוך קולטורלאָז.

פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר נייע געשטאַלטן, געקומענע פון אַרבעטנ-דיקן פאָלק.

קודם-כל קומט דאָ אין באַטראַכט פעפערל און האָדל. זיי זענען די קרוין פון די נייע געשטאַלטן. זיי האָבן נישט בלויז פולשטענדיק איבערגעריסן מיטן אַלטן שטעטל, מיט זיינע באַגריפן און לעבנס-פאָרמען, נאָר זיי טרעטן שוין אַרויס אויך קעגן די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, זיי זאָגן אָן דעם אָנקום פון גאָר אַ נייער וועלט, דעם אָנקום פון סאָציאַליזם. אָבער אויך אַלע איבעריקע טעכטער פון טביהן זענען די פאַרלייקענונג פון די אַלטפרענקישע מנהגים און פאָרמען. יעדע טאָכטער ברעכט אויף איר אופן דאָס אַלטע. זיי זענען פולשטענדיקע נייע געשטאַלטן אין דער יידישער געזעלשאַפט.

די פערטע קאַטעגאָריע געשטאַלטן — דאָס זענען נישט-יידישע געשטאַלטן. קיין שום שרייבער פאַר שלום-עליכמען און קיין שום שרייבער פון זיין צייט האָט אונדז נישט געגעבן אַזאַ רייכע גאַלעריע געשטאַלטן נישט-יידן. מיר האָבן פאַר זיך רוסישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, מיר האָבן פויערים, גלחים, נאַרזשיקאַטעלס, דייטשן א. א. וו. און ס'איז פאַרשטענדלעך: שלום-עליכם האָט

אונדז געוויזן דאָס ייִדישע לעבן געבונדן מיטן לעבן פֿון די פֿעלקער, צווישן וועלכע ייִדן האָבן געוווינט.

ס'מוז אונטערגעשטראָכן ווערן דער אופֿן, ווי אַזוי שלום־עליכם ברענגט אַרויס די נישט־ייִדישע געשטאַלטן. שלום־עליכם איז ווייט דערפֿון פֿון וואַרפֿן אַלע „גוים" אין איין זאַק אַריין. ביי שלום־עליכמען איז פֿאַראַן אַ דיפֿע־רענצירטע באַציונג. שלום־עליכם, וועלכער ווייזט אונדז די אכזריות פֿון דער צאַרישער מאַכט, איר דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער ייִדישער פֿאָלקס־מאַסע, וועלכער ווייזט אונדז, ווי אַזוי די צאַרישע מאַכט דרייט אָן דעם בייליס־פּראָצעס, ווי אַזוי זי ווייזט פֿאַנאַנדער די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג, ווייזט אונדז גלייכצייטיק דאָס רוסישע און אוקראַינישע פֿאָלק אין זיין נאַטירלעכער באַציונג צו די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן.

נישט פֿאַנאַנדערוויקלענדיק קיין ברייטע בילדער, ווייזט אונדז שלום־עליכם דורך אַ לייכטן אָנדייט, אַ ווונק, ווי פֿעפֿערל איז פֿאַרבונדן מיט די רוסישע רע־וואָלוציאָנערן.

ברייטער ברענגט אונדז אָבער אַרויס שלום־עליכם די אוקראַינישע פּויערים און זייער באַציונג צו טביהן און גראָד אין אַ סכנה, ווען מען דערקענט ווער ס'איז אַ פֿריינד, ווער ס'איז אַ שונא.

דער סאָלטיס מיט דער האָמאַדע קומען אָנזאָגן טביהן די בשורה, אַז זיי מוזן מאַכן ביי אים אַ פּאָגראָם. וויפֿל דעמאַסקאַטאָרישקייט פֿון דער פּינצטערער פּאָגראָם־שפּיל פֿון דער צאַרישער מאַכט ליגט אַריין שלום־עליכם אין אָט דער סצענע!

אָט ווי טביה שילדערט זיינע באַציונגען מיט די פּויערים אין דער סצענע מיטן פּאָגראָם.

„בקיצור, דאָס איז געווען שוין לאַנג. באַלד נאָך דער מלחמה (געמיינט די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה — מ. מ.) איז דאָס געווען, אין דער סאַמע היץ פֿון קאָנסטיטוציעס, בעת ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ישועות ונחמות אויף ייִדן, פֿריער אין די גרויסע שטעט, דערנאָך אין די קליינע שטעטלעך, נאָר צו מיר איז דאָס נישט דערגאַנגען, און עס האָט נישט געקאָנט דערגיין בשום אופֿן. פֿאַרוואָס? פּשוט! ומע זיצט אָפּ אַזאַ צייט צווישן גוים, מיט סאַמע עשון — איז מען אויסגעבונדן מיט אַלע באַלעבאַטים פֿון דאָרף. ידיד נפֿש אב הרחמן — „באַטיושקע טעוועל" איז ביי זיי דאָס אייבערשטע פֿונעם שטייסל! וואָס איז שייך! אַן עצה — איז „יאַק טעוועל סקאַזשע". אַ רפֿואה צו קרחת — איז „דאָ טעוועליאַ". אַ גמילות־חסד — אויך ביי טביהן. נו, האָב איך עפּעס באַדאַרפֿט אין זינען האָבן אַזעלכע זאַכן, פּאָגראָמען, נאַרישקייטן, אַז די גוים אַליין האָבן מיר געזאָגט וויפֿל מאָל, אַז איך זאָל כלל וכלל קיין מורא נישט האָבן — זיי וועלן נישט דערלאָזן!... און כך הווה — וועט איר הערן אַ שיינס.

„...בקיצור, זיי האָבן אַפּגים געזען, אַז מיט טביהן וועלן זיי זיך ניט אויסטענהן, רופֿט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאַפּעריליע הייסט עס, בזה הלשון: „די מעשה, זאָגט ער, דערפֿון איז אַזוי, מיר האָבן צו דיר, טעוועל, אייגנטלעך גאָרנישט. דו ביסט, זאָגט ער, טאַקע אַ זשיד, נאָר ניט קיין שלעכטער מענטש. נאָר איינס צום אַנדערן, זאָגט ער, געהער זיך ניט אָן — שלאָגן דאַרף מען דיך; הראָמאַדע האָט אַזוי געפּסקנט — פֿאַרפֿאַלן! מיר וועלן דיר, זאָגט ער, כאָטש אויסהאַקן די פֿענצטער, דאָס, זאָגט ער, מוזן מיר, ווייל טאָמער, זאָגט ער, פֿאָרט עמעצער דורך, טאָ לאָזן מען, זאָגט ער, זען, אַז מע האָט דיך געשלאָגן, אַ ניט, זאָגט ער, וועט מען אונדז נאָך שטראָפֿירן“...

אַזוי האָט שלום־עליכם געזען די באַציונגען צווישן טביהן, דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, דעם דאָרפֿס־ייד, מיטן אוקראַיִנישן אַרבעטס־מענטש, מיטן אוקראַיִנישן פּויער.

שלום־עליכם האָט אויפֿגעדעקט די ספּרענזשינעס פֿון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג, וואָס גייט פֿון אויבן, פֿון דער צאַרישער מאַכט, וואָס איז אין די אינטערעסן פֿון די באַזיצנדיקע, עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן. וואָס שייך די באַציונגען צווישן די פֿאָלקס־מאַסן ון פֿאַרשידענע פֿעלקער זיינען זיי נאַטירלעכע, זאַכלעכע, פֿריינדשאַפֿטלעכע.

אויך דאָ האָט שלום־עליכם מיט זיין שאַרף אויג דערבליקט די טיפֿע פֿריינד־שאַפֿטלעכע פֿעדעם, וועלכע האָבן פֿאַרבונדן די אַרבעטס־מענטשן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער. שלום־עליכם, ווי די קלאַסיקער פֿון אַנדערע ליטעראַטורן, האָט אַרויס־געבראַכט זיין דעמאָקראַטיש אינטערנאַציאָנאַליזם. דאָס איז די אידעע פֿון פֿריינדשאַפֿטלעכע באַציונגען צווישן אַרבעטס־מענטש פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער, וועלכע ליגט אין יסוד פֿון זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע. ווי קעגנזעצלעך איז שלום־עליכם צום יידישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט זיך גראָד דעמאָלט, אין די נאָך־רעוואָלוציע־יאָרן פֿאַרשטאַרקט אין רוסלאַנד צווישן דער יידישער געזעלשאַפֿט. שלום־עליכם שטעלט אַנטקעגן דער צאַרישער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, דער פּאָליטיק פֿון יידישע נאַציאָנאַליסטן, פֿון כלערליי ציוניסטן, וועלכע האָבן זייער נאַציאָנאַליזם געשפּייזט מיטן נאַציאָנאַליזם פֿון די פּורישקעוויטשעס און קרושעוואַנס — די אידעע פֿון פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט און גוטשכנישע באַציונגען, די אידעע פֿון דעמאָקראַטישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

דאָס איז דער צווייטער עלעמענט פֿון *שלום־עליכמס הומאַניזם*, וועלכן עס ירשנט דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי די ווייטערע, העכערע, קוואַליטאַטיוו־נייע אַנטוויקלונגס־שטופֿע פֿון דער דאָזיקער גרויסער אידעע.

אָט פאַרוואָס שלום=עליכם רופט זיך איבער מיט די שענסטע גייסטער פון זיין צייט. שלום=עליכם האָט נישט בלויז טיף אָפּגעשפּיגלט זיין צייט, שלום=עליכם האָט ווייט אַריבערגעקוקט און אָנגעבונדן צו די קומענדיקע דורות. דערפאַר איז שלום=עליכם אַזוי נאָענט צום האַרצן די לייענער פון אונדזער עפּאָכע, דערפאַר איז שלום=עליכם אַזוי פּאָפּולער ביי די לייענער פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסנפאַרבאַנד.

III

מיט וועלכע מיטלען האָט שלום=עליכם איינגענומען דאָס האַרץ פון זיינע לייענער? וו ליגט דער גרויסער כישוף פון זיין קינסטלערישן געניוס?

דורך צוויי וועגן, שייגט אונדז, איז שלום=עליכם געגאַנגען צום האַרץ פון זיינע לייענער. דורכן קריטישן רעאַליזם, און דורך זיין הומאָר.

קריטישער רעאַליזם. ס'איז זעלטן צו טרעפן נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען אַ שרייבער זאָל זיין גאַנץ לעבן זיך האַלטן ביי איין סטיל. פּרץ, למשל, האָט עטלעכע מאָל געענדערט זיין קינסטלערישן סטיל. אויך מענדעלע האָט אין זיין לעצטן שאַפונגס=פּעריאָד געענדערט זיין סטיל.

שלום=עליכם, פאַרקערט, מיטן קליינעם אויסנאַם פון „סטעמפעניו“, איז פון איין גאָס. שלום=עליכם איז זיין גאַנץ לעבן געווען רעאַליסט. שלום=עליכם האָט אָנגעהויבן און פאַרענדיקט אַלס רעאַליסט. נעמט צו ביי שלום=עליכמען זיין רעאַליזם און עס הערט אויף צו וויזקן שלום=עליכם.

וואָס איז דער עיקר=שטריך פון רעאַליזם? דער עיקר=שטריך פון רעאַליזם איז אַרויסברענגען מיט דער הילף פון פּלאַסטישע בילדער, דורך געשטאַלטן און סיטואַציעס דעם אמת פון לעבן.

צי שטעלט זיך עמעצער פאָר און צי איז מעגלעך פאָרצושטעלן זיך שלום=עליכמען אָן דעם אמת פון לעבן? אָן דעם אמת פון לעבן איז נישטאָ קיין שלום=עליכם.

פאַראַן מענטשן, וועלכע מיינען, אַז דער אמת ליגט אויבן=אויף, אַז ס'איז גענוג אים אָפּצופאָטאָגראַפירן, כדי ער זאָל פאַר אונדז דערשיינען. דאָס איז אַ פאַלשע אויפפאַסונג.

דער לעבנס=אמת ליגט נישט אויבן=אויף, אים דאַרף מען אָפּזוכן, געפינען און אַרויסברענגען. די לעבנס=דערשיינונגען אַליין, וועלכע מיר אָבסערווירן אויבן=אויף, מיטן אויג, זענען נאָכנישט דער לעבנס=אמת. דער לעבנס=אמת ליגט אין די לעבנס=דערשיינונגען, ער איז דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס וועזנטלעכסטע פון זיי, ער איז דאָס, וואָס פאַרבינדט אין לעבנס=דערשיינונג מיט דער צוויי=טער, ער איז דער תוך פון די לעבנס=דערשיינונגען, ער איז די אַקס פון די=

לעבנס=דערשיינונגען. ווער עס מאָלט די לעבנס=דערשיינונגען אַליין, דער איז אַ פאָטאָגראַף, דער איז אַ נאַטוראַליסט, דער כאַפּט אויף די פאָרמלעכע זייט פון דעם לעבנס=אמת, אויף וויפל ער איז פּילגעשטאַלטיק פאַרבאָרגן אין יעטוועדער לעבנס=דערשיינונג, אָבער ער כאַפּט ניט אויף דעם אמת אַליין. דעם אמת כאַפּט אויף דער רעאַליסט, דאָס הייסט, דער פאָרשער, דאָס קאָן זיין אַ קינסטלער ווי אַ וויסנשאַפטלער, וועלכער נעמט אויף דאָס עיקרדיקע, דאָס געמיינזאַמע, וואָס איז פאַראַן אין אַלע לעבנס=דערשיינונגען. שלום=עליכם איז געווען ניט בלויז אַ רעאַליסט, שלום=עליכם איז געווען אַ געניאַלער רעאַליסט.

שלום=עליכם דער געניאַלער רעאַליסט האָט אויפגעכאַפּט דאָס עיקרדיקע, דאָס וועזנטלעכסטע פון זיין צייט, אַרויסגעבראַכט די וועזנטלעכע פּערסאָנאַזשן, כאַראַקטערן פון זיין צייט, אויפגעכאַפּט די וועזנטלעכע, עיקרדיקע סיטואַציעס און קאָנפליקטן פון זיין צייט. ער האָט אַזוי אַרום אויפגעכאַפּט אַן עיקר=עלעמענט פון אַלגעמיינעם געשיכטלעכן פּראָצעס בכלל — דערפון זיין אומשטערבלעכקייט.

לאָמיר זיך אומקערן, צום ביישפּיל, צו מנחם=מענדלען. שלום=עליכם האָט דערזען, טיף דערבליקט אין דער יידישער געזעלשאַפט, צום סוף פון 19=טן און אָנהייב 20=טן יאָרהונדערט די געשטאַלט פון מנחם=מענדלען. דערמיט האָט ער אָבער אַרויסגעבראַכט אַ געשטאַלט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר די פאַרהעלטענישן פון צאַרישן רוסלאַנד פון יענער צייט, נאָר פאַר די פאַרהעלטענישן אין דער יידישער געזעלשאַפט פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו יידן וווינען. און אַזוי לאַנג, ווי ס'וועט עקזיסטירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, וועלן זיך אין דער יידישער געזעלשאַפט געפינען מנחם=מענדלס, ווייל דער פּראָצעס פון פּאַופּעריזירונג און דעקלאַסירונג האָט ניט בלויז ניט אויפגעהערט, נאָר פאַרקערט, אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם האָט ער זיך מוראדיק פאַרשטאַרקט. דער אונטערשיד צווישן די מנחם=מענדלס פון די צאַרישע צייטן און די מנחם=מענדלס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אונדזערע צייטן באַשטייט אין דעם, וואָס הייַנטיקע מנחם=מענדלס זענען ווינציקער קאָמיש און מער טראַגיש, וואָס אונדזערע מנחם=מענדלס שטרעבן ניט צו ווערן קיין גבירים און וויסן שוין, אַז קיין גביר קאָן מען איבער נאַכט ניט ווערן, זיי האָבן דאָס מנחם=מענדלשע דערהאַלטן בלויז אין זייער פאַרצווייפלטן געראַנגל פאַרן טאָג פרנסה. זיי האָבן פאַרטיפט דאָס טראַגישע פון מנחם=מענדלען.

אָט אין וואָס עס באַשטייט דער טיפער רעאַליזם פון שלום=עליכמען. די רעאַליסטישע אויפפאַסונג פון מנחם=מענדלען גרייכט נאָך ווייטער.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרשוונדן מנחם=מענדל אלס סאָציאַל=פּסיכאָלאָגישער טיפּ. ביי אונדז אין

פֿאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן איז ער פֿאַרשוווּנדן אַלס סאָציאַלע דערשיינונג. מנחם־מענדל איז אָבער נישט בלויז אַ סאָציאַלע דערשיינונג. מנחם־מענדל איז אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג. אויף וויפֿל ביי אונדז אין פּוילן זענען נאָך פֿאַראַן דאָ און דאָרט רעשטן פֿון קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן, אויף וויפֿל ביי אונדז אין פּוילן זענען מיר ערשט אַריין אין גראַנדיעזן פּראָצעס פֿון דער קולטור־רעוואָלוציע, דאָס הייסט, ערשט אַריין אין פּראָצעס פֿון דער סאָציאַליסטישער איבערגעשטאַלטיקונג פֿון באַוווּסטזיין און מאָראַל פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, און פּראָצעס פֿון קאַמף פֿאַר באַזייטיקן די ירושה פֿון דער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אידעאָ־פּסיכאָלאָגיע אינעם באַוווּסטזיין פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע, אויף אַזוי פֿיל איז מנחם־מענדל נאָך נישט איינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן אַלס פּסיכאָלאָגישע ירושה צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג. נישט איין מאָל זאָגן מיר: „ער איז שוין דאָ מיט מנחם־מענדלס פּלענער“. דערמיט ווילן מיר אונטערשטרייכן דעם מאַנגל פֿון חוש פֿאַר רעאַליטעט, דעם איבערפֿלוס פֿון פֿאַנטאַזיע. דאָס זאָגן זיך צייטנווייז פֿון געוויסע פּראָדוקציע־אָנפֿירער נאָך צאָלמעסיקע דערגרייכונגען אויפֿן חשבון פֿון קוואַליטעט איז אַן איבערבלייבעניש פֿון מנחם־מענדליזם. אַזעלכע דערשיינונגען האָבן נאָך ביי אונדז אַן אָרט. דאָס הייסט, פֿאַרשוווּנדן איז מנחם־מענדל אַלס סאָציאַלע קאַטעגאָריע, ס'איז אָבער נאָך נישט איינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן דאָס פּסיכאָלאָגישע פֿון מנחם־מענדלען, דאָס הייסט, ס'זענען נאָך נישט פֿאַרשוווּנדן די איינגאַרטיקע פּסיכאָלאָגישע שטריכן פֿון מנחם־מענדלען, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר איינגעטלעכער קאָנדענסירטע, אָנגעזאַמלטע סאָציאַלע איינשאַפֿטן פֿון דורות.

אָט ווי טיף, ווי ווייט עס גרייכט דער רעאַליזם פֿון שלום־עליכמען.

מיר האָבן מנחם־מענדלען גענומען בלויז אַלס ביישפּיל. שלום־עליכמס רעאַליזם באַקומט זיין אויסדרוק אין אַלע אַרויסגעפֿירטע דורך אים געשטאַלטן. און די פֿיר קאַטעגאָריעס געשטאַלטן, אויף וועלכע מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, דעקט אונדז אויף שלום־עליכם דעם לעבנס־אמת נישט בלויז פֿון זיין צייט. ער ווייזט אונדז שטיקער פֿון דעם לעבן, וואָס פֿאַרגייט, וואָס שטאַרבט אָפּ אומפֿאַרמיידלעך, ער ווייזט אונדז דאָס פֿאַנאַנדערגעוויקלטע בילד פֿון דער גייער צייט, פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן, ער ווייזט אונדז אָבער אויך שוין די שפּראָצן פֿון דער קומענדיקער צייט. דאָס איז דער לעבנס־אמת נישט אין דער סטאַטיק, דאָס איז דער לעבנס־אמת אין דער דינאַמיק. און דאָס געהער אויך צו די עיקר־שטריכן פֿון רעאַליסטישן סטיל. שלום־עליכם איז אָבער נישט סתם רעאַליסט. שלום־עליכם, ווו מיר האָבן אויבן שוין אָנגעוויזן האָט אַ סוביעקטיווע באַציונג צו דער וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום, און אַ סוביעקטיווע באַציונג צו די געשטאַלטן, וועלכע ער ברענגט אַרויס. און וואָס סוביעקטיווער דער רעאַליסט איז, אַלץ אמתדיקער

איז ער אין זײַן אָפּקלײַב פֿון לעבנס־שטאָף, אַלץ טיפֿער דערגרונטעוועט ער זיך צום לעבנס־אמת, צום תּוך פֿון די לעבנס־דערשײַנונגען. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס שלום־עליכם שילדערט נישט סתּם. שלום־עליכם האָט פֿײַנט דאָס מיאוסע, עקלהאַפֿטע, דאָס עקספּלואַטאַטאָרישע, דאָס פּאַראַזיטישע. שלום־עליכם האָט ליב דאָס פֿאָלקישע, דאָס לײַדנדיקע, דאָס שיינע, דאָס בויענדיקע, וואָס רײַסט זיך צום לעבן.

שלום־עליכמס באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט, צו זײַנע געשטאַלטן איז אַ קריטישע. דערפֿאַר זאָגן מיר, אַז שלום־עליכם איז אַ קריטישער רעאַליסט. און שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט צו זײַן קריטישער רעאַליסט. פֿון די ייִדישע קלאַסיקער איז שלום־עליכם דער קאָנסעקווענטסטער קריטישער רעאַליסט. שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיט דער אונטערדריקונג פֿון פֿאָלק און האָט קיין מאָל נישט מוחל געווען די ייִדישע באַזיצנדיקע קלאַסן זייער פּאַראַזיטעווען אויפֿן חשבון פֿון עמך שער און אײַזן. שלום־עליכם האָט מיט דער הילף פֿון זײַן קריטישן רעאַליזם געהאָלפֿן אויפֿדעקן דאָס צעפֿוילטע געוועב פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און מיט זײַן נעגאַטיווער, קריטישער באַציִונג געוועקט בײַם לייענער דאָס געפֿיל פֿון ווידער־ווילן, פֿון פּראָטעסט קעגן איר. שלום־עליכם איז געווען טיף סוביעקטיוו צו דער ווירקלעכקייט, ער האָט פֿאַרנומען לגבי איר אַ דעצידירטע שטעלונג. שלום־עליכם האָט נישט געהאַט קיין „איבערפֿאָלקישן" שטאַנדפּונקט, ער איז נישט געזעסן אויבן פֿאַרנאַס און אַראָפּגעקוקט אויף אונטן. ער איז נישט געווען איבערפּאַרטייִיש, ער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן פֿון זײַן צײַט, ער האָט זיך אַרײַנגעמישט נישט ווי אַ פּובליציסט, נישט ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער, נישט ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער פּאָליטיקער. שלום־עליכם האָט זיך אַרײַנגעמישט אין די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן און אַקטיוו זיך אַרײַנגעמישט, אָבער ווי אַ קינסטלער, ווי אַ שרײַבער. זײַן קריטישער רעאַליזם איז געווען זײַן סאָציאַלע קריטעריע, זײַן פּאַרטייִשע שטעלונג, זײַן באַציִונג, זײַן וואָרט, זײַן קרעדאָ. דורך זײַנע געשטאַלטן, דורך דעם אופֿן פֿון אַרויסברענגען זיי האָט שלום־עליכם אַקטיוו מאַניפֿעסטירט זײַן באַציִונג, וועלכע לאָזט זיך אויסדריקן קורץ: איך האָב פֿײַנט די אונטערדריקער, כ'האָב ליב דאָס אַרבעטנדיקע פֿאָלק. איך בין מיטן אַרבעטנדיקן פֿאָלק קעגן זײַנע באַדריקער.

שלום־עליכמס קריטישער רעאַליזם איז אָבער פֿון אַן איינגאַרטיקן מין, מיר וואָלטן געזאָגט פֿון אַ העכערן מין. אויך מענדעלע, אויך פּרץ זענען קריטישע רעאַליסטן. זייער גרויסקייט איז באַשטאַנען אין אויפֿדעקן דאָס שלעכטע פֿון די פֿעאָדאַל־קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן. זיי האָבן אָבער זיך אָנגעטראָפֿן אויף גרויסע שוועריקייטן בײַם אַרויסברענגען די פּאָזיטיווע געשטאַלטן פֿון זייער

צייט. אויף די דאָזיקע שוועריקייטן האָט זיך אויך אָנגעשטראָפּן נישט איין קריטישער רעאַליסט ביי אַנדערע פעלקער. אַ טייל האָט זיך עס פּשוט נישט איינגעגעבן. אַנשטאָט לעבעדיקע פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָבן זיי ארויסגעבראַכט רעזאָנערן פון שיינע אידעען, געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. טייל רעאַליסטן צוליב זייער שנאה צו דער ארומיקער ווירקלעכקייט פלעגן דערזען די פּאָזיטיווע געשטאַלט אין דער פאַרגאַנגענהייט. מענדעלע למשל האָט קיין פאַרגאַנצטע פּאָזיטיווע געשטאַלט נישט ארויסגעבראַכט, און ווען ער איז געגאַנגען זי זוכן, איז ער אוועק אויפן וועג פון אידעאַליזאַציע פון דער פאַרגאַנ=גענהייט. פרץ איז אוועק זי זוכן אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטן. דאָס פּאָזי=טיווע פון זיין צייט ווידער האָט פרץ ארויסגעבראַכט אינעם אַ ל ג ע מ יי ן לירישן באַזינגען דעם ארבעטער, דאָס הייסט, אין אַלגעמיינע שילדערונגען אָבער נישט אין קאָנקרעטע געשטאַלטן.

שלום=עליכם איז אין דער הינזיכט אייגנאַרטיק. זיין קריטישער רעאַליזם האָט אים געפירט אַ סך ווייטער ווי אַנדערע קריטישע רעאַליסטן. אַנטפּלעקנדיק די סאָציאַלע אַנאָמאַליע פון דער יידישער געזעלשאַפט פון זיין צייט, האָט שלום=עליכם דערזען נישט בלויז דאָס נעגאַטיווע, דאָס עקספּלואַטאַטאָרישע, דאָס אָפּ=שטאַרבנדיקע. ער האָט אויך דערזען דאָס פּאָזיטיווע. ער האָט דערבליקט טביהן, דעם האָרעפּאַשניק, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דאָס פאָלק פון שער און אייזן פון דורות פאַרגאַנגענע און נישט בלויז פון זיין צייט. שלום=עליכם האָט געקוקט נאָך טיפער — ער האָט דערזען פעפערלען, ער האָט דערזען האָדלען, דעם נייעם מענטש, די נייע פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דער יידישער געזעלשאַפט. אין קריטישער רעאַליזם, וואָס נעמט ארום פאַרגאַנצטע נעגאַטיווע געשטאַלטן מיט פאַרגאַנצטע פּאָזיטיווע געשטאַלטן איז אַ זעלטנהייט נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור. שלום=עליכם איז דאָ געגאַנגען ווייטער, ער האָט איבערגעשטיגן די דורכשניטלעכע גרענעץ פון קריטישן רעאַליזם.

דאָס איז דער דריטער עלעמענט פון שלום=עליכמס גרויסן הומאַניזם.

IV

דאָס צווייטע מיטל, מיט וועלכן שלום=עליכם האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פון זיין לייענער, מיט דער הילף פון וועלכן ער האָט אַנטפּלעקט לעבנס=אמתן — איז זיין הומאָר.

דאָ איז ער געווען און פאַרבליבן דער איינאונאיינציקער. געווען דער איינאונ=איינציקער אין זיין צייט און פאַרבליבן דער איינאונאיינציקער אין אונדזער צייט. דאָס הייסט נישט, אַז עס וואָלטן נישט געווען קיין פּרוּוון מצד שרייבער אין זיין צייט און אויך שפּעטער צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן קינסטלערישן זשאַנר. עס

זענען געווען פּרווון פון אַ צווייאיקן כאַראַקטער: פּרווון עפּיגאָנישע און זעלבשטענדיקע. די עפּיגאָנישע האָבן געליטן הערפון, וואָס זיי האָבן געפּרווט נאָכמאַכן שלום־עליכמען, אָבער בלויז אין דער אויסערלעכקייט פון זיין הומאָריסטישן סטיל. די זעלבשטענדיקע פּרווון ווידער האָבן געליטן פון אינטעליגענטישקייט. ס׳איז נישט געווען דער שלום־עליכמישער פאָלקס־הומאָר.

וועגן די קוואַלן פון שלום־עליכמס הומאָר.

די קוואַלן פון שלום־עליכמס הומאָר זענען פאַרשידנאַרטיקע. מיר וועלן זיך באַמיען אָנצווייזן אויף אייניקע פון זיי.

קודם־כל קומט אין באַטראַכט די פּערזענלעכע אייגנשאַפט פון שרייבער אויפצונעמען דערשיינונגען אין זייער קאָמישקייט. די פּערזענלעכע אייגנשאַפט, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זיין שריפטשטעלערישער געניאַלקייט. דאָס איז דאָס פּרימערע.

הומאָר בכלל און שלום־עליכמס הומאָר ספּעציעל בינדט זיך אומאָפּרייסלעך מיטן רעאַליסטישן סטיל פון שרייבער. קיין שום אַנדער סטיל איז נישט אימשטאַנד צו שאַפן דעם יסוד פאַר הומאָר, ווי דאָס איז אימשטאַנד דער רעאַליסטישער סטיל.

הומאָר אַלס סטיל פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל. הומאָר עקזיסטירט אָביעקטיוו אין פאָלק, ווי די שפּראַך גופא.

יעטוועדער מענטש פאַרמאָגט אין זיין רעדן, ווער ווייניקער, ווער מער, עלעמענטן פון הומאָר. דער שרייבער־רעאַליסט, מיט דער איינגעבוירענער נייגונג אויפצוכאַפּן דאָס הומאָריסטישע, דאָס קאָמישע בכלל טוט אויך דאָ זיין אָפּקלייבעריש־סינטעטישע אַרבעט. ער קאָנדענסירט דאָס הומאָריסטישע פון דעם רייד־אַרט פון פאָלק, ער וואַרפט אָפּ דאָס נאַטוראַליסטישע, דערגרונטעוועט זיך צום עיקרדיקן פון פאָלקס־הומאָר, דאָס הייסט, ער געשטאַלטיקט רעאַליסטיש דעם אָביעקטיוו־פאַראַנענעם הומאָריסטישן שטאָף פון דער פאָלקס־שפּראַך. זען דאָס געלינגט דעם שרייבער, דאַן דערשיינט פאַר אונדז הומאָר. הומאָר איז אַזוי־אַרום ווי די קונסט בכלל — סינטעז. שלום־עליכם האָט אַ דאַנק זיין רעאַליזם דערגרייכט צו די העכסטע שפּיצן פון סינטעז, הערפון זיין גניאַלקייט אַלס הומאָריסט.

לויט אונדזער מיינונג, דאַרפן גענומען ווערן אויך אין באַטראַכט געוויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע מאָמענטן, וועלכע האָבן, מיר שטרייכן דאָס אונטער, באַגייסטיקט די אַנטוויקלונג פון שלום־עליכמס הומאָר. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סביבה פון אוקראַאינע איז דאָ אַן עלעמענט, וועלכע דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט.

שלום־עליכם האָט זייער פליסיק אונטערגעהערט דאָס לשון פון אוקראַאינישן ייִד, וואָס איז געווען געמישט מיט הומאָר, מיט שפּאַסן, מיט פאָלקס־ווערטלעך פיל מער, ווי אין אַנדערע דיאַלעקטן פון ייִדיש. אין קיין שום דיאַלעקט זענען נישט

פאַראַן אַזוי פיל סלאַווישע עלעמענטן ווי אינעם אוקראַאיניש-יידישן, אין קיין שום דיאַלעקט זענען נישט פאַראַן אַזויפיל ג אַ נ צ ע סלאַווישע שפּריכווערטער און וויצן, ווי אין אוקראַאיניש-יידישן. וויפל הערן מיר זיי ביי טביהן אַליין, ביי גאָלדען, ביי מנחם-מענדלס שוויגער א. א. וו. מיר פילן דאָ דעם איינפלוס פון הומאָר פון אוקראַאינישן פאָלק. דער דאָזיקער איינפלוס איז געווען אַ באַגינסטיקנדיקער פאַקטאָר פאַר דער אויפבליונג און אַנטוויקלונג פון שלום-עליכמס הומאָר.

דער צווייטער עלעמענט איז דער איינפלוס פון דער רוסיש-אוקראַאינישער הומאָריסטישער ליטעראַטור אויף שלום-עליכמען. אין דער ליטעראַטור-קריטיק איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן דער איינפלוס פון גאָגאָלן אויף שלום-עליכמען, ווי דער איינפלוס פון גרויסן רוסישן סאַטיריקער סאַלטיקאָוו-שטשעדרין אויף מענדעלע מוכר-ספרים.

דאָס זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איינפלוסן, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן, באַגינסטיקט די געשטאַלטיקונג פון שלום-עליכמס הומאָר, דאָס זענען קוואַלן, פון וועלכע שלום-עליכם האָט געטרונקען, כדי צו שאַפן דאָס פענאָמענאַלע אין דער יידישער ליטעראַטור, דעם איין און איינציקן אין זיין מין סטיל — דעם שלום-עליכמישן הומאָר.

ווען מען רעדט פון שלום-עליכמס הומאָר, טאָר מען נישט רעדן פון הומאָר סתם אין דער וועלט אַריין. די בירגערלעכע קריטיק האָט ליב געהאַט (ווען זי האָט נאָך געהאַט וואָס צו זאָגן) צו רעדן וועגן שלום-עליכמס הומאָר נישט דיפערענצירט. איינער האָט געפּרוווט זאָגן, אַז שלום-עליכם לאַכט אָפּ, אַ צווייטער, אַז שלום-עליכם לאַכט סתם, ווייל לאַכן איז געזונט, אַ דריטער, אַז שלום-עליכם לאַכט מיט יאַשטשערקעס. אַזאַ צוגאַנג צו שלום-עליכמס הומאָר איז אַ מעטאַפיזישער, אַ פאַלשער. פאַרוואָס?

ווייל יעדער האָט געפּרוווט זיין טעזע אָנווענדן לגבי שלום-עליכמען אַלס גאַנצן, דעפינירן זיין הומאָר אַלס אַן איינהייטלעכע, נישט דיפערענצירטע דערשיינונג, וואָס זאָל גילטן פאַר אַלע שלום-עליכמס געשטאַלטן, פאַר אַלע סיטואַציעס.

דער דאָזיקער פאַלשער צוגאַנג צו שלום-עליכמס הומאָר האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די בירגערלעכע קריטיק האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אויפדעקן די סאָציאַלע פונקציעס פון שלום-עליכמס הומאָר.

שלום-עליכמס הומאָר איז נישט קיין איינהייטלעכער, ער איז אַ דיפערענצירטער. אַ באַשטימטן זין, אַ באַשטימטן צילאָנגעווענדקייט טראָגט שלום-עליכמס הומאָר, ווען ער שילדערט גבירישע געשטאַלטן, אַן אַנדער זין, אַן אַנדער ציל-געווענדקייט טראָגט שלום-עליכמס הומאָר, ווען ער שילדערט מנחם-מענדלען, און שוין גאָר אַן אַנדער זין, שוין גאָר אַן אַנדער צילאָנגעווענדקייט טראָגט שלום-עליכמס הומאָר ווען ער שילדערט טביהן, זיינע טעכטער, פעפערלען און זייער גלייכן. אָפּהענגיק פון דער באַציונג פון שרייבער צו זיין געשטאַלט, אַזאַ באַראַק-

טער באַקומט זיין הומאָר. צי וועט עמעצער פּרוּוון אידענטיפיצירן דעם הומאָר פון שלום-עליכמען, בעת ער באַשרייבט דעם אויפגעקומענעם גביר פּרהצור, טביהם איידעם, אָדער דעם קצב, וואָס האָט געוואָלט ווערן טביהם איידעם, אָדער אַראַנטשיקן, דאָס צעלאָזן גבירייש זונדל — מיטן הומאָר, בעת ער באַשרייבט טביהן אַליין. דאָס זענען באַזונדערע מינים הומאָר. באַזונדערע פונקציעס פאַרמאָגט דער הומאָר אין די באַזונדערע פאַלן.

בעת שלום-עליכם ברענגט אַרויס די גבירישע טיפּן, בעת ער באַשרייבט די גבירישע מיליע, איז זיין הומאָר אַן אָפּלאַכערישער, אַ סאַטיריש-סאַרקאַסטישער, איז שלום-עליכם דעמאַסקירער פון זייערע מנהגים, פון זייערע נעגנ, לאַכט ער אָפּ זייער דראַנג אייגצוּיחוסן זיך אַלס אַריסטאָקראַטן, לאָזט ער זיי רעדן רוסיש, פאַרשטייט זיך, מיט גרייזן און האָט אַ געלעגנהייט אָפּצולאַכן פון זייער אַמוראַציעס, גראָבקייט, אויסצוחוזקן זייער געלטגירעריקייט, אומטענטשלעכקייט. דעמלט אַטעמט שלום-עליכמס הומאָר מיט שנאה, מיט ביטול, מיט חוזק, מיט גאַל. דאָ ירושנט שלום-עליכם מענדעלען. דער מין הומאָר האָט אַ ציל צו דעמאַסקירן, אַרונטערייסן, אָנשמועקן דעם לייענער מיט שנאה צום גביר, דעם „סאָבאַקע“.

אַן אַנדער זין און כאַראַקטער, אַן אַנדער ציל אָנגעווענדקייט, אַן אַנדער פונקציע האָט שלום-עליכמס הומאָר, בעת ער ברענגט אַרויס מנחם-מענדלען.

דאָ איז דער הומאָר טיילווייז אַ געמישטער, ער פאַרמאָגט אויך עלעמענטן פונעם אויבנבאַשריבענעם מין, זיין פונקציע איז אָבער שוין גאָר אַן אַנדערע.

אויך אין דעם פאַל פאַרמאָגט שלום-עליכמס הומאָר עלעמענטן פון אָפּלאַכן, פון חוזק. דער הומאָר ביים שילדערן מנחם-מענדלען און געשטאַלטן, וואָס דערנענטערן זיך צו דעם טיפּ, באַקומט זיך פון דער קאָמישער סיטואַציע, אין וועלכער דער מחבר שטעלט זיין געשטאַלט. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז דער עיקר-שטריך פון מנחם-מענדלען איז זיין קאָמיזם. דער געלעכטער אַנטשטייט אין מאָמענט, ווען שלום-עליכם פירט אונדז צונויף צוויי פאַקטאָרן: די רעאַלע ווירקלעכקייט מיט מנחם-מענדלס אַבסאָלוטן מאַנגל פון חוש פאַר דער רעאַלער ווירקלעכקייט, ווען עס טרעפן זיך צונויף מנחם-מענדלס חשבונות און מוח-שפּעקולאַציעס, וועלכע זענען פּראָדוקטן פון טרוים, פון כוונה — מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט, מיט בערזע-שפּעקולאַציעס. אָט דער צונויפטרעף פון צוויי פאַרשידנאַרטיקע קעגנזעצלעכע פאַקטאָרן שאַפן דעם יסוד פאַרן הומאָר.

שלום-עליכם לאַכט אָפּ פון מנחם-מענדלען ער חוזקט אויס זיין האָן-קישאָטיזם. דערמיט גיט אונדז שלום-עליכם אָפּצופילן זיין געגאַטיווע באַציונג צו דער דאָזיקער געשטאַלט. די שפּריכווערטער פון שיינע-שיינדלס מאַמע, מנחם-מענדלס שוויגער, איז דער שפּיגל, קעגן וועלכן דער שרייבער שטעלט אַוועק פון צייט צו צייט זיין געשטאַלט, כדי אונטערצופירן דעם סך-הכל פון דער געגעבענער סיטואַ=

ציע, אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך דער קאָמיזם פון מנחם־מענדלען און די נעגאַטיווע באַציִונג פון שרייבער צו אים.

צי וועקט שלום־עליכם ביי אונדז לגבי מנחם־מענדלען די זעלבע געפילן פון שנאה, וועלכע ער וועקט ביי אונדז, בעת ער באַשרייבט די גבירישע סביבה?

ווער דערמאָנט זיך די סצענע, ווען טביה טרעפט מנחם־מענדלען ביי אַ שוויפּענצטער אין יעהופּעץ און האָט בדעה צו מאַכן אים שוואַרץ־שבת פאַר די פאַרמאַכליעוועטע הונדערט רובל, וועלכע טביה האָט אים געגעבן, כדי צו זיין אַ שותף צו די גליקן, וועלכע מנחם־מענדל האָט געשילדערט — און אָנשטאָט שוואַרץ־שבת, באַקומט גאָר טביה טיף רחמנות אויף מנחם־מענדלען און טרייסט אים נאָך, ער זאָל זיך דאָס אַזוי שטאַרק נישט נעמען צום האַרצן! אָדער לאָמיר זיך דערמאָנען די פינאַל־סצענעס פון אַלע מנחם־מענדלס דרייסט־אונטערגענומענע געשעפטן! וואָס איז זייער גרונט־טאָן? צי איז זייער גרונט־טאָן שנאה צו מנחם־מענדלען? ניין, זייער גרונט־טאָן איז מיטגעפיל צום שלים־מזל, מיטגעפיל צום קרבן פון די פאַרשאָלטענע קאַפּיטאַליסטישע באַציִונגען. טראַגיש איז מנחם־מענדל אין די פינאַל־סצענעס אין רעזולטאַט פון זיין קאָמישער סיטואַציע, אין וועלכער ער שטעלט זיך נישט פון אייגענעם ווילן, נאָר אַן אַריינגעשלייאַדערטער אין זיי דורכן גאַנצן גאַנג פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע געשעענישן פון זיין צייט. אָט דער טראַגיזם, דער טאָן פון מיטגעפיל צום קרבן פון די מאַכינאַציעס פון גרויס־קאַפּיטאַל, פון די בערזע־שפּעקולאַציעס, קאָן נישט וועקן און וועקט נישט קיין שנאה צו מנחם־מענדלען, נאָר מיטגעפיל צו זיין באָדנלאָזיקייט, אַרומטערגעריסנקייט, אומפּראָדוקטיווקייט, מיטגעפיל צו מנחם־מענדלען, וואָס האָט זיך ווי אַ פליג פאַרפּלאָנטערט אין דעם שפּינוועבס פון דער שפּין.

אין פאַל מנחם־מענדל האָט שלום־עליכמס הומאָר, ווי מיר זעען, גאָר אַן אַנדער פונקציע. די פונקציע אויפצודעקן די גרויזאַמקייט, ריקזיכטלאָזיקייט פון די בענק, פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, דעמאַסקירן דאָס פּרצוף פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, און פון דער צווייטער זייט ווייזן זייערע קרבנות, ווייזן די טראַגישע לאַגע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען דאָס רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגט שלום־עליכמס הומאָר בעתן שילדערן טביהן, זיינע טעכטער, פּעפּערלען און ענלעכע צו זיי געשטאַלטן, צוואָרפענע איבער אַלע ווערק שלום־עליכמס.

דאָ איז דער ווילן פון שרייבער שוין נישט צו ווייזן אונדז בלויז אַ טראַגישע סיטואַציע, נאָר אַנטפּלעקן פאַר אונדז, אויפדעקן דאָס שווערע טאָג־טעגלעכע לעבן פון האָרעפּאַשנעם פאָלק, פון עמך שער און אייזן, פון אַרויסברענגען די גרויסע פּיין און ליידן פון אַרבעטס־מענטש, און גלייכצייטיק אונדז ווייזן די אינערלעכע גרויסע

כוחות אין פאָלקס=מענטש נישט צו פאַלן אונטער דער לאַסט פון צרות, נאָר זיך שטאַרקן, קעמפן קעגן זיי, זיך נישט אונטערגעבן, האָבן בטחון, אַז אויף דער וועלט וועט אַמאָל האָך גוט זיין. אָט דאָס איז די פונקציע פון שלום=עליכמס הומאָר אין דעם פאַל. דער מין הומאָר איז אַ לירישער הומאָר, פול מיט ליבע צו דער געשילדערטער געשטאַלט. דער הומאָר איז דאָ אַ קאָנסטרוקטיווער פאַקטאָר, וועלכער לאָזט נישט טביהן זיך איינברעכן, וועלכער שטאַרקט טביהן און וועקט האָפענונג און בטחון אויך ביים לייענער, וועלכער אַנטפּלעקט די גרויסע אינערלעכע כוחות פון פאָלק. ווי הימל ווייט ער איז פון סאַטירע!

אָט אַזוי זעט אויס דאָס פּראָבלעם פון שלום=עליכמס הומאָר. הומאָר אַלס מיטל צו וועקן שנאה, אַלס מיטל צו וועקן ליבע. דערפון הומאָר אַלס וועזנטלעכסטער פאַקטאָר פון שלום=עליכמס גרויסן הומאַניזם.

מיר וועלן באַרירן נאָך צוויי מאָמענטן. די ראָל פון מאָנאָלאָג און דאָס פּראָבלעם פון קינדער אין שלום=עליכמס שאַפן.

שלום=עליכמס מאָנאָלאָג איז פאַרבונדן מיט דער סצענישקייט פון שלום=עליכמס שאַפן. אַ שרייבער קאָן שרייבן און מען זאָל אים נישט לייענען, זינגענדיק לייענען. ווי ס'זאָל אָבער נישט זיין די באַציונג פון לייענער צום שרייבער, הערט נישט אויף דער שרייבער צו זיין שרייבער. דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן מאָלער=פּלאַסטיקער. נעמט אָבער צו ביים אַקטיאָר זיין צושויער, זיין פּובליקע, און ער הערט אויף צו זיין אַקטיאָר. ער איז אַקטיאָר בלויז, ווען ער האָט דעם קאָנטאַקט מיטן עולם, ווען ער האָט פאַר זיך דעם עולם, ווען ער אָטעמט מיטן אָטעם פונעם עולם.

שלום=עליכם איז שרייבער און גלייכצייטיק שטילער קאָנפעראַנסיע. ער פירט אַרויס זיינע געשטאַלטן פאַרן לייענער און גיט זיי איבער דעם לייענער, אָבער גייט נישט אַוועק. זיינע געשטאַלטן שטעלן זיך פאַר פאַרן עולם, זיי דערציילן וועגן זיך, צי דירעקט (טביה), צי דורך בריוו (מנחם=מענדל). אָבער דער שרייבער איז שטענדיק מיט זיי. למשל, אָן שלום=עליכמען איז טביה נישט טביה. ווען טביה פאַקט שלום=עליכמען, דערציילט ער אים פאַר אים זיין ביטער האַרץ. שלום=עליכמס געשטאַלטן מוזן האָבן דעם צושויער, בעסער געזאָגט, דעם צוהערער, זיי זענען מיט אים אָרגאַניש פאַרבונדן. דער ערשטער איז שלום=עליכם אַליין. אָן דעם צוהערער הערן אויף די געשטאַלטן צו זיין, הערן זיי אויף צו לעבן. דעריבער איז דער מאָנאָלאָג די עיקרדיקע פאָרם פון שלום=עליכמס סטיל, דעריבער דרייען זיך אַרום שלום=עליכמס געשטאַלטן שטענדיק אויף דער סצענע. די סצענע איז נישט דווקא דאָס טעאַטער. ווו טביה טרעפט אייך נאָר, דאָרט איז זיין סצענע, דאָרט שטעלט ער זיך פאַר, דאָרט דערציילט ער וועגן זיך, דאָרט קומען פאָר זיינע קאָנפליקטן מיט דער אַרומיקער סביבה, דאָרט שטרייט ער מיט אייך וועגן זיך און וועגן דער וועלט. דעריבער זענען שלום=עליכמס ווערק דער

דאַנקבאַרסטער מאַטעריאַל פֿאַרן טעאַטער, דעריבער איז שלום־עליכם ענג פֿאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, מיט זיין אַנטוויקלונג, מיט זיין רעפּערטואַר. אויסערן מאָנאָלאָג ווי אַ פֿאָרם פֿון טעאַטראַלער שפּיל, זענען שלום־עליכמס שאַפֿונגען ענג פֿאַרבונדן מיטן טעאַטער נאָך צוליב איין אומשטאַנד: זיי אַנטהאַלטן דעם עיקר־עלעמענט, וואָס טעאַטראַלע שפּיל דאַרף האָבן — זיי אַנטהאַלטן דאָס קאָנפֿליקט־מעסיקע, דאָס אַקציע־מעסיקע. שלום־עליכמס געשטאַלטן געפֿינען זיך שטענדיק אין קאָנפֿליקט מיט זייער סביבה, שלום־עליכמס געשטאַלטן האָבן שטענדיק עפּעס וואָס צו טאָן. זיי זענען שטענדיק אין באַוועגונג, אין אַקציע, אין האַנדלונג.

ניט בלויז די שאַפֿונגען, וועלכע זענען לכתחילה געשריבן געוואָרן דורך שלום־עליכמען אין דער דראַמאַטישער פֿאָרם, זענען דער יסוד פֿון קינסטלערישן רעפּערטואַר פֿאַר טעאַטער, נאָר כמעט אַלע שאַפֿונגען אין פּראָזע לאָזן זיך אָן שוועריקייטן אינסצענירן. דער דאָזיקער אומבאַשטרייטלעכער פֿאַקט איז נאָך אַ באַווייז פֿון דער אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג פֿון שלום־עליכמען מיטן צוהערער, מיטן פֿאָלק.

און צום סוף, שלום־עליכמס קינדער־געשטאַלטן.

אַרויסצוברענגען געלונגענע קינדער־געשטאַלטן איז פֿאַרבונדן מיט אומגעהייערע שוועריקייטן. ניט איין טאַלאַנטירטער שרייבער איז דורכגעפֿאַלן. שלום־עליכם האָט אויף דעם געביט ניט בלויז גובר געווען די גרויסע שוועריקייטן, שלום־עליכם איז אויך אויף דעם דאָזיקן געביט קלאַסיש.

דער הויפּט־פֿעלער פֿון פֿיל שרייבער, אין ניט בלויז יידישע, איז באַשטאַנען און באַשטייט דערין, וואָס זיי האָבן קינדער באַטראַכט אַלס ק ל יי נ ע מענטשן. דערפֿון די שוועריקייטן, דערפֿון די דורכפֿאַלן. שלום־עליכם איז געווען כמעט דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אויפֿגעפּאַסט דאָס קינד, ניט אַלס ק ל יי נ ע ם מענטש, נאָר אַלס אַן אַ נ ד ע ר ן מ ע נ ט ש. דאָס איז אַ מענטש, וועלכער נעמט אויף גאָר אויף אַן אַ נ ד ע ר ן א ו פֿ ן ווי אַ דערוואַקסענער די ז ע ל ב י ק ע דערשיינונגען. דער מאַנגל פֿון לעבנס־דערפֿאַרונג, די נאָך שוואַכע פֿעיקייט דורכצופֿירן אַן אַנאַליז, מאַכן אַ פֿאַרגלייך, אַן אויספֿיר, פֿירט דערצו, אַז קינדער נעמען דערשיינונגען סטיכיש, אומיטלבאַר, עמפּיריש. אַ פֿינף־זעקס יעריק קינד, וואָס איז געזעסן אופֿן שויס פֿון זיין פֿאָטער בעת אַ שמועס מיט זיינעם אַ פֿריינד, האָט אויף דער באַמערקונג פֿון לעצטן, אַז זיין פֿאָטער האָט פֿאַרשטאָפּטע אויערן, אויב ער וויל זיך ניט צוהערן צו אַ געוויסער עצה זיינע — אויסגעדרייט דאָס פּנים צום פֿאָטער און אים געפּרוווט אַריינקוקן אין אויער אַריין. ס׳האָט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי זיין פֿאָטער האָט באמת עפּעס אין די אויערן. דאָס קינד איז ניט געווען אימשטאַנד נאָך

צו פֿאַרשטיין דעם אויסדרוק אַלס מעטאַפֿאָרע, עס האָט אים אויפֿגעפּאַסט סטיכיש, עמפּיריש, אוממיטלבאַר.

אַלע קינדער־געשטאַלטן ביי שלום־עליכמען זענען קודם־כל קינדער. די קרוין פֿון זיי איז מאָטל פֿון „מאָטל פּייסי דעם חזנס". אין דער קריטיק טרעפֿט מען גאַנץ אָפֿט די באַצייכענונג קינדער־טיפּן. אונדז שיינט, אַז שלום־עליכם האָט די דאָזיקע דעפֿיניציע צעשטערט. און דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, זיין גרויסער פֿאַרדינסט פֿאַר דער ליטעראַטור און פֿאַר דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע. אַוודאי זענען פֿאַראַן קינדער פֿון פֿאַרשידענע סאָציאַלע סביבות, פֿון רייכע עלטערן און אָרעמע עלטערן. קינדער פֿון נויט, דחקות און שוועריאָך און קינדער פֿריי פֿון די אַלע דאגות פֿון דערוואַקסענע. פֿאַראַן קינדער צעלאָזענע, צעבאַלעוועטע, גראָב־דערצויגענע דורך זייערע גבֿירישע עלטערן. די סאָציאַלע סביבה לייגט אָן ספֿק אַ שטעמפּל אויפֿן קינד. שלום־עליכמס גרויסער קינסטלערישער אויפֿטו באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס ער האָט באַוויזן, ווי אַזוי די סאָציאַלע סביבה באַמיט זיך אַרויפֿצוצווינגען איר שווערן פּאַנצער אויף דעם קינד, וואָס לעבט זיך אָבער אויס אין אַן אַנדער ווירקלעכקייט און וואָס באַנוצט זיך קעגן די אומאָנגענעמע פֿאַר אים נאָרמעס פֿון די דערוואַקסענע. למשל, מאָטלען שטאַרבט אָפּ זיין פֿאָטער פּייסי דער חזן. ווי זשע רעאַגירט דערויף מאָטל? ער איז גישט אימשטאַנד נאָך אויפֿצונעמען דעם פֿאַקט אַלס אומגליק. ער האָט זיך זיינע פֿאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט. ער האָט פּלוצעם דערפֿילט אַ נייע באַציִונג צו אים מצד אַלע אַרומיקע, ער האָט דערפֿילט אַ וואַרעמקייט, אַלע האָבן אויף אים רחמנות; אַלע קוקן אויף אים. אים האַלט זיך אַפֿילו, אַז אַנדערע קינדער זענען אים מקנא, און ער קומט צו זיין קינדערישן אויספֿיר: „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום". דאָס קינד לאָזט זיך נישט אָנבינדן די באַגריפֿן פֿון די דערוואַקסענע, עס האָט זיך זיין עמפּינדונגס־וועלט און מאַכט זיך זיינע אייגענע, פּשוטע, נישט־קאָמפּליצירטע, פּרימיטיווע אויספֿירן, וועלכע זענען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך צו די קאָמפּליצירטע אויספֿירן פֿון די דערוואַקסענע.

דעם גבֿירס קינד אין „ביים מלך אחשורוש" האָט גאָר אַן אַנדער פֿאַרשטעלונג וועגן די פּורים־שפּילער ווי זיין גבֿירישער פֿאָטער. בעת שלום־עליכם דערט וועגן גבֿיר אַלס „סאָבאַקע", ווייזט ער דאָס גבֿירישע קינד זייער סימפּאַטיש. עס גייט נאָך די פּורים־שפּילער, איז זיי מקנא, הלמאי עס קאָן נישט אָנטיילנעמען אין זייער שפּיל, גיט זיי הינטנאַרום צו עסן, טיילט זיך מיט זיי. אָדער נעמט די דערציילונג „דאָס מעסערל". ווי טיף שלום־עליכם איז אַריינגעדרונגען אין דער קינדערישער פּסיכיק, אין זייער אייגנאַרטיקער וועלט פֿון פֿאַרלאַנגען און איבערלעבענישן. שלום־עליכם האָט געניאַל אויפֿגעכאַפּט ד קינדער־וועלט. ער האָט, לויט אונדזער מיינונג, נישט געשאַפֿן און נישט געקאָנט שאַפֿן קיין קינ־

דער=טיפֿן, ווייל אַזעלכע זענען בכלל נישט פֿאַראַן אין דער נאַטור. סיי סאָציאַל, סיי פּסיכאָלאָגיש איז דאָס קינד נאָך נישט אויסגעפֿורעמט. שלום=עליכם האָט אונדז געוויזן, אַז קינדער זענען אַ באַזונדערע וועלט, אַן אַנדערע וועלט, אַ נאָך נישט געשטאַלטיקטע וועלט, וואָס לאָזט זיך באַאיינפֿלוסן, געשטאַלטיקן לויט דער סאָציאַלער סביבה פֿון די דערוואַקסענע, סיי לויט דעם אָרגאַניזירטן פּעדאַגאָגישן פּראָצעס, סיי לויט דעם נישט אָרגאַניזירטן, סטיכישן דערציִונגס=פּראָצעס פֿון דער גאַס. מחמת דעם, וואָס שלום=עליכם האָט אויפֿגעפּאַסט די קינדער=געשטאַלטן וואָר, עכט, נישט געפֿעלשט, איז ער אַלס גענויאַלער קינסטלער סטיכיש צוגעגאַנגען האַרט, נאָענט צו דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטישער אויפֿפֿאַסונג פֿון דער קינדער=פּסיכאָלאָגיע.

שלום=עליכמס טרעפֿלעכער צוגאַנג צו דער קינדער=וועלט נעמט זיך אויך פֿון זיין גרויסער ליבע צו קינדער. ווער ס'האָט ליב דאָס אַרבעטס=פֿאָלק, האָט ליב די קינדער=וועלט. דורכן אַרויסברענגען קלאַסיש דאָס לעבן און איבערלעבענישן פֿון קינדער האָט שלום=עליכם זיך נאָך אַמאָל באַוויזן פֿאַר אונדז ווי דער גרויסער הומאַניסט, ווי דער יעניקער שרייבער, וועלכער האָט דורך דער ריכטיקער, אמתער שילדערונג פֿון זיין נאָענטער פֿאַר אים סביבה, אַנטפּלעקט דאָס ריכטיקע בילד פֿון דער קינדער=נשמה. אויך דערפֿון זיין גרויסקייט, זיין אומשטערבלעכקייט, וואָס פֿאַרבינדט אים מיט דער אָנקומענדיקער וועלט פֿון סאָציאַליזם, ווו די קינדער פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק לעבן זיך אויס אומגעשטערט אין זייער אייגנאַרטיקער פֿאַר זיי וועלט.

י. ל. פּרץ

(שטריכן)

I. מענטש וועט נישט שטיין קעגן מענטש און נישט פֿאָלק קעגן פֿאָלק

דאָס באַווייזן זיך פֿון פּרצן אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַלט אויס אַן ערך אין סוף פֿון די אַכציקער, אָנהייב נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז דער יענער פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון דער רוסלענדישער געזעלשאַפֿט, ווען די „נאַראָדנישע“ באַוועגונג מיט איר אוטאָפּישן סאָציאַליזם לעבט איבער איר פֿאַנאַנדערפֿאַל־פּראָצעס.

צוליב דער האַשער אַנטוויקלונג פֿון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קומט פֿאָר אין באַדינגונגען, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין וועלט־מאַסשטאַב האָט שוין פֿאַרענדיקט זײַן ליבעראַל־פּראָגרעסיווע עפּאָכע און איז שוין אַרויפֿגעטראָטן אויף דער שוועל פֿון זײַן אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע — האָט די סאָציאַלע און אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פּאָלאַריזאַציע אין דער רוסלענדישער געזעלשאַפֿט אָנגענומען שנעלע טעמפּן. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק צווישן דער אינטעליגענץ. די רוסלענדישע אינטעליגענץ, אַ געקומענע פֿון פֿאַרשידענע פֿריִערדיקע קלאַסן און שיכטן, פּאָלאַריזירט זיך. געוויסע באַדײַטנדיקע טיילן וואַקסן אַרײַן אין דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, ווערן שפּעטער אַפֿילו די פֿירער פֿון דער ליבעראַל־בורזשואַזער קאַדעטישער פּאַרטיי, אַנדערע טיילן גייען צום פּראָלעטאַריאַט, ברעכנדיק מיט זיך פֿאַרוואָרטיילן פֿון נאַראָדנישן אוטאָפּישן סאָציאַליזם.

אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט קומט אייגנטלעך אויך פֿאָר דער דאָזיקער פּראָצעס אויף זײַן אייגנאַרטיקן אופֿן, אין די ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלע פֿאָרמען.

אין די נײַנציקער יאָרן קומט פֿאָר דער ענדגילטיקער פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון דער השכלה־באַוועגונג. די קלייןבירגערלעכע ייִדישע משׂכּילישע אינטעליגענץ, וועלכע סימפּאַטיזירט מיט דער נאַראָדנישער באַוועגונג, אָדער איז אַקטיוו אין איר, לעבט איבער אַ קריזיס. זי פּאָלאַריזירט זיך. געוויסע טיילן פֿון איר גייען אַוועק אין לאַגער פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע, ווערן טרעגער פֿון דער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע פֿון ציוניזם צווישן די ייִדישע דעקלאַסירטע קלייןבירגערלעכע מאַסן,

אַנדערע טײלן באַהעפטן זיך מיט דער אויפקומענדיקער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, מיט דער האָרעפּאַשנער ייִדישער פאָלקס-מאַסע, װעלכע טרעט אויף אַקטיװ צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג, פאַר פּאָליטישער פרײַהײט, פאַר דעמאָקראַטישע רעכט. די דאָזיקע געװעזענע משׂכּילישע אינטעליגענץ ברענגט מיט זיך, פאַרשטײט זיך, רעשטן פון איר פאַרנעפּלטן אוטאָפּישן סאָציאַליזם, װעלכן זי אידענטיפיצירט מיטן אידעאַל פון אַרבעטער-קלאַס.

מיר װעלן אָנמערקן אויף אײניקע װעזנטלעכע מאָמענטן פון פּרצעס לעבן און שאַפן, װעלכע זענען ענג פאַרבונדן מיטן דאָזיקן אידעאָלאָגיש-קינסטלערישן אויסגאַנגס-פּונקט.

אײן מאָל באַהאָפטן מיט די ייִדישע האָרעפּאַשנע פאָלקס-מאַסן, מיט זײערע נויטן און פאַרלאַנגען, מיט זײערע לײדן און שטרעבונגען, גײט פּרץ מיט זײ אויף זײער שװערן, דערנערפולן װעג, באַהעפט זיך פּרץ מיט די אידעען פון קאַמף פאַר פּאָליטישער פרײַהײט, פאַר דעמאָקראַטישע רעכט, פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלײזונג.

שאַרף קומט צום אויסדרוק די דאָזיקע פּאָזיציע פון פּרצן אין זײַנע קינסטלערישע און פּובליציסטישע שאַפונגען פון די 90-ער יאָרן. זײ פאַרמאָגן אין זיך בולט צװײ עלעמענטן — די אַנטפּלעקונג פון דער נויט און פּײַן און די ראָמאַנטיק פון סאָציאַלן יושר.

אויב בײַ פּרצן איז דער סאָציאַליזם געװען נישט קײן דורכגעטראַכטער, אַ פאַרנעפּלטער, אַן אוטאָפּיש-נאַיװער, איז אָבער זײַן קאַמף מיט דער פינצטערניש פון קלער, מיטן פעאָדאַל-אָלטפרענקישן לעבנס-שטײגער, מיטן שלעכטס, װאָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט, און מיט די טרעגער פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע געװען אַ קאָנקרעטער און אויסגעשפּראָכענער. פּרץ דערשײַנט אין יענעם פּעריאָד װי אַ קריטישער רעאַליסט און סאָציאַלער ראָמאַנטיקער.

װעגן פּרצעס אידעיש-קינסטלערישע אײַנשטעלונגען פון יענער צײַט דערצײלט אונדז ה. ד. נאָמבערג אין זײַנע זכרונות אָט װאָס:

„איך האָב געטראָפן פּרצן אין אַ צײַט, װען ער איז געװען באַרויִשט פון סאָציאַליסטישע אידעען, אמת, נישט גענוג קלאָרע און דורכגעטראַכטע. עס איז געװען באַלד נאָך די „יום-טוב-בלעטלעך“, אין אָנהײב פון דער אַרבעטער-באַװעגונג אויף דער ייִדישער גאַס. אַרום פּרצן האָבן זיך גרופּירט עטלעכע יונגע סאָציאַליסטן. צו זײ האָט געהערט אויך דוד פּינסקי, װאָס האָט אין די „בלעטלעך“ פאַרטראָטן שוין אַ „שטאַנדפּונקט“, אַ סאָציאַליסטישן. דער „בונד“ האָט זיך דעמלט נאָך נישט אָרגאַניזירט. פון די איבעריקע יונגעלײַט זענען געװען אָנהענגער און מיטגלידער פון דער פּ״ס און אויב איך האָב קײן טעות נישט, פון „פּראָלעטאַריאַט“, די ערשטע סאָציאַליסטישע

ארגאניזאציע אין פוילן". (יידישע ליטעראטור, כרעסטאמאטיע פון ליטעראטור און קריטיק. קאאפעראטיווער פארלאג קולטור-ליגע, קיעוו 1928, זייט 244). און ווייטער לייענען מיר ביי גאמבערגן:

„אין די „בלעטלעך" פארשווינדט דער אלטער משכילישער טאן אינגאנצן. דאס איז נישט קיין אויסנווייניקסטע ענדערונג, א צופאסונג צו די אומשטענדן. פרץ רייסט איבעווייניק איבער מיט די אידעען פון די ווארשעווער משכילים. ער ווערט אינערלעך פארפרעמדט פון דעם דור שרייבער, צווישן וועלכע ער לעבט. ער שטייט אין דער שארפסטער אפאזיציע צו דער גאנצער העברעישער פרעסע און ליטעראטור פון יענער צייט.

אין דער צייט, ווען איך האב אים געטראפן, איז נישט געווען קיין איין שרייבער, קיין שום ליטעראַרישע דערשיינונג, אחד העם צי י. ל. גארדאן, וואס פרץ זאל האבן דערפאר מער ווי עטלעכע קורצע ווערטער פון פולשטענדיקן ביטול" (דארטן, זייט 245).

אמת, אין די שפעטערדיקע יארן ווערט די סאציאלע ראמאנטיק נישט רעליעווער ביי פרצן. דעם וויסנשאפטלעכן סאציאליזם האט פרץ קיינמאל נישט דערקענט, אבער דערפאר ווערט זיין שארף קעגן קאפיטאליזם, קעגן די אומרעכט לגבי די יידישע הארעפאשנע מאסן, זיין שארף קעגן דעם יידישן קלער, יידישער ביוראקראטיע און איר נאציאנאליסטיש-ציוניסטישער אידעאלאגיע נישט אפגעשטומפט אויף קיין האר. דערפאר איז פרץ געווען דער שטענדיקער באגלייטער פון די יידישע פאלקס-מאסן אין זייער קאמף קעגן די רעשטן פון פעאדאלן, אלט-פרענקישן לעבנס-שטייגער, אין זייער קאמף קעגן קאפיטאליזם. דעריבער געהער פרץ צו אונדזער פראגרעסיווער ירושה.

אוודאי איז דער אידעיש-קינסטלערישער וועג פון פרצן נישט קיין גראדע ליניע פארויס.

נישט דערבליקנדיק ביזן סוף אינעם ארבעטער-קלאס די מעכטיקע קאלעקטיווע קראפט, וואס איז אימשטאנד איבערצואנדערשן דיווירקלעכקייט, פילנדיק די מאכטלאזיקייט פון דער יידישער הארעפאשנער מאסע צוליב איר סאציאלער צעשטויבטקייט, גייט פרץ טייל מאל אוועק פון דער ווירקלעכקייט — זוכט פרץ די שיינע, שטארקע גאנצע געשטאלט אין דער יידישער פארגאנגענהייט, אינעם פאלקלאר. ער שאפט זיינע „פאלקסטימלעכע געשיכטן". אבער אויך דארטן לעבט ער צווישן דער הארעפאשנער מאסע. זיינע אויסגעטרוימטע, שיינע געשטאלטן געפינט ער צווישן די פשוטע ארבעטס-מענטשן, פשוטע פאלקס-מענטשן. זיין נעגאטיווע באציונג צום יידישן קלער ווערט אבער נישט געענדערט, זיין פארלייקנדיקע באציונג צום קאפיטאליזם ווערט אויך נישט געענדערט. די ראמאנטיק פון דער צוקונפט ווערט אריבערגעטראגן אויף דער פארגאנגענהייט. עס איז אבער נישט פאראן קיין אידעאליזאציע פון דער פארגאנגענהייט.

אַפילו אין דער „גאָלדענער קייט“, ווו דער הויפּט־העלד איז דער רבי שלמה, וועמען פּרץ שענקט זיין סימפּאַטיע צוליב דער גאַנצקייט פון זיין כאַראַקטער, אַפילו אין דער „גאָלדענער קייט“ דערשיינט דאָך דער רבי שלמה אויפן פאָן פון דער דעגענעראַציע און אונטערגאַנג פון צדיקיזם, וואָס ווערט אַזוי בולט געשילדערט אינעם דראַמאַטישן ווערק. די אידעאַלע פערזענלעכקייט איז די אויס־געטרוימטע, די דעגענערירטע פּערסאָנאַזשן זיינען די ווירקלעכע.

דער דראַמאַטישער אָנשטרענג אַרויסצוברענגען אַ גאַנצע פערזענלעכקייט פון מיטלאַלטער קאָן אָבער נישט באַפרידיקן פּרצן, דעם קינסטלער און פּובליציסט, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין דער ווירקלעכקייט און ראַנגלט זיך מיט שלעכטס פון זיין צייט. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ קומט צו אַ הורכויסיקן אויפרייס פון אַלץ און אַלעמען.

אַוודאי איז דאָס דראַמאַטישע ווערק אַן אויסדרוק אויך פון די ירידה־שטימונגען צווישן דער יידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905. אַוודאי איז פּרץ אַוועק פון דעם רעאַליסטיש־ראָמאַנטישן סטיל אויף די וועגן פון דעקאַדענטישער סימבאָליק. „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ איז אָבער גלייכצייטיק אַ שאַרפע דעמאַסקירונג פון די פּאָליטישע, מאָראַלישע און ליטעראַרישע פאַרהעלטענישן אויף דער יידישער גאַס פון יענער צייט. פון קלער און פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבנס־סדר איז שוין אָפּגערעדט. — ער הוזקט פון אים אָפּ, ער מאַכט פון אים אויסצודרייען. דער בדחן פּראַוועט שטיק איבערן

„הייליקן שווינדל פון זיין ליבן נאָמענס געזינדל“.

אויפן קלויסטער און דער שול האָט ער איין באַצייכענונג:

„אייער גאָט — איז באַנקראָט“.

אַבער אויך די ווירקלעכקייט פון זיין צייט ווערט הורך פּרצן אַרונטער־געריסן.

פּרץ לאַכט אויס די נישטיקייט פון די אידעען פון סיימיסטן, ציוניסטן, בונדיסטן.

פּרץ האָט דערבליקט די קליינלעכקייט און נישטיקייט פון די יידישע פּאַרטיי־אישע קרעמלעך, ער האָט נישט געפונען אין זיי דאָס דערהויבענע, דאָס פירנדיקע דאָס איבערגעשטאַלטנדיקע. דערפון דער חוזק, דערפון דער שפּאָט. דערפון די אייגענע קרענקונג, פּעסימיזם.

אַוודאי האָט פּרץ נישט דערזען דאָס גרויסע, דאָס מעכטיקע, וואָס האָט געשטעקט אין פּראָלעטאַריאַט אלס צווישן־פעלקערלעכן כוח. פּרץ האָט אָבער אַפילו אין זיין סימבאָליק דעמאַסקירט דעם סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם און אַלע אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע, מאָראַלישע און ליטעראַרישע דערשיינונגען, וועלכע זענען מיט אים פאַרבונדן געווען. פּרץ האָט געזען אין יידישע לעבן אַ סך טומל פון די יידישע פּאַרטייען און גרופּן, קיין הויכע ווערטן האָט ער אָבער נישט געזען.

האָט ער זיך אָפּגעקערט פון זיי און זיי אויסגעחוזקט.

נישט אומזיסט האָט פּרץ געשריבן וועגן אָט דעם ייִדישן פּאַרטייאיש אײַנגעליגנט אויף אַן אַנדער אָרט:

„טראַגי־קאָמיש איז דער ייִדישער, היימיש־געבאַקענער און אָפּריכטיקער אינטעליגענט, וואָס ווייזט ראַדיקאַלע פויסטן דער גאַנצער וועלט, מאַכט באָמבן פאַרן פּויפּסט מיט אַלע קלויסטערס, שטריק פאַר אַלע שרים און מלכים, נאָר אַז סע קומט צו אים אַליין, ווערט ער פאַרציטערט...“

(„געדאַנקען און אידעען“, אַלע ווערק, באַנד 11, פאַרלאַג „ייִדיש“, אַרגענטינע, זייט 252).

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש, ווען עמעצער וואָלט מיינען, אַז פּרץ האָט זיך אַנטוישט אין די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, אָדער אין די אידעען פון פרייהייט און גערעכטיקייט. שוין נאָכן אָנשרייבן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ לייענען מיר ביי פּרצן:

„שלעכט אין דער קעגנוואַרט, די צוקונפט אָבער געהער צו מיר! אין אירע נעפּלען זענען מיינע אויגן באַהעפט, פון דאָרט וועט זיך אויסטיילן די פרישע זון פון אַ נייעם גערעכטן מאָרגן!“.

(„געדאַנקען און אידעען“, אַלע ווערק, באַנד 11, זייט 169).

דער דאָזיקער גלויבן אין „גערעכטן מאָרגן“ איז ביי פּרצן פאַרבונדן מיט זיין גלויבן בכלל אין מענטש און מיטבירגער פון לאַנד.

פּרץ האָט דעריבער פאַרטרויען צום פּוילישן אַרבעטער. רעדנדיק וועגן באָיקאָט פון דער ענדעציע, שרייבט פּרץ:

„דער אַרבעטער שטייט פון דער ווייטנס, דער ווירקלעכער פּאַטריאָט פון לאַנד פאַרברעכט די הענט. ער זעט די פערטע צעטיילונג פון פּוילן. אָבער די האָבן אין איצטיקן מאָמענט נאָך קיין דעה נישט. מען הערט זיי נישט, מאָרגן וועלן זיי קומען צום וואָרט“.

(דאָרט, זייט 142).

פּרצעס גלויבן אין פּוילישן אַרבעטער, ווי אינעם „ווירקלעכן פּאַטריאָט פון לאַנד“, וואָס וועט „מאָרגן קומען צום וואָרט“ איז דער יסוד פון זיין קאַמף פאַר אַ בעסער און שענער לעבן אין פּוילן, פאַר אַ בעסער און שענער לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן. אין קעגנזאַץ צו דער ציוניסטישער „גלות“־טעאָריע, טרעט פּרץ אַקטיוו אַרויס פאַר אַ מעגלעך צווישנפעלקערלעך צוזאַמענלעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג מיט דער פּוילישער. ער שרייבט:

„און נאָכאַמאָל מוזן מיר דערקלערן דער פּוילישער געזעלשאַפט, דער יונג־פּוילישער געזעלשאַפט, וואָס איז נישט קראַנק אויף הערש־זוכט, וואָס וויל נישט לעבן פון פויסט, נישט געניסן פון מאָנאָפּאָלן און פּריווילעגיעס:

— עס איז דאָ — זאָגן מיר איר — אין לאַנד א פרייער פלאַץ פאַר אייך און פאַר אונדז און גענוג אַרבעט פאַר אייערע און אונדזערע הענט. און אַרבעטן ווילן מיר מיט אייך האַנט-אין-האַנט; און סאָלידאַר אין אַלע לאָקאַלע עקאָנאָמיש-פאָליטישע אינטערעסן“.

(דאָרט, זייט 115).

צו זאָגן דאָס נישט קיין נביאישע רייד.

פרץ האָט געגלויבט אין מענטש, פרץ האָט געגלויבט אין די יידישע פאָלקס-מאַסן, פרץ האָט געגלויבט אין פוילישן אַרבעטנדיקן פאָלק. ער איז געווען דער פרייער גייסט, דער עכטער הומאַניסט.

איין מאָל זיך פאַרבונדן מיט די יידישע פאָלקס-מאַסן, האָט ער זיי טריי געדינט זיין גאַנץ לעבן מיט זיין קינסטלעריש און פובליציסטיש וואָרט, האָט געדינט מיט קאָנקרעטער טאַט.

פרץ האָט טיף געגלויבט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען

„מענטש וועט נישט שטיין קעגן מענטש און נישט פאָלק קעגן פאָלק,
קאַמף אום דאָזיין וועט זיין צווישן מענטש און נאַטור“.

II דער פובליציסט און קעמפער

פרץ איז געווען נישט בלויז דיכטער. פרץ איז געווען פובליציסט, קעמפער. אויף אַלע פאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין לעבן פון פוילן האָט ער רעאַגירט, צו אַלע גענומען שטעלונג, אַרונטערגעריסן דאָס אַלטע, דאָס פאַרשימלטע: שאַרף, בייסיק, מיט קראַפט, מיט טעמפעראַמענט; געקעמפט פאַר נייעס, פאַר בעסערס, פאַר שענערס, הגם נישט שטענדיק געהאַט די קלאָרע פאַרשטעלונג, ווי דאָס בעסערע און דאָס שענערע דאַרף אויסזען.

פרץ איז געווען דורכויס דעמאָקראַטיש. און ווייל ער איז געווען טעטיק קעמפעריש, האָט אים זיין דורכויסיקער דעמאָקראַטיזם סטיכיש צוגעפירט נאָענט צו דער סאָציאַליסטישער קריטיק פון דער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג.

דערפון פרצעס הומאַניזם.

מיר וועלן זיך באַמיען אַרויסצוברענגען איניקע עיקרדיקע פאָליטיש-סאָציאַלע איינשטעלונגען פון פרצן צו די פראָבלעמען פון זיין צייט. מיר וועלן זיי ווייניק וואָס קאָמענטירן, ווייל זייער אויסדריקלעכקייט רעדט פאַר זיך אַליין.

די נייניציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — איז דער אויפקום-פעריאָד פון אימפעריאַליזם. פרץ האָט דערבליקט מיט זיין שאַרף אויג די צעשטערערישע אייגנשאַפטן פון אימפעריאַליזם, באַזונדערס די אידעאָלאָגיע, וואָס

האָט געװאָלט די דאָזיקע צעשמעטערישע אײַנגעשאַפֿט באַרעכטיקן. אָט װאָס פּרץ האָט שױן דעמאָלט געשריבן װעגן מערבֿ־אײראָפּע:

„אין מערבֿ־אײראָפּע, צװישן שװער־באַװאָפֿנטע פֿעלקער, װאָס טעמען קױם אונטער דער שטאָלענער לאַסט; אין מערבֿ־אײראָפּע, װו די פּרעכע פֿון האַס צװישן פֿעלקער, רעליגיאָנען, ראַסן און קלאַסן רײַסט און בײַסט מיט װילדן כּעס דעם אײַזערנעם באַמאָרהגיק, װו די רעגירונגען נוצן אױס דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס דונער־אָפּלײטער פֿאַר די גאָלדענע פּאַלײַען, װו קינדער און קײט װאַרפֿט זיך אין װײַסטע הלומות פֿון דינאַמיט... אין מערבֿ־אײראָפּע באַמערקט זיך אַצינד אַ נײַע באַװעגונג...“.

(„אויפֿזאַצן און פֿעליעטאָנען“, זײַט 161).

און דאָ כאַראַקטעריזירט פּרץ די „פֿילאָזאָפֿיע“ פֿון ליפּערט־ספּענצער, די אידעאָלאָגישע פּאַרטײַער פֿון היטלעריסטישן און װאָל־סטריטישן אימפּעריאַליזם:

פּרץ האָט געשריבן:

„אַן אמתע נאַקעטע װאָלף־פֿילאָזאָפֿיע — אַלץ װענדט זיך אין דער פֿויסט. די װעלט איז אַ קנײַזש: װער ס'איז שטאַרקער, בײַסט פֿריער אַרײַן; װער ס'האָט אַ ברײטער מויל און בעסערע צײן, רײַסט אָפּ אַ גרעסער און בעסער שטיק...“.

(דאָרטן, ז. 163).

„אפֿשר שרעקט איר, װאָס דער שמאָף איז ברחדיק פֿון אָרעמען שװײס און רויט פֿון אומשולדיק בלוט? װאָס מאַכט עס אויס? פֿון דעם שמאָף קומען דאָך אַרויס אַזױנע שלאָפֿרעק, פֿרעק און זײַדענע קלײדער פֿאַר אַ צענטליך אויסהערװײלטע... אײביקע מלחמה, אײביקע קאָנקורענץ צװישן מענטשן, פֿעלקער און ראַסן; און מענטשן, פֿעלקער און ראַסן װעלן אַזױ לאַנג אַראָפּפֿאַלן װי פֿוילע עפּעלעך פֿון בוים, ביז עס װעלן בלײַבן סאַמע פֿעיקע מאַנטשעסטער־פֿאַבריקאַנטן!

איר פֿרעגט, צי דאָס איז מאָראַליש?

מאָראַליש? ענטפֿערט אײַך די פֿילאָזאָפֿיע „איז דען דאָ מאָראַליטעט?“

(דאָרטן, ז. 169).

פּרץ זעט די צעשמעטערונגס־קראַפֿט פֿון קאַפּיטאַליזם, ער זעט די פֿאַרברעכערישע פּאָליטיק פֿון די בורזשואַזע פּאַרטײען און רעגירונג. ער זעט, װיפֿל גוטס און מענטשלעכע ענערגיע װערן פֿאַרטאַבליעװעט דורך די װילדע צעשמעטערישע כּוחות. פּרץ האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די גרויסע פּאָטענציעלע כּוחות, װעלכע ליגן אין דער נאַטור, און װעלכע דער מענטש קאָן אויסנוצן, כּדי זײַן לעבן צו מאַכן בעסער און שענער. די גרויסע נאַטור־פֿאַרענדערונגען, װעלכע צײכענען דעם

אָנקום פון קאָמוניזם אין ראַטנפאַרבאַנד האָט פּרץ געזען אין זיין וויזיע פון די קומענדיקע דורות.

פּרץ האָט געשריבן:

„מיט דער צייט וועט דער מענטש אייננעמען, אַז די ערד קען דערנערן 10 מאָל אַזוי פיל מענטשן, ווי ס'איז דאָ אויף דער וועלט, אַז מיר דאַרפן אָנשטרענגען אונדזער אינטעליגענץ, נישט איינער זאָל דעם צווייטן אַרויסרייסן פון מויל, נאָר מער באַנוצן די נאַטור־קרעפטן, וואָס ליגן אונדז נאָך אין אַ קליינעם פּראָצענט. מען האָט געמיינט, אַז איינער וועט אַרויסנעמען די הענט פון צווייטנס טאַש, דער צווייטער וועט אויפהערן צו רייסן דעם ערשטנס נאָז, און זיי וועלן זיך ביידע נעמען צו די וואַסערפאַלן, וואָס רוישן, הילכן און בייזערן זיך, פאַרוואָס זיי פאַרלירן אַזוי פיל קראַפט אומזיסט...".

(דאָרטן, זייט 167).

פּרץ האָט קריטיקירט נישט בלויז די „פילאָזאָפיע", די „אידעאָלאָגיע" פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, ער האָט דערבליקט די קאָנקרעטע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם, און דעם דער קאַפּיטאַליזם האָט באַמיט זיך צו פּוצן אין ליבעראַלע פעדערן, דעם דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטאַריזם איז דורך דעם פּאַרטעטישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם באַטראַכט געוואָרן ווי דער העכסטער אויסדרוק פון פּאָליטישער הערשאַפט — האָט שוין פּרץ אַרונטערגעריסן פון אים זיינע אַלע שווינדלערישע שלייערן און אים אַנטפּלעקט אין זיין העסלעכער עקספּלואַטאַטאָרישער פּאָלקס־פיינטלעכער געשטאַלט.

פּרץ האָט געשריבן:

„דער ליבעראַליזם איז דורך גאַנץ אייראָפּע ווי אַ זאַראַזע. פרייהייט הייסט אַ רעכט צו מאַכן זיך מיט די עלנבויגנס אַן אָרט ביים טיש; ווײַלן — הייסט קויפן שטימען פאַר געלט און בראָנפן; פּאַרלאַמענטן זענען בעדזן, וווּ פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּירן, ווי די דעפּוטירטע פאַרקויפן איינער דעם צווייטן די געקויפטע שטימען מיט אַן אומגעהייער ראַבאַט... די „פרייע פּרעסע", דער שטאָלץ פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז אַ רינשטאָק פון בלאָטע און שאַנטאַזש...".

(דאָרטן, זייט 172).

צי איז עס נישט ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר הייַנט אין דער בורזשואַזער מערב־אייראָפּע און אַמעריקע.

אָדער לאָמיר נעמען פּרצעס באַציונג צום קלער, צום יידישן קלער בפרט. פּרץ האָט פיינט געהאַט גאָטס סטראַפּטשעס בתכלית השנאה. ער האָט זיי געזען אין זייער העסלעכער געשטאַלט פון זיין צייט, פּרץ האָט זיי געזען אין זייער דעגענערירטער אַנטוויקלונג.

פּרץ האָט געשריבן:

„פּרוּווט גיט אונזערע רבנים די ממשלה אין די הענט אריין, וועט איר שוין זען, ווי אַזוי די פּאָסטוכער פּאַשן די שאָף! און אַפילו היינט, אין היינטיקן דור, דאָ ביי אונדז, ווו דער רב האָט נאָר אַ פּראָווע אויף קידושין, מילה, און אַ שטרײַמל, האָט זיך דאָך געפונען אַ רבל, וואָס האָט אָפּגעמסרט זיין אייגן קהל מיט כלל ישראל צוזאַמען: אָן חב, קיטל און טלית שווערן אַלע ייִדעלעך פאַלש, וואָרן... וואָרן, אַז דער רב קומט צו דער שבועה, באַפּט ער אַ רובל פאַרן זאָג.

נעמט דאָס אייגענע רבל און שיקט עס איבער קיין ירושלים, גיט אים די ממשלה איבער קהל דורך דער חלוקה. גיט אים אַ שטיקל רעה ביים טערק, וועט ער... אַפילו שותפות מאַכן מיטן טערק אין „עבודת הבורא“. דער טערק וועט שלאָגן מיטן באַמבוס אין דער פּאָדעשווע אריין פון הינטן ארויף, דאָס רבל וועט קלאַפּן במקל ורצועה, מיטן שופר און שול־קלאַפּער אין קאָפּ אריין פון אויבן אראָפּ און אַזויערנאָך וועט זיך אַמבעסטן דער־האַלטן דאָס „פּיינטלעכע ייִד“ אינעם ייִדישן הארץ אין דער מיט“.

(האָרטן, זייט 32).

צי האָט פּרץ נישט אריבערגעקוקט אויף אַ גאַנצן האַלבן יאָרהונדערט אַרויס! צי זעען מיר נישט אין פּרצעס ווײַזיע דעם ייִדישן קלער פון ישראל, מיט דעם אונטערשיד בלויז, וואָס אַנשטאָט דעם טערק דינט ער זיך אויב בשותפות מיט דער ייִדישער בורזשואַזיע און מפּא“י דעם אַמעריקאַנער אימ־פּעריאַליזם, מיט דעם אונטערשיד בלויז, וואָס די באַמבוס־שטעקנס, מיט וועלכע מען שלאָגט ייִדישע ארבעטנדיקע נישט בלויז פון הינטן ארויף, נאָר איבער די קעפּ, פון אויבן אראָפּ — געפינען זיך אין די הענט שוין נישט פון גוייִשע טערקן, נאָר פון כשרע ייִדישע ציוניסטישע פּאָליציי־לייט!

פּרץ האָט געהאַט אַ שאַרף אויג, געווען קאָנקרעט אין דער אָפּשאַצונג. ער האָט זיך דעריבער נישט געלאָזט פאַרפירן פון די „סאָציאַליסטישע“ טעאָריעס פון „בונד“ און ציוניסטן־סאָציאַליסטן וועגן דער „דערלייזערישער“ ראָל פון דער קאָאָפּעראַציע אין קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. ער האָט אין איר נישט געזען קיין שום שטאַפּל פון סאָציאַליזם, ווי דאָס האָבן געוואָלט זען בונדאָווצעס און כלערליי ציוניסטישע סאָציאַליסטן. פאַרקערט, ער האָט זי באַטראַכט און מיט רעכט ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג. אָט וואָס ער האָט וועגן איר געשריבן:

„מען רופט צוזאַמען פופצן שניידער און מען מאַכט אַ שותפות. נאָר דער דאָקטאָר מיינט, אַז אַלע שניידער זאָלן זיך בינדן צו פופצן, עס זאָלן ווערן אַרטעלן און פאַראיינען, אַז דערמיט וועלן די אַרטעלן צווישן זיך פּונקט אַזוי קאָנקורירן ווי היינט די איינציקע שניידער. ס'וואָלט דערפון אפשר

געווען אַ טובה, נאָר נישט דעם בעל־מלאכה" („ליטעראַטור און לעבן", זייט 159).

ווי נעבעךדיק און אָרעם זעען אויס די פאַרשידענע „טעאָרעטיקער" פון „סאָציאַליסטישע" קבוצים אין קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען היינט אין ליכט פון פּרצעס ווייטזעעוודיקייט צוריק מיט פופציק יאָר.

אָדער לאָמיר נעמען די פרויען־פראַגע.

פּרץ האָט געשילדערט די קנעכטישע לאַגע פון דער פרוי אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט. ער האָט זיך געשטעלט אומצווייַדייטיק אויף איר זייט און געפאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר איר. פּרץ האָט געזען די סיבה פון איר פאַרקנעכטונג:

ער האָט געשריבן:

„דער קאָנסערוואַטיזם קלערט נאָך אויס פאַרשידענע תירוצים און טעאָריעס. דאָס ווייב איז באַשאַפן געוואָרן פון מאַנס ריפּ, איז פון דאַנען געדרונגען, אַז זי האָרף קיין גאַנצער מענטש נישט זיין! אַז אַ פרוי האָט בטבע מער געפיל אַלס שכל, מער געשמאַק אַלס כוח וכדומה. מען מאַכט זיך פאַרגעסן, אַז דאָס קומט אַרויס פון דער טויזנט־יאָריקער דערציונג, פון דער דומער דאַמען־טראַכט און נאָך און נאָך אַנדערע זאַכן". (דאָרטן, זייט 167).

זייער כאַראַקטעריסטיש איז פּרצעס באַציונג צו די מעטאָדן פון ענדערן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. פּרץ, וואָס האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט זיין איינשטעלונג, אַז די וועלט מוז געבויט ווערן לויט די פּרינציפּן פון קעגנ־זייטיקער אַכטונג און ליבע, האָט אָבער אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון דערציען האַס צו די שונאים פון דער מענטש־הייט. די ליבע צו מענטשן נעמט זיך פון דער שנאה צו די אוממענטשן. און דעם האַס האָט פּרץ באַטראַכט אַלס אויסדרוק־געפיל פון גערעכטיקייט־פּרינציפּ.

„דאָס, וואָס איר רופט האַס, איז ווירקלעך נישט מער אַלס גערעכטי־קייט". („אויפזאַצן און פעליעטאָנען", זייט 189).

פּרץ איז דעריבער געקומען קאָנסעקווענט צום אויספיר, אַז האַס האָט דעמלט אַ זין, ווען ער באַקומט אַ קאָנקרעטן אויסדרוק. האַס דאַרף זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר. דעריבער האָט פּרץ זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די היינטיקע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס איז געבויט אויף געוואַלד, מוז דורך געוואַלד אומגעוואָרפן ווערן.

„דאָס פרעכע אינסטרומענט, וואָס האָט שלעכט אַריינגעבלאָזן אין דער מענטשלעכער סימפאָניע, מוז פאַרשטומט ווערן... די האַרמאָניע, וואָס איז צעשטערט געוואָרן מיט געוואַלד, מוז צוריקגעשטעלט ווערן מיט גע־וואַלד" (דאָרטן).

באַזונדערס האָט פּרץ דערבליקט די ברוטאַלע געוואַלד אין אַמעריקע. דערפון זיין טיפער האַס צו דער מלוכה פון דאָלאַר, ווי אַלץ ווערט געמאָסטן לויטן דאָלאַר.

„צי האָט איר געהערט פון לעצטן באַן־שטרייק אין אַמעריקע? די אַרבעטער און דינער פון דער באַן האָבן געוואָלט אַ גרעסערן לוין, די באַלעבאַטים פון דער באַן האָבן נישט געוואָלט געבן, האָבן זיך די אַרבעטער מיישב געווען און אויפגעהערט צו אַרבעטן... דאָס הייסט אויף זייער לשון — אַ „שטרייק“... דאָס מחלוקת האָט לאַנג געדויערט, די אַרבעטער האָבן פאַר הונגער געמאַכט באַוועריעס, צעבראָכן וואַגאָנען, פאַרברענט סטאַציעס... די באַלעבאַטים האָבן געבעטן הילף ביים פּרעזידענט, מען האָט געשיקט סאָלדאַטן מיט ביקסן... מען האָט געשאָסן, עס איז בלוט פאַרגאָסן געוואָרן... נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט... אין אונדזערע צייטן הענגט דער ווערט פון אַ זאַך נישט אָפּ פונעם בלוט, וואָס זי האָט געקאָסט...

ביי אונדז גייען אַלע רעכענונגען, אַלע חשבונות אויף געלט! אויף געלט ווערט געשאַצט די אַרבעט, אויף געלט ווערן געשאַצט הענט און פיס, וואָס מען פאַרלירט ביי דער מאַשין, און אַפילו אַ גאַנצער לעבעדיקער מענטש, אויב ער ווערט אַמאָל צעקוועטשט צווישן אירע ציין... בפרט אין אַמעריקע, וווּ מען שאַצט אויף געלט אַפילו אַ קוש, וואָס אַ מיידל קריגט אַן איר גוטן ווילן...“ (דאָרטן, זייט 284).

צי קאָן מען נאָך געבן אַ מער צעשמעטערנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישן „לעבנס־סטיל“, ווי דאָס האָט געטאָן פּרץ.

עס איז נישט געווען קיין שום געביט פון סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן, וווּ פּרץ זאָל נישט האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך פאַר פּראָגרעס און קעגן רעאַקציע, וווּ ער זאָל נישט האָבן דעמאַסקירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

פּרץ אַלס פּובליציסט איז דעריבער אין דער ערשטער ריי — דער אומברחמנותדיקער דעמאַסקירער.

און גלייכצייטיק דער גרויסער מענטשן־פריינד, דער וויזיאָנער פון דער שענערער צוקונפט, וואָס וועט אויסגעקעמפט ווערן דורכן פּראָלעטאַריאַט.

און אַפילו דאַן, ווען פּרץ האָט נישט גענוי באַנומען די ראָל פון אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט געצאָלט צינזן זיין אָפּשטאַמונגס־סביבה און האָט געבראַכט צום אויסדרוק ספיקות וועגן די אופנים פון וועלט־אויסלייזונג — האָט ער געשריבן:

„מיין האַרץ איז מיט אייך.

מיין אויג ווערט נישט זאַט פון אייער פלאַמענדיקער פאָן; מיין אויער ווערט נישט מיד, הערנדיק אייער מעכטיק געזאַנג.

מיין האַרץ איז מיט אייך: זאַט דאַרף זיין דער מענטש און ליכטיק דאַרף אים זיין.

...און פריי מוז ער זיין און האָבן איבער זיך צו שאַפן, איבער זיך און איבער זיין אַרבעט" (דאָרטן, זייט 265).

דער נצחון פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד, די גרויסע דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער בוויונג אין פוילן און אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער זענען די רעאַליזירטע טרוימען פון י. ל. פרץ.

III זיין ירושה

די רעאַקציע באַמיט זיך צו אוזורפירן אַ נאָמען פון אַ שרייבער, וואָס איז ליב און טייער דעם פאָלקס־מענטש, פאַר זיך, פאַר איר שוואַרצער פאַן, אויסהויליגנדיק דערביי פון אים זיין קאַמפס־גייסט, זיין פּראָגרעסיוון אינהאַלט.

אַזוי האָט געטאָן די יידישע רעאַקציע מיט י. ל. פרץ.

די עיקרדיקע פונקציע פון דער דאָזיקער צביעות באַשטייט אין מאַכן פאַר־געסן די פּראָגרעסיווע אידעען פון פרצן, זיין קאַמף.

ס'איז דעריבער די אויפגאַבע פון דער מאַרקסיסטישער קריטיק אַרויסצו־ברענגען פרצעס אידעען און איינשטעלונגען.

פרצעס ירושה איז זייער גרויס. מיר וועלן זיך דעריבער באַגרענעצן צו זיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור, קריטיק און טעאַטער.

פרץ און סטאַגנאַציע זענען אייביקע שונאים געווען. פרץ האָט שטענדיק געזוכט דאָס נייע, געקעמפט פאַרן נייעם. ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז דער דיכטער מוז זיין פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט, דער דיכטער האַרף אָפּשפּיגלען דאָס קאָנקרעטע לעבן.

פרץ האָט געשריבן:

„די דיכטונג מוז זיין לעבן. מיר זוכן דעם דיכטער. מיר זוכן די שעפונג. און אויך זוכן מיר ביים דיכטער, נישט די פאַרגאַנגענהייט, באַ־שפּיגען אין גאָלד באַוועבט. מיר זוכן ביי אים דאָס נייע לעבן..."

(דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער, „ליטעראַטור און לעבן", פאַר־לאַג ב. קלעצקין, וואַרשע 1926, זייט 11).

פרץ איז געווען אַ שונא פון נאַטוראַליזם. ער האָט פאַרלאַנגט פון דיכטער אַריינצודרינגען מיט זיין דיכטעריש אויג אינעם מהות פון זאַכן און דערשיינונ־גען, ער האָט פאַרלאַנגט אידעישקייט פון דיכטער, ער האָט פאַרלאַנגט פון אים וועלט־אָנשויונג.

מיר לייענען ביי פּרצן:

„אָבער זען וויל מען מיטן אויג פון קינסטלער, און דאָס קינסטלערישע אויג זעט די ווירקלעכקייט, נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר פיל ווירקלעכער, וואָרום ער זעט איר אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציונג און אָפּהענגיקייט פון דער נשמה פון דער וועלט און מיט דעם, וואָס טוט זיך הינטער די קוליסן פון דער וועלט און אָפּהענגיקייט פון קינסטלערישער וועלט־אָנשויונג“ („גע־האַנקען איבער ליטעראַטור“, „אויפזאַצן און פעליעטאָנען“, 9־טער באַנד, זייט 302).

פּרץ האָט פאַרלאַנגט פּרינציפּיעלקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז קעגנזעצלעכע אידעען קאָנען נישט האַרמאָניש הויזן צוזאַמען, נאָר מוזן זיך קעגנזעצלעך באַ־קעמפן. פאַר דער דאָזיקער איינשטעלונג פּרצעס איז כאַראַקטעריסטיש אַן אינ־טערעסאַנטער פאַל. אין 1910 יאָר האָט געזאָלט אַרויסגיין אַ זאַמל־בוך „בוך און פייער“. פּרץ איז נישט מסכים געווען מיטן כאַראַקטער פון בוך און געשטעלט באַדינגונגען, אונטער וועלכע ער וואָלט געקאָנט אַריין אין רעדאַקציע־קאָמיטעט.

„צו מיין ערשטוינען — שרייבט פּרץ — בין איך געוויר געוואָרן, אַז קעגן מיין ווילן בין איך געוויילט געוואָרן (דורך וועמען?) אַלס מיטרעדאַק־טאָר פון טיט־געבוירענעם רעדאַקציאָנס־קאָמיטעט פון „פייער און בוך“...

אינטערעסאַנט איז נאָך דאָס, וואָס דער קאָמיטעט באַשטייט פון מיטגלידער, מיט אַזוינע פאַרשידענע עטיש־עסטעטישע פיזיאָנאָמיען, אַז עס איז גאָר אומנמעגליך, ער זאָל פעיק זיין צו וואָס עס איז געמיינזאַמער אַרבעט“ („ליטעראַטור און לעבן“, זייט 285. אונטערגעשטראָכן דורך אונדז).

ס'איז דעריבער אַזוי פאַרשטענדלעך פּרצעס קאַמף קעגן דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פון שרייבער, וועלכע האָבן געפּרוווט מאַכן פון ליטעראַטור אַ מסחר. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט פּרץ געמוסרט בערדיטשעווסקין, ווייל פּרץ האָט אויפגעפאַסט די ליטעראַטור אַלס געזעלשאַפטלעכע שליחות, וועלכע דאַרף דינען דעם פאָלק. דער שרייבער איז נישט קיין פּריוואַט־מענטש, וועלכער טוט זיין אַרבעט אָפּגעריסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט איפּערגונג שרייבט דעריבער פּרץ:

„וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן? פּריוואַט לעבט אַ מענטש אין אַ מדבר. פּריוואַט לעבט אַ פּרוש אין וואַלד, אפשר נאָך אַ פאַרצייטיקער בטלן הינטערן בית־המדרש־אויוון. אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל נישט פּריוואַט. העד, וואָס טוט עפּעס — בפרט דער, וואָס שרייבט, — לעבט געזעלשאַפט־לעך, עפנטלעך, דער מוז זיין נוצלעך, אָדער שעדלעך...“ (האָרטן, זייט 60).

ווי הויך פּרץ האָט געשאַצט די געזעלשאַפטלעך־דערציערישע ראָל פון שרייבער!

שרייבן איז אַ וויכטיקע פּאַראַגמוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. פּרץ האָט אַרויסגעבריסן די דעקאַדענטישע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דער בירגערלעכער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט נישט געהאַלטן פון קונסט לשם קונסט. ער האָט די שרייבערישע טעטיקייט פון קינסטלער געשאַצט לויט דער קריטעריע פון נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון פאָלק. דערפון זיין פּרינציפּיעלקייט לגבי די נייע ליטעראַרישע דערשיינונגען פון אַלגעמיינעם און פון יידישן לעבן אין פּוילן.

אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג האָט פּרצעס מיינונג וועגן דער שעפערישער געזעלשאַפטלעכער ראָל פון דער ליטעראַרישער קריטיק. ווי צאַפּלדיק אַקטועל עס קלינגען פּרצעס ווערטער, געשריבן מיט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט צוריק:

„...עפנטלעכע קריטיקירט דאַרף ווערן אַלץ און פריער פאַר אַלע דער שרייבער: ווער עס רעדט צום פּובליקום, געהערט דעם פּובליקום! דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָפּציען דעם טלית פון די, וואָס שטייען ביים עמוד, ביים שולחן און ווייזן אים, ווער עס בעט פאַר אים, ווער עס בלאָזט פאַר אים שופר!

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: קריטיקירן דאַרף מען דאָס ווערק, נישט דעם אויטאָר. הייגט — דעם אויטאָר, צוליב דעם ווערק! ווייל דאָס פּרצוף־פּנים פון באַהאַלטענעם אויטאָר קריכט אַרויס פון זיין ווערק פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות! ווי ער זאָל זיך נישט פאַרשטעקן, וועמען און וואָס ער זאָל הייסן רעדן, וואָס ער זאָל נישט וועמען לייגן אין מויל אַריין — ער רעדט עס, זיין האַרץ זאָגט עס!" (דאָרטן).

ווי טיף פּרץ האָט באַנומען די געזעלשאַפטלעך־דערציערישע ראָל פון דער ליטעראַרישער קריטיק! מיר פילן דעם איינפלוס פון די קאָריפייען פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק, פון די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און אַנדערע. פּרץ דערשיינט דאָ ווי אַ וויזיאָנער, וואָס האָט אַריבערגעקוקט אין דער צוקונפט אויף דורות.

פּרץ איז עכטער הומאַניסט.

פּרץ איז געווען אַ קעמפערישע פּערזענלעכקייט, פיינט געהאַט יעטוועדער שימל סיי אין לעבן, סיי אין דער ליטעראַטור.

פּרץ האָט יעטוועדע נייעס באַגריסט, געווען גאָוואַטאָריש, דעריבער איז ער געווען שטענדיק קאָנקרעט.

פּרץ האָט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם נישט געקענט, פּרץ איז אָבער געווען אַ ס ט י כ י ש ע ר ד י אַ ל ע ק ט י ק ע ר:

„אַלץ, וואָס געשעט — האָט ער געשריבן — געשעט אין רוים און צייט...

אויפן פּלאַץ איז דאָס געשעענע, דאָס שטאַנדהאַפטע, פעסטע, און דעריבער דאָס פאַרגליווערטע און געפרווירענע, דער היינט, וואָס דאַרף און מוז אונטערגיין...

די צייט איז פאַרענדערונג, זי בייט, אַנטוויקלט; זי איז דאָס אייביקע אויפשפּראָצן, אויפבליען, דער אייביקער מאָרגן...“ („אויפזאַצן און פעליעטאָנען“, זייט 267).

פּרץ האָט נישט בלויז דעפינירט די ראָל און אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור-קריטיק. ער האָט זי אויך מייסטערהאַפט אָנגעווענדט. זיינע קורצע קריטישע מיינונגען וועגן יידישע שרייבער זענען דעריבער פון אַ הויכער וויסנשאַפטלעכער באַדייטונג.

אין מענדעלען האָט פּרץ תיכף דערבליקט נישט דעם ליבעראַלן משכּיל, וואָס זאָרגט זיך וועגן בילדונג פאַרן המון-עם, נאָר דעם משכּיל-דעמאָקראַט, וואָס רוקט אַרויס אויפן ערשטן אָרט דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם. ער שאַצט הויך מענדעלען דערפאַר, וואָס ער האָט דער ערשטער דערזען און געשילדערט די עקספּלואַטאַציע אין דער יידישער סביבה און די אויפקומענדיקע בורזשואַזע יידישע אינטעליגענץ. זאָס האָט געזוכט צו מאַכן קאַריערע אויפן רוקן פון יידישן האָרעפּאַשניק.

אין זיבן געדרוקטע שורות זאָגט פּרץ דעם תמצית וועגן מענדעלען:

„ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משכּילים און קולטור-טרעגער געזאָגט: „פון רעפאָרם, רעדט איר, פון השכּלה — דאָס פאָלק וויל ברויט“. און דער ערשטער, וואָס האָט דערזען דעם קהלשן בעל-טובה אין זיין ווירקלעכער געשטאַלט און דעם אינטעליגענט פון זיין דור — בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער קליאַטשע“ („ליטעראַטור און לעבן“, זייט 70).

אַנדער די טרעפלעכע אָפּשאַצונג פון שלום-עליכמען, וועלכן פּרץ האָט געגעבן.

רעדנדיק וועגן שלום-עליכמען, איז פּרץ געשטעלט געוואָרן פאַרן פּראָבלעם פון הומאָר. ער האָט געמוזט געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער קינסטלערישער און געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג פוי דער דאָזיקער פאָרם; און ער האָט געגעבן.

פּרץ האָט אין הומאָר דערזען די יענניקע קינסטלערישע פאָרם, וועלכע האָט די סאָציאַלע פונקציע פון אַנטפּלעקן דאָס פוילע, פאַרשימלטע און קראַנקע אין לעבן, כּדי דורך דער אַנטפּלעקונג ברענגען עס צום באַוווסטזיין פון דער געזעלשאַפט, פון יענע פאַקטאָרן אין דער געזעלשאַפט, וועלכע זענען אימשטאַנד דאָס פוילע, פאַרשימלטע און קראַנקע צו באַזייטיקן פון לעבן. פּרץ באַנעמט אַזוי אַרום הומאָר גאַנץ קאָנקרעט און קאָנסטרוקטיוו. אַנטפּלעקן דאָס פוילע, כּדי צו בויען געזונטס, נייעס, מנחם-מענדל מוז פאַרשווינדן — אַזוי האָט פּרץ פאַרשטאַנען דעם געזעלשאַפטלעכן רעזולטאַט פון שלום-עליכמס הומאָר.

פּרץ האָט געשריבן:

„דער אָפּלאַכער שפּילט זיין גרויסע סאָציאַלע ראָלע — ער איז דער שימל־אָפּקראַצער. נאָכן אָפּקראַצן דעם שימל זעט זיך אַרויס דאָס פֿוילע, דאָס קראַנקע — וועלן זיך שוין געפֿינען הענט צו באַזייטיקן, און דערנאָך הענט צו פֿאַרבויען.

אַז אָפּלאַכער איז שלום־עליכם.

לאַכט ער אויס דאָס גוטע? דאָס געזונטע? דאָס שטאַרקע אין אונדז? און ביי אונדז? ער לאַכט אויס די לופֿטשליינגעדיקע נעוודניקעס און תוהו־ובוהו. זיי ווערן דורך אים אַנטפּלעקט, אַנטפּלעקטע מוזן זיי גיין... אַוועק־גיין..." (דאָרטן, זייט 33).

די דאָזיקע שפּעטערישע קריטיק האָט פּרצן דערנענטערט צו דער סאָציאַליס־טישער קריטיק.

טרעפֿלעך האָט פּרץ אָפּגעשאַצט אויך אַשן.

שוין אין יאָר 1907 האָט פּרץ געזען אין אַשן דעם נישט דורכשניטלעכן טאַלאַנט, אָבער ער האָט אין אים שוין דערבליקט דעם יעניקן שרייבער, וועלכער איז פֿעיק דעם טאַלאַנט צו ברענגען אַלס קרבן אויפֿן מזבח פֿון גאָלדענעם קאַלב. פּרץ האָט געשריבן:

„פֿון אַשס ליכט־זייטן האָרף מען הייַנט שוין נישט רעדן... עס איז שוין צייט העריבער פֿון אַשס פֿעלערן צו רעדן. וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער דער שאָטן, און וואָס טאַלאַנטפֿולער דער דיכטער — אַלס שעד־לעכער, — וואָרום צו אַלעם ערשטן — אָנשטעקנדיקער זיין פֿעלער... און נישט קיין גרינגע זענען אַשס פֿעלערן. סצענישע עפֿעקטן און אַ חנדל צו יענעם צד, איבער דער יידישער גרענעץ אַריבער" (דאָרטן, זייט 97).

ווי מיר זען, האָט פּרץ אין זיין קריטיק איבער אַשן באַריהרט אַן אַלגעמיין קונסט־פּראָבלעם, נעמלעך דאָס פּראָבלעם פֿון נוצלעכקייט און שעדלעכקייט פֿון קונסט. פּרץ האָט דערמיט אַרומגעריסן די „אומבאַרירלעכקייט" פֿון דער קונסט, וועלכע איז געפּרעדיקט געוואָרן דורך פֿאַרשידענע דעקאַדענטן. גראָד ווייל פּרץ האָט הויך געשאַצט די באַדייטונג, דעם באַווירקונגס־כאַראַקטער, אָנשטעקנדיקייט (אין זין פֿון איהעישער אָנגעזעטיקטקייט) פֿון דער קונסט — האָט ער אויך אין איר געזען די מעגלעכקייט פֿון שעדלעכער ווירקונג און איז קעגן דער שעדלעכקייט אַרויסגעטראָטן.

פּרץ האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פֿון עפֿנטלעכער קריטיק פֿון אַשן גראָד אין פֿעריאָד פֿון אַשס גרויסן דערפֿאָלג.

אויך גאָרדינען האָט פּרץ אָפּגעשאַצט פֿון זיין קריטיש־געזעלשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט.

„גאָרדין — האָט געשריבן פּרץ — שטייט אויף דער גרענעץ צווישן „שונד“ און קונסט: נענטער צו קונסט, אָבער אינגאַנצן פון מעלאָדראַמאַטישע סצענעס קאָן ער נישט אָפּלאָזן“. פּרץ וואַרפט פאָר גאָרדינען, אַז ער איז אַן „אַמעריקאַנער טעאַטער־שטיק־מאַכער“.

פּרץ האָט דעריבער אויפגעכאַפּט די דעמאָראַליזירנדיקע און צעלייגערישע ווירקונג, וואָס אַמעריקע האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויפן יידישן טעאַטער און יידישער ליטעראַטור. שוין דעמאָלט האָט פּרץ דערזען דעם אָנהייב פון דעם אַלץ, וואָס איז היינט אויסגעוואַקסן צו ליטעראַרישן וואַנדאַליזם און געגנסטעריזם.

די קאַמפּס־ירושה, וועלכע פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט, נעמען מיר אַריין אין אַרסענאַל פון די כלי־זיין, מיט וועלכע מיר פירן אונדזער קאַמף קעגן די צעשטערונגס־פּלענער פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און זיינע יידישע משרתים, ווו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפינען.

באַמערקונגען וועגן דער היינטצייטיקער פּוילישער פּראָזע

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פֿאַראַנקערט זיך אַלץ פֿעסטער אין דער היינטצייטיקער פּוילישער פּראָזע אַלס איר הויפּט-מעטאָד. פֿאַרשידן זענען זיינע אַנטוויקלונגס-ריכטונגען. אין אַלגעמיינע שטריכן לאָזן זיך אָנמערקן צוויי הויפּטשטרעמונגען:

א) דאָס איז די שילדערונג פֿון דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט, פֿון די טיפֿע סאָציאַל-ווירטשאַפֿטלעכע ענדערונגען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען און קומען פֿאָר אין לאַנד, פֿון דעם פֿאַרביטערטן קאַמף, וועלכן ס'פֿירן די אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זייער פּאַרטיי קעגן די אַלטע, אָפּשטאַרבנדיקע רעאַקציאָנערע כוחות, די שילדערונג פֿון דעם גיגאַנטישן סאָציאַליסטישן איבערבוי-פּראָצעס.

ב) דער צווייטער שטראָם, וואָס כאַראַקטעריזירט די היינטצייטיקע פּוילישע פּראָזע איז די שילדערונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג, פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן. דער צווייטער שטראָם נעמט אַרום אַ צייט-אָפּשניט פֿון צוויי עיקרדיקע פּעריאָדן:

1) די שילדערונג פֿון לעבן און קאַמף פֿון פּוילישן אַרבעטער-קלאַס אין דער צייט, ווען פּוילן איז נאָך געווען אַ טייל פֿון דער צאַרישער אימפּעריע. דאָ קומען אין באַטראַכט דערהויפּט די שאַפֿונגען פֿון לוציאַן רודניצקי „סטאַרע אי נאָווע“ (דאָס אַלטע און דאָס נייע) און פֿון לעאָן וואַזשיקי „יוטראָ בענדזשיע ליעפּיעי“ (מאָרגן וועט זיין בעסער). די דאָזיקע שאַפֿונגען זענען געבויט דערהויפּט אויף פּערזענלעכע איבערלעבונגען, זיי טראָגן אַ מעמואַרן-כאַראַקטער.

2) די שילדערונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פֿאַרמלחמהדיקן בורזשואַז-פּריצישן פּוילן.

צו די ווערק פֿון דעם מין געהערן: „פּאַמיאָנטקאַ ז צעלולאָזי“ (דער אָנדענק פֿון צעלולאָזע) פֿון איגאָר נעווערלי; די נאָוועלן „ווידזעניע“ (די זעונג), „טשי

גאַפּישע פּאָוויעסץ" (צי כ'וועל אָנשרייבן א דערציילונג) פון דער זאַמלונג דערציילונגען אונטערן נאָמען „ווידזעניע" און „ליסטי ז אָפּאָלאַ" (א בריוו פון אָפּאָלע) — פון סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי; „זשעטשיוויסטאָשטש" (די ווירקלעכקייט) פון יעזשי פוטראַמענט; „קאָמונא. מיאַסטאַ לאָמזשי" (די קאָמונע פון דער שטאָט לאָמזשע) פון לעאָן פּאַסטערנאַק; „מאַטקאַ אי סין" (די מוטער און דער זון) פון אַלבין באָברוק; „זשיטשע זאַ דניוווקען" (דאָס לעבן פאר א טאָג=לוין) פון מאַדעוש פעליס. די לעצטע צוויי שאַפונגען זענען געבויט אויף פערזענלעכע זכרונות.

מיר וועלן זיך באַשעפטיקן בלויז מיט דער טעמע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, באַהאַנדלענדיק איניקע פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

דאָס אייגנטימלעכע פון די דאָזיקע ווערק איז צווישן אַנדערן דער פאַקט, וואָס יעדעס פון זיי שילדערט א באַזונדערע סביבה. יעדער מחבר האָט זיך פאַרמאָסטן צו שילדערן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער=באַוועגונג אין פאַרמלחמהדיקן פוילן פון אַזאַ זייט, וועלכע איז אים נענטער געווען, וועלכע ער קען צום בעסטן, מיט וועלכער ער איז עמאָציאָנעל מער געבונדן געווען, ווו זיין דערפאַרונג דירעקטע און אומדירעקטע איז א גרעסערע געווען. דערפון איז א טאָפּלטער נוצן. ערשטנס, גיט שוין די טעמאַטיק אליין א גאַראַנטיע פון זעלבסט=דיסציפּלין, פון שטיין נאָענט צום לעבנס=אמת, פון קענען בעסער דעם לעבנס=אמת. צווייטנס, גיבן אונדז די באַזונדערע שילדערונגען אין זייער סך=הכל א פאָרשטעלונג וועגן דער אַלגעמיינקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיי ווייזן אונדז, ווי טיף און ברייט ס'האָבן געגרייכט די באַפרייערישע אידעען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן. ניטא געווען אין פוילן אַזאַ אַרבעטנדיקע סביבה, ווו ס'זאָל ניט האָבן דערגאַנגען דאָס אויפקלערערישע רעוואָלוציאָנערע וואָרט, ווו ס'זאָל ניט האָבן דערגאַנגען די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אַלע אַרבעטנדיקע שיכטן זענען אַרויסגעבראַכט. מיר האָבן פאר זיך די אייגנטלעכע אַרבעטער=סביבה ביי דער פּראָדוקציע, מיר וואָלטן געזאָגט: דעם צענטראַלן קאַמפס=אָפּשניט פון אַרבעטער=קלאַס. מיר זעען ווי אַזוי די באַוועגונג דרינגט אַריין אין פּוילישן דאָרף; צווישן דער אינטעליגענץ; מיר זעען דעם קאַמף און מאַרטיראָלאָגיע פון דער באַוועגונג פאַרשפּאַרט הינטער די תפיסה=קראַטן; מיר זעען זי צווישן די אַרבעטלאָזע.

הגם ביי איניקע אויטאָרן (נעווערלי, באָברוק) שטעקט דער אָנהייב פון דער שילדערונג פון זייערע געשטאַלטן אין די צוואָנציקער יאָרן, דאָך פאַלן אויס די צענטראַלע געשעענישן און די פולשטענדיקע אויספורעמונג פון די געשטאַלטן אין סיטואַציעס אין אַלע שאַפונגען אויף די דרייסיקער יאָרן, ערב און נאָכן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. ס'איז יענער

פעריאָד פון פוילנס געשיכטע, ווען דער פאשיזאציע=פראָצעס איז געוואָקסן מיט
יעדן דראַקאָניש מאָסמיטל, וואָס די סאַנאַציע האָט אָנגענומען קעגן די פאָלקס=
מאַסן. די ברייטע פאָלקס=מאַסן ענטפערן אויפן פאַשיסטישן טעראָר און אויף
די מלחמה=צוגרייטונגען מיט א קאָנטער=אָנגריף. דער רוף פון דער קאָמפּאַרטיי
צו שאַפן דעם איינהייטלעכן און פאָלקס=פראָנט באַקומט אַלץ מער אָנהענגער
צווישן די אַרבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף און שטאַרקט אָן אויך די אינטע=
ליגענץ. צווישן איר קומט פאָר אַ שטאַרקער פערמענט. די פאַרשטאַרקטע עקספּלו=
אַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און די סאַנאַציע=פּאָליטיק פון איבערליפערן
פוילן אין די הענט פון היטלערן דעמאַסקירט פולשטענדיק דאָס פאָלקס=פיינטלעכע
און נאַציאָנאַל=פאַרעטערישע פּרצוף פון די פוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן. איבער
דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד צעגיסט זיך אַ כוואַליע פון עקאָנאָמישע
און פּאָליטישע קאַמפן, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, גאַס=קאַמפן און באַרי=
קאַדן (קראָקע, לוואָוו). די סיטואַציע אין לאַנד ווערט א געשפּאַנטע, א דראַמאַ=
טישע.

ס'איז דעריבער געזעצלעך, וואָס נעמענדיק אַלס טעמע די רעוואָלוציאָנערע
באַוועגונג אין בורזשואַז=פאַשיסטישן פוילן האָבן אַלע מחברים פאַרקערפּערט
קינסטלעריש די דרייסיקער יאָרן, וועלכע האָבן מיט זייער געשפּאַנטקייט, דראַ=
מאַטישקייט און אינהאַלטרייכקייט פון פאַרלויף געגעבן זיי פיל לעבנס=שטאָף
פאַר קינסטלערישער געשטאַלטיקונג.

נעווערליס ראָמאַן „דער אָנהייב פון צעלולאָזע" איז אָן שום ספק די
געלונגענסטע קינסטלערישע פּאָזיציע פון דעם מין אין דער היינטצייטיקער פוילי=
שער פּראָזע. דער מחבר פירט אונדז אריין דירעקט אין דער געדיכטעניש פון
דער פוילישער אַרבעטער=מאַסע, ברענגט ארויס די פאַרשידנאַרטיקייט פון איר
סאָציאַלער סטרוקטור. נעווערלי ווייזט אונדז דאָס סאָציאַלע געוועב פון פוילישן
אַרבעטער=קלאַס נישט סטאַטיש, נאָר אין דינאַמישן פּראָצעס פון זיין כסדרדיקער
פאָרמירונג, פון כסדרדיקן וואַקסן, אָנוואַקסן, קאָנסאָלידאַציע, און פּראָצעס פון
פּאָליטישן רייף=ווערן און פּאָליטישער אָרגאַניזירונג. נייע דעקלאַסירטע שיכטן,
דערהויפּט פון דער דאָרפישער אָרעמקייט, פון אָנערדיקע פויערים פאַרפולן די
רייען פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, הגם די פּלאָג פון אַרבעטלאָזיקייט, פון דער
צווייטער זייט, טאַטשעט זיין אָרגאַניזם. דעם דאָזיקן פּראָצעס שילדערט אונדז
נעווערלי דורך אַ גאַלעריע פון צענטראַלע און עפּיזאָדישע געשטאַלטן, דורך אַ נעץ
פון פּאַסירונגען, געשעענישן, קלאַסן=קאָנפליקטן. די צענטראַלע געשטאַלט פון
ווערק איז דער אַרבעטער שטשעסני, א זון פון א פּויפּעריזירטן, פּראָלעטאַריזירטן
פויער. דער לעבנס=וועג פון שטשעסנין איז נישט דער לעבנס=וועג פון יענעם
דור אַרבעטער=רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אין פּראָצעס און תיכף נאָך דער
דעראָבערונג פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, אַראָנק דער אָקטאָבער=רעוואָלו=

צע, געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע און פריצים, שטרעבנדיק אַרויסצורייסן בײַ זיי די פּאָליטישע מאַכט און אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיק פאָלקס־פּוילן — דער לעבנס־וועג פון שמשונען איז דער לעבנס־וועג פון אַ שפּעטערדיקן דור אַרבעטער, וואָס זייער קלאַסן־באַוווּסטזײַן האָט זיך פאָרמירט אויפן יסוד פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. שמשונען גייט דורך אַ שווערן וועג פון פערזענלעכע איבערלעבונגען, פון מאַטעריעלער נויט און מאָראַלישע ליידן, זײַן לעבנס־דערפאַרונג האָט ער דעראָבערט אין שווערן געראַנגל מיט דער האַרטער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט. שטופנווייז, דורך אינערלעכע קריזיסן און אַנטוישונגען, געפירט דורכן קלאַסן־אינסטינקט און געפיל פון גערעכטיקייט דערגייט שמשונען צו דער מאַניפעסטערנדיקער באַפרייונגס־אידעע פון אַרבעטער־קלאַס, צו דער אידעע פון קאָמוניזם, צו דער פּאַרטיי. פון דעם מאָמענט אָן ווערט זײַן פּערזענלעכער לעבן אינטעגראַל פאַרבונדן מיטן לעבן פון דער פּאַרטיי. פון דעם מאָמענט אָן הייבט זיך אָן דער פּאָליטיש־גײַסטיקער וווּקס פון שמשונען, דעם קאָמוניסטישן טוער, ביז מיר דערזעען אים אַלס פּאָליטישן פירער פון דער צענטראַלער געפענקעניש פון ראַדאָם — אין דער אָרגאַניזירונג פון דער שטרייק־אַקציע פון דער אַרבעטלאָזע־אַרמיי אויף די גאַסן פון וולאָצלאַוועק. שילדערנדיק אויף אַ שטח פון יאָרן דעם פאָרטרעט פון דער פּראַקטיקער געשטאַלט פון שמשונען און זײַנע באַציונגען מיט אַ ריי אַנדערע פּערסאָנאַזשן פון פאַרשיידענע סאָציאַלע סביבות, האָט אונדז דער מחבר איבערגעגעבן די בעסטע, הערלעכסטע אייגנשאַפטן פון פּוילישן אַרבעטער, אויפגעדעקט די רײַכקייט פון זײַן אינערלעכער וועלט, פון זײַנע דערהויבענע פאַרלאַנגען, זײַן קעמפערישקייט, זײַן מענטשלעכן שטאָלץ, זײַן פּאַטריאָטיש געפיל, זײַן אינטערנאַציאָנאַליזם, אויפגעדעקט די יעניקע אייגנשאַפטן, וועלכע שאַפן דעם כאַראַקטער און די געשטאַלט פון אַ קאָמוניסט. „דער אָנהייב פון צעלולאָזע“ שטעלט פאָר מיט זיך אַ נײַע דערשײַנונג אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון פּוילישן פאָלק, אין די באַדײַטנדיקסטע דערגרייכונגען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי, באַקאַנט נאָך פון פאַר דער מלחמה מיט זײַן רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע און פּראָזע, פירט אונדז אַרײַן מיט זײַנע דערציילונגען ד י ר ע ק ט אין דער פּאַרטיי־סביבה פון קאָמוניסטן. אין דער דערציילונג „די זעונג“ שילדערט ער אונדז אַ געשטאַלט פון אַ פּאַרטיי־טוער, פון אַ דערפאַרענעם און אין קאַמף פאַרהאַרטעוועטן קאָמוניסט, וויטקאָווסקי. ער שילדערט אים אין מאָמענט פון זײַן אומקער אַהיים נאָך פינף יאָר אָפּזיצן תּפֿיסה און פון זײַן נײַעם צופעליקן דורכפאַל. אים האָט דערקענט אַ שפּיצל. וויטקאָווסקי לייקנט זײַן אמתע פאַמיליע. ער האָט אַ פאַלשן פּאַס. אין אַרעסט האַלט ער זיך וווירדיק, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ קאָמוניסט. די פּואַנטע פון דער דערציילונג איז אָבער דער

פּאַקט, וואָס זיין מוטער, וועלכע ווערט געבראַכט צו אַ קאָנפראָנטאַציע מיט אים, „דערקענט" אים אויך נישט אלס איר זון. דאָס איז באמת א שטאַרק רירנדיקע סצענע. ביי לייזן ריכטיק קינסטלעריש דאָס פּראָבלעם מוטער אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה פון ארבעטער־קלאַס לויטן פּשוטן אמת: דער שונא פון מיין זון איז אויך מיין שונא, איז אָבער דער מחבר נישט גייטיק אריין אין א „פילאָזאָפישן" וויכוח וועגן קלאַסן־אינסטינקט אָדער קלאַסן־באַוווסטזיין.

אויב „ווירזשעניע" איז א קורצע דערציילונג אין זין פון פּאָפּולאַר־דערציילערישן שטאָף, איז „מַשי נאַפּישע פּאָוויעסץ" א דערציילונג מיט א לענגערן אָטעם, פילזייטיק אין זין פון פּאַסירונגען און געשטאַלטן. ס'איז פון די זעלטענסטע דערציילונגען אין דער פּוילישער ליטעראַטור, ווו דער מחבר פירט אונדז אריין דירעקט אין דער סביבה פון גרויס־אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. ער שילדערט אונדז די פּאָליטיש־אָרגאַניזירנדיקע ראָל פון דער קאָמ. פּאַרטיי אין דער לינקער פּראָפעסיאָנעלער ריכטונג אויף א כעמישער פאַבריק אין זאַגלעמביער געגנט. די הויפּט־געשטאַלט איז דער פּאָליטיש דערפאַרענער אַלטער ארבעטער, דער קאָמוניסט וואָזשניאַק. ער איז דער וועגווייזער פון דעם פּאָליטיש דיפערענצירטן אין סאָציאַל נישט־גלייכמעסיקן ארבעטער־קאָלעקטיוו. וואָזשניאַק גרייט צו און פירט אָן מיטן געלונגענעם שטרייק קעגן פעדעראַלער רעדוקציע. ער לערנט די יונגערע פּאַרטיי־חברים פּאָליטישע וואַכזאַמקייט לגבי דעם קלאַסן־שונא. די געשעענישן וויקלען זיך פאַנאַנדער ערב דעם היטלעריסטישן מלחמה־איבערפאַל אויף פּוילן און ציען זיך אריין אין דער מלחמה און אָקופּאַציע־צייט. וואָזשניאַק איז אויך פון די ערשטע, וואָס גרינדן די פּפּר־אָרגאַניזאַציע אין זיין געגנט. דורכן קאָנווייער פון געשטאַלטן שלייכן זיך אדורך, אויסער די רעוואָלוציאָנערן אויף דער פאַבריק ערב דער מלחמה און די פּראָצעסן אין געטאָ בעת דער אָקופּאַציע, אויך פאַרשוינען פון יענער זייט באַריקאַדע, ווי דער היטלעריסט שוסטער, דער פריערדיקער אינזשעניער פון דער פאַבריק און שפּעטערדיקער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי. די דערציילונג איז א דאָקומענט פון קאַמף, מענטשלעכע ליידן און פּיין. אויפן ראַנד איז אָבער נייטיק צו באַמערקן, אז דער דאָקומענטאַלער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער דערציילונג האָט ערטערווייז געשטערט דעם מחבר צו דערהייבן זיך אויף טיפּיזאַציע פון זיינע געשטאַלטן. בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין דער געשטאַלט פון יידישן אינזשעניער פ., וועלכן דער מחבר שטעלט פאָר צום סוף נישט קלאָר, פאַרנעפּלט. זיין פאַרגאַנגענהייט אלס שפּיצעל לגבי די קאָמוניסטן אויף דער פאַבריק, אלס שונא פון ראַטנפאַרבאַנד, בעת ער איז געווען אינזשעניער אויף דער פאַבריק. זיין סערוויליזם אלס ייד לגבי זיינע דייטש־היטלעריסטישע באַלעבאַטים — די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן פירן אים נאַטירלעכערווייז אלס באַלעבאַטיש זינדל צום אַמט

פֿון קאָמענדאַנט פֿון דער געטאָ־פּאָליציי (נישט מיליץ, ווי ס׳שרײַבט וויגאָדזקי), דאָס הייסט צו דער ראָל פֿון אַ מיטשולדיקן אין אומברענגען דורכן אָקופּאַנט די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער געגעבענער שטאָט. זײַן האַלטונג אויפֿן סוף, זײַן אויסבאַהאַלטן דעם פּפּראָוויע, זײַנע באַמיונגען צו קאָנטאַקטירן זיך מיט דער פּפּר־אָרגאַניזאַציע, זײַן פֿלוצעמדיקע צעקראָכנקייט און... די טרערן אין די אויגן — דאָס זענען אָבער פֿאַקטן נישט טיפּישע, וואָס נישט כאַראַקטעריסטישע און פֿולשטענדיק אין סתירה צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם ראַזיקן פֿאַרשוין. טרערן בײַ אַ ייִדישן געטאָ־פּאָליציאַנט?! מיר קענען זיי צו גוט די ייִדישע אָפֿיצירלעך פֿון דער געטאָ־פּאָליציי! אָבער דאָס איז אַ נישט געלונגענער פּרט, וואָס קאָן נישט מינערן די עכטקייט פֿון דער דערציילונג אַלס גאַנצע.

אין דער דערציילונג „אַ בריוו פֿון אָפּאָלע“ ברענגט אונדז אַרויס דער שרײַבער דעם מאָראַלישן פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון סאַנאַטאָרישן פּאָליציייִשן אַפּאַראַט.

יעזשי פּוטראַמענט פֿירט אונדז אַרײַן אין דער מיליע פֿון דער פּוילישער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ, שטודירנדיקער יוגנט. אין זײַן „זשעטשי־וויסטאָשטש“ שילדערט ער דעם רעוואָלוציאָנערן פֿערמענט, וואָס האָט באַהערשט דעמאָלט די בעסערע טיילן פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ. זי פֿירט דורך אַן איבערשאַצונג פֿון אַלטע ווערטן. אַלע אידעען, אין וועלכע זי האָט זיך פֿריער געקלאַמערט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר באַנקראָט.

די אידעע פֿון אַ פּוילן פֿון „גלעזערנע הײַזער“, וועלכן ס׳האָט געזאָלט ברענגען אויטאָמאַטיש די אומאָפּהענגיקייט האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפֿנבלאָז. דער מאָראַלישער קריזיס צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ, וועלכן זשעראָמסקי האָט אין זײַן ערשטער סטאַדיע אַרויסגעבראַכט קינסטלעריש אין „פּשעדוויאָשניע“, האָט אין די דרײַסיקער יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן און אַרומגענומען אַלץ ברייטע שיכטן פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ, באַזונדערס פֿון דער שפּעטערישער.

אין „זשעטשיוויסטאָשטש“ ווײַזט אונדז פּוטראַמענט אַ גרופּע אַנטיפֿאַשיסטישע אינטעליגענץ אין פּראָצעס שוין נישט פֿון איר זוכן, נאָר פֿון איר געפֿינען. זי האָט געפֿונען די גרויסע דערלייזערישע אידעע, די באַפֿרייערישע אידעע פֿון אַרבעטער־קלאַס, די אידעע פֿון קאָמוניזם, זי איז געקומען צו דער פּאַרטיי. פּוטראַמענט פֿירט אונדז אַרויס אַ גאַלעריע פֿון אינטעליגענטן, וועלכע גרופּירט זיך אַרום דער ראַדיקאַלער צײַטשריפֿט „זשעטשיוויסטאָשטש“.

דער ליטעראַרישער שטאָף איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענטן־גרופּע אין ווילנע, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפֿירט דעמבינסקי און יענדריכאָווסקי און וועלכע האָט רעדאַגירט די צײַטשריפֿט „פּאָפּראָסטו“. די געשטאַלטונג פֿון זײַנע פּערסאָ־

נאַזשן, פון די פאַרשידענע כאַראַקטערן, פון וועלכע א טייל וואַקסט און פאַרהאַרטעוועט זיך אין קאַמף מיטן פאַשיזם, אַנדערע וואַקלען זיך און באַצאָלן טראַגיש פאַר דער דאָזיקער וואַקלעניש (שולץ), די געשטאַלטיקונג פון די דאָזיקע פּערסאָנאַזשן רעאַליזירט דער אויטאָר אויפן גרונט פון דער טעטיקייט פון דער צייטשריפט. „זשעטשיוויסטאָשטש" דערשיינט נישט ווי סתם זיך א צייטשריפט, נאָר ווי א באַוועגונג צווישן באַשטימטע שיכטן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פּוילישן אַרבעטער-קלאַס און מאַכן מיט זיין שווערן קאַמפס-וועג פאַר מאַכט.

לעאָן פּאַסטערנאַק פירט אונדז אַריבער אויף אַ גאָר געשפּאַנטן אָפּשניט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמפס-פראָנט פון פּוילישן אַרבעטער-קלאַס. ער ווייזט אונדז דעם קאַמף פון קאָמוניסטן קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור און זייער מאַרטיראָלאָגיע אין געפענגעניש פון שונא. ער שילדערט אונדז דעם קאַמף פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַ תפיסה. דער אויטאָר האָט אין זיין „קאָמונע פון דער שטאָט לאָמזשע" אויפגעכאַפּט דעם קאַמף און די ליידן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין א פּעריאָד, ווען דער פאַשיזם האָט זיך פאַרנומען אוועקצורויבן ביי זיי די אויסגעקעמפטע אין משך פון יאָרן רעכט פון פּאָליט-אַרעסטירטע. די פאַשיסטישע דיקטאַטור האָט בנוגע די פּאָליט-אַרעסטירטע געהאַט דעם ציל: מאָראַליש איינצוברעכן, דערנידעריקן, אויסגלייכן זיי אין די אומרעכט מיט די קרימינעלע פאַרברעכער. איינע פון די מיטלען האָט געזאָלט זיין דאָס איבערטאָן די פּאָליט-אַרעסטירטע אין תפיסהשע סטאַנדאַרט-מלבושים צוגלייך מיט די קרימינעלע. יאָרן האָט זיך אין די פּוילישע תפיסות געפירט דער דאָזיקער קאַמף. די פּאָליטישע האָבן געשטעלט אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד.

אָט דעם הויך-געשפּאַנטן מאָמענט פון די דרייסיקער יאָרן האָט פּאַסטערנאַק אָפּגעקליבן. דורך דער פּריזמע פון קאַמף קעגן דער דאָזיקער פאַשיסטישער פאַראָרדענונג ברענגט אונדז אַרויס דער מחבר פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע טיפּן און כאַראַקטערן, דעקט אויף די אכזריות און מאָראַלישע געפאַלנקייט פון דער תפיסה-אַדמיניסטראַציע.

אַלבין באָברוק שילדערט אונדז די געשטאַלטיקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער פּויערישער סביבה. אויפן גרונט פון ביאָגראַפישן מאַטעריאַל ברענגט אַרויס דער מחבר שטויגענדיקע גוט-בילדער פון דער דאָרפישער אָרעמקייט. באָברוקס אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג איז א מאָראַלישער באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער בורזשואַז-פריצישער אָרדענונג פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן. די קאָמוניסטישע אידעע דערשיינט אין דער סביבה פון דער דאָרפישער אָרעמקייט ווי די זון, וואָס ברענגט ליכט און וואַרעמקייט, וואָס ווייזט דעם זין פון לעבן. דער מחבר פירט זיינע געשטאַלטן, דער עיקר דעם זון און די מוטער, איבער אַלע מעגלעכע שטרייכלונגען און נסיונות, פאַר וועלכע די

אָרעמקייט האָט זיי געשטעלט און פון וועלכע זיי זענען אַרויס מאָראַליש נישט באַשעדיקט אויפן אמתן לעבנס־וועג, אויפן וועג פון קאַמף קעגן די אורסיבות פון אַלדאָס שלעכטס, קעגן דער פאַרשאָלטענער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

פעלים אין זיין אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „דאָס לעבן פאַר אַ טאָג־לוין" שילדערט אונדז דעם דערנערפולן וועג פון אַרבעטנדיקן און די נאָך גרעסערע ליידן פון אַרבעטלאָזן, אויפדעקנדיק דעם בורזשואַזן מעכאַניזם פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און גייסטיק־פּאָליטישער פאַרשקלאַפונג, אָנגעהויבן פון די קאָמבינאַציעס פון פאַבריקאַנט און ענדיקנדיק אויף דעם סאָציאַלן פּראַט פון פאַרשידענע פּראָפּ־באָנצן.

איצט, נאָכן אָפּפרישן אין זכרון די הויפּט־ליניעס פון די סיזשעטן און די אַלגעמיינע אידעיש־קינסטלערישע איינשטעלונגען פון די שאַפונגען קאָנען מיר אַריבערגיין צו דער פּראָבלעמאַטיק, וואָס דרינגט פון זיי אַרויס.

קודם כל דאָס פּראָבלעם פון טעמאַטיק.

אויבן האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אַז אַלע שאַפונגען פאַראייניקט איין אַלגעמיינע טעמע: די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

צי קאָן מען אויפן גרונט פון דער אויסגעקליבענער דורך די מחברים טעמע — רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַשיסטישן פּוילן — משפּטן וועגן זייער דערנענטערונג אָדער באַהערשונג פון מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם? אוודאי איז דאָס אויסקלייבן אַ טעמע אַ באַווייז פון נישטגלייכגילטיקייט פון אויטאָר צו דער דאָזיקער טעמע, פון סוביעקטיווער באַציונג און פאַראינטערעסירטקייט קינסטלעריש צו באַאַרבעטן דעם לעבנס־שטאָף פון דעם כאַראַקטער און נישט פון קיין אַנדערן. אוודאי זאָגט דאָס עדות דערפאַר, אַז די מחברים האָבן זיך פריער אַרומגעטראָגן אין דמיון מיט זייערע פּערסאָנאַזשן, איידער זיי האָבן זיי געשטאַלטיקט און פאָרמירט, אַז זיי האָבן אין דמיון רעפּראָדוצירט היסטאָרישע געשעענישן אָדער געשאַפן פיקטיווע אויפן גרונט פון פאַקטיש פאָרגעקומענע, אָדער עווענטועל פאָרגעקומענע, אָדער אין דער פאָטענץ מעגלעכע. אוודאי איז דער אויסוואַל פון דער טעמע: רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַשיסטישן פּוילן אַ באַווייז פון אינערלעכער פאַרבונדנקייט פון מחבר מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. באַזונדערס איז דאָס נוגע באָרוכן און פעליסן, ביי וועלכע די טעמע איז נישט אויפגעקומען אין רעזולטאַט פון אויסוואַל (אַגב זענען דאָס זייערע ערשטע שאַפונגען), נאָר אין רעזולטאַט פון רעפּראָדוצירן ליטעראַריש פּערזענלעכע איבערלעבונגען. זיי זענען נישט געגאַנגען צו דער טעמע, נאָר די טעמע איז אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן ווי אַ טייל פון זייער איך, פון זייער פּערזענלעכן וועזן, פון זייער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אויך „זשע־

טשיוויסטאָשטש" פון פּוטראַמענטן איז אַנטשטאַנען, לויט אונדזער מיינונג, נישט אין רעזולטאַט פון אויסוואַל, נאָר אין רעזולטאַט דערפון, וואָס דער אויטאָר האָט געפילט די באַרעכטיקונג צו באַפרייען זיך פון די איבערלעבונגען, פאַרבונדענע מיט דעם אויפקום און מיט דער ווירקונג פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ־גרופּע, באַפרייען זיך פון זיי דורך אַרויסברענגען זיי אין אַ קינסטלערישער רעפּראָדוקציע. דאָס אויפקומען פון אַ טעמע ביי אַ שרייבער איז בכלל זייער אַ קאָמפּליצירטער שעפערישער פּראָצעס. ער פאָדערט אַ ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג. מיר נעמען זיך דעריבער נישט אונטער פעסטצושטעלן גענוי, ווי אַזוי איז אויפגעקומען די טעמע פון „זשעטשיוויסטאָשטש" ביים מחבר. איינס שיינט אונדז אָבער צו זיין אָן ספק, אַז די טעמע פון „זשעטשיוויסטאָשטש" איז אויפגעקומען אַנדערש ווי די טעמע פון „ווזשעסיען". דער מחבר האָט אַליין עפנטלעך דערקלערט, אַז פריער איז ביי אים געווען די קאָנצעפּציע פון „ווזשעסיען", צו וועלכער ער האָט צוגעקליבן ליטעראַרישן שטאָף. ביי „זשעטשיוויסטאָשטש" איז געווען פאַרקערט. נישט די קאָנצעפּציע האָט געזוכט מאַטעריאַל, נאָר דער אָנגעזאַמלטער פערזענלעך־דערפאַרענער לעבנס־מאַטעריאַל האָט אָנגעוואָרפן די טעמע, האָט געזוכט זיין ליטעראַרישע פאַרקערפּערונג, וועלכע דער מחבר האָט באַטראַכט ווי אַ גייסטיקע באַפרייונג פון געשטאַלטן און געשעענישן, וועלכע האָבן אים אויפגעהערט צו מאַטערן מיטן מאָמענט, ווען ער האָט זיי קינסטלעריש רעפּראָדוצירט. אָבער ווי זאָגט מענדעלע, נישט דאָס זענען מיר אויסן. דאָס איז בלויז אויפן ראַנד פון אונדזער פּראָבלעם, וואָס מיר האָבן אוועקגעשטעלט: צי די טעמע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערבאַוועגונג דערנענטערט שוין אויטאָמאַטיש דעם שרייבער צום מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. איינס איז אָן שום ספק, אַז די טעמע באַווייזט: נישט גלייכגילטיקייט, סוביעקטיווע פאַראינטערעסירונג מיטן געגעבענעם לעבנס־שטאָף.

קיין גאַראַנטיע, ווי אייניקע סכעמאַטיסטן וואָלטן דאָס געפּרוווט טייטשן, איז עס נישט. אפילו ליטעראַרישער שטאָף אין טעמע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַשיסטישן פּוילן איז נישט קיין גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דער געגעבענער שרייבער האָט זיך שעפעריש איבערגעשטעלט אָדער דערנענטערט צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דאָס פּראָבלעם איז גאָר נישט אַזוי פּשוט. טעמע איז אומבאַדינגט אַ וויכטיקע זאַך. דעצידירנדיק איז אָבער די אידעישע, די קלאַסן־פּאָזיציע פון שרייבער. למשל, פאַר דער מלחמה האָט דער ליטעראַרישער טרובאַדור פון דער סאַנאַציע קאַדען באַנדראָווסקי אָנגעשריבן זיינע „טשאַרנע סקשידלאַ" (שוואַרצע פליגל), וווּ די טעמע איז געווען די אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. דאָס איז דאָך אָבער געווען נישט קיין קינסטלערישע רעאַליסטישע געשטאַלטיקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. דאָס איז דאָך געווען אַ פּאַשקוויל אויף דער

אַרבעטער־באַוועגונג. פאַרוואָס? ווייל דער מחבר האָט זיך פאַרמאָסטן נישט צו שילדערן די אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר זי צו דיסקרעדיטירן, אַרונטעררייסן. פאַרגעשטעלט קריטיש די רעכט־פּפּסישע פירער, זייער פיליסטערישקייט און מאָראַלישע געפאַלנקייט, האָט דער מחבר זיך באַמיט צו איבערגעפּיצירן זיי מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, געוואָלט דערמיט דיסקרעדיטירן די אידעע פון קלאַסן־קאַמף. אַלזאָ, די פּאַשיסטישע אידעישע איינשטעלונג, די בורזשואַזע קלאַסן־פּאָזיציע פון שרייבער האָט גורם געווען אַ פעלשונג פון דער ווירקלעכ־קייט, אַ פאַרקריפּלונג פון דעם אמתן בילד, וואָס הייסט רעוואָלוציאָנערע אַרבע־טער־באַוועגונג אין פּאַשיסטישן פּוילן.

אָבער לאָמיר נעמען אַן אַנדער שאַפונג, וווּ די אידעישע איינשטעלונג פון שרייבער איז נישט געווען קיין פיינטלעכע לגבי דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. מער אַפילו אַ סימפּאַטישע. נאָך דער מלחמה האָט אַדאָלף רודניצקי אָנגעשריבן אַ דערציילונג „קאָן" (אַ פערד), אין וועלכער ער ברענגט אַרויס די מאַרטיראָלאָגיע פון אַ קאָמוניסט אין פּאַשיסטישן פּוילן. ער שילדערט אונדז דעם לעבנס־וועג פון אַ יידישן אַרבעטער־בחור, זיין פאַרבונדן זיין מיט דער קאָמבאַוועגונג, זיין איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס און זיין אומקום, דעם מאָרד, וועלכן ס'האָט אויסגעפירט איבער אים די פּוילישע דע־פענסיווע. די שילדערונג איז אַ געלונגענע, די בילדער זענען אַרויס פּלאַסטיש. די פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק אַ באַגרינדעטע. אַלזאָ, אויבנאויף קאָן זיך דאַכטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שאַפונג, וועלכע זאָגט עדות וועגן באַהערשונג פון סאָצ. רעאַליסטישן מעטאָד. און דאָך איז לײדער נישט אַזוי. פאַרוואָס?

דעם ענטפער דערויף וועלן מיר באַקומען, ווען מיר וועלן אַנאַליזירן דעם אידעיש־קינסטלערישן אויסגאַנגס־פּונקט פון שרייבער ביים באַהאַנדלען זיין טעמע. ווען מיר לייענען די דאָזיקע דערציילונג פילן מיר אויף וואָס דער שרייבער שטעלט אָן דעם לייענער. דאָס לעבן פון יידישן קליינשטעטלדיקן אַרבעטער, זיין פאַרבינדן זיין מיט דער קאָמבאַוועגונג, זיין מסירת־נפש און זיין העלדישער מוט איז פאַרגעשטעלט אין אַזאַ איזאָלירטקייט פון דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכן אַרום, פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד, אַז ביים לייענער בלייבט נישט קיין שום ספק וועגן די פּסיכאָלאָגיסטישע איינשטעלונגען פון שרייבער. נישט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און אירע געשטאַלטן זענען דער אָביעקט פון שרייבערס פאַראינטערעסירונג, נאָר בלויז דער ג ע ג ע ב ע־ נ ע ר י ח י ד, דער אַרבעטער, דער קאָמוניסט, וועלכן מיר זען נישט ווי אַ קעמערל פון גרויסן געוועב. מער, דער אָביעקט פון פאַראינטערעסירונג איז אַפילו נישט אַזוי דער קאָמוניסט, ווי די ליידן פון זיין פאָטער, וועלכער האָט אַ לעבן געציטערט איבער זיין זון און אים אַזוי טראַגיש פאַרלוירן. די דעפענסיווע ניט אים אָפּ די מלבושים פון דערמאָרדעטן זון. נישטאָ די באַוועגונג מיט אירע

געשטאַלטן, נישטאָ די באַוועגונג דורך אירע־געשטאַלטן, דורך אירער אַ געשטאַלט, נאָר אַ געשטאַלט איזאָלירט פון דער באַוועגונג. אַ פלאַנץ אָן באָדן, אָן ליכט, אָן לופט. אַ פסיכאָאַנאַליטישע שטודיע אָדער עטוואָס ענלעכס.

אַזוי איז די דערציילונג געשריבן מיט גרויס סימפּאַטיע פאַרן העלד. אייניקע מאָמענטן זענען שטאַרק רירנד. דער מחבר באַמיט זיך אַרויסצורופן ביים לייענער וואָס מער מיטגעפיל צום טראַגישן גורל פון זיין העלד, דעם אָרעמען יידישן אַרבעטער־בחור, און אפשר נאָך מער מיטגעפיל צו די טיפע ליידן פון פאָטער. און דאָס איז אַלץ.

מיר האָבן געבראַכט אַלס ביישפּיל די דאָזיקע דערציילונג פון אַדאָלף רודניציקין נישט כדי צו האָבן טענות צום שרייבער, הלמאי ער האָט זיין דער־ציילונג געבויט אַזוי און נישט אַנדערש. די דאָזיקע דערציילונג כאַראַקטעריזירט אַ באַשטימטן שטאַפּל אין דער אידעיש־קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון שרייבער און זיין פון פאַראינטערעסירונג און דערנענטערונג צו דער דאָזיקער טעמאַטיק. ער האָט די דאָזיקע טעמע באַאַרבעט מיט דעם באַגאַזש אידעיש־קינסטלערישע מיטלען, וועלכע האָבן זיך געפונען דעמאָלט אין זיין באַזיץ. ער האָט די רעוואָלו־ציאָנערע געשטאַלטן געזען פון זיין פּאָזיציע, פון דער פּאָזיציע פון אַ הומאַ־ניסטיש־געשטימטן אינטעליגענט און נישט פון די אידעישע פּאָזיציעס פון קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס. צי ווילן מיר דערמיט מינערן דעם אידעיש־קינסטלע־רישן ווערט פון דער דאָזיקער דערציילונג. בשום אופן נישט. פאַר געוויסע שיכטן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, וועלכע זענען אין פאַשיסטישן פּוילן געווען ווייט פון דער קאַמפּבאַוועגונג, זי נישט געקענט, געהאַט וועגן איר אַ פאַר־קרימטע פאָרשטעלונג, צומאָל אַפילו אַ פיינטלעכע — פאַר די דאָזיקע שיכטן אינטעליגענץ, וועלכע ווערן איצט אַריינגעצויגן אין סאָציאַליסטישן אויפבוי־פּראָצעס, וועלכע דערקענען נענטער די אַרבעטער־באַוועגונג איצט — פאַר זיי איז די דערציילונג פון אַ. רודניציקין מיט איר הומאַנישן אויסגאַנגס־פּונקט אַ לעקטור, וועלכע העלפט איר בייצוקומען געוויסע פאַרקרימונגען און פאָר־אורטיילן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַשיסטישן פּוילן. ווען אַזאַ דערציילונג וואָלט אָנגעשריבן געוואָרן אין פאַשיסטישן פּוילן, וואָלט איר פּאָליטיש־סאָציאַלע פונקציאָנעלע ווערט געווען נאָך גרעסער. אָבער פאַר דער קינסטלערישער דערציונג פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס היינט אין זיין סאָציאַ־ליסטישן אויפבוי־פּראָצעס איז די דערציילונג „אַ. פערד" פון אַ. רודניציקי נישט די יעניקע לעקטור, וואָס קאָן עסטעטיש באַרייכערן זייערע איבערלעבונגען, געפילן, געדאַנקען און אים מאָביליזירן. ניין, דעם ציל קאָן די דערציילונג נישט דער־גרייכן, אַזאַ אינטענץ האָט דער שרייבער נישט געהאַט. די אידעיש־קינסטלע־רישע פּאָזיציע פון שרייבער אין דער דאָזיקער שאַפונג איז נישט די אידעיש־

קינסטלערישע פּאָזיציע פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אַן עלעמענט פון מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אַלזאָ, בלויז טעמע פון אַרבעטער־לעבן, ווי מיר זעען, גאַראַנטירט נישט אויטאָמאַטיש די דערגרײכונג אָדער באַהערשונג פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. דערצו איז נייטיק די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן־פּאָזיציע פון שרייבער. זי איז דאָ אַן אומבאַדינגטע פאָרױסזעצונג.

וואָס זשע לאָזט זיך זאָגן וועגן די שאַפונגען פון נעווערלי, וויגאָדזקי, פּוט־ראַמענט, פּאַסטערנאַק, באָברוק און פעליס פון דעם קוק־ווינקל פון זייער טעמאַטיק פון רעוואָלוציאָנערן ארבעטער־לעבן?

דער ענטפער איז א פּשוטער און נישט צווייטייטיקער. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן ערנסטער דערגרייכונג פון דער פּוילישער הײנטצייטיקער פּראָזע אויפן וועג פון איר רעאַליסטישער אַנטוויקלונג, מיט א שעפערישער פאַנאַנדער־וויקלונג פון מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אין אַלע דערמאָנטע שאַפונגען באַמיען זיך די מחברים צו געשטאַלטיקן די פּערסאָנאַזשן און די סיטואַציעס פון שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמײנקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד. די געשטאַלטן זענען נישט קיין איזאָלירטע, פּסיכאָלאָגישע שטודיעס, נאָר מענטשן, פאַרבינדענע מיט קאָנ־קרעטע סביבות, מיט קאָנקרעטע באַדינגונגען, מיט קאָנקרעטע האַנדלונגען. זייערע האַנדלונגען פליסן אַרויס פון די געגעבענע סיטואַציעס, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פּוילן אין די דרייסיקער יאָרן. דער לייענער פילט, אַז די שרייבער באַמיען זיך אויפצופּראַלן פאַר אים די רייכ־קייט, שיינקייט און העלדישקייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּוילישן ארבעטער־קלאַס. און דאָס נישט אַבסטראַקט, נאָר קאָנקרעט דורכן אַרויסברענגען די טרעגער פון דער האָזיקער באַוועגונג, די שיינע הערלעכע געשטאַלטן פון פּוילישן אַרבעטנדיקן פאָלק, די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, די אַרבעטער און אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זייער ווײסן, ענערגיע און לעבן געשענקט דער גרויסער זאַך פון ארבעטער־קלאַס, דער אידעע פון קאָמוניזם.

אַלזאָ — דער אופן פון באַהאַנדלען די רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייטס־טעמאַטיק זאָגט עדות וועגן דער רעוואָלוציאָנערער קלאַסן־פּאָזיציע, וועלכע ס'פאַר־נעמען די מחברים פון די באַהאַנדלטע שאַפונגען.

* * *

א פּראָבלעם, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער הײנטצייטיקער פּוילישער פּראָזע אין שייכות מיט דער געגעבענער טעמאַטיק איז דאָס פּראָבלעם פון דער פּאָזיציע פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין די געגעבענע שאַפונגען.

איינע פון די הויפט־שטריכן פון קריטישן רעאַליזם, ווי מיר ווייסן, איז די דעמאַסקירונג פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וועלכע זענען געבויט אויפן יסוד פון עקספּלואַטאַציע, פון דערנידערונג פון איין מענטש דורכן צווייטן. נאַטירלעכערווייז האָט זיך שטענדיק אַזוי באַקומען, אַז דעם אויבנאָן האָט אין דער שילדערונג פאַרנומען דער אָביעקט פון קריטיק, די עקספּלואַטאַטאָרישע סביבה און איר רעפּרעזענטאַנטן. די עקספּלואַטירטע פאָלקס־מאַסן און זייערע פערסאָנאַזשן פלעגט געשילדערט ווערן אין פּראָפיל. אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי האָט געקאָנט נאָך מער בולטער מאַכן דעם אייגנטלעכן אָביעקט פון קריטיק, די עקספּלואַטאַטאָרישע מיליע.

גאָר אַנדערש, ווי מיר ווייסן, גייט צו דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם צום פּראָבלעם פון פּאָזיציע פון די געשטאַלטן אין דעם אידעיש־קינסטלערישן בוי פון ווערק. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם ברענגט אַרויס אויף דער א ו אַ נ ס ־ ס צ ע נ ע די פּאָזיטיווע קעמפערישע געשטאַלט, דעם פּאָזיטיוון אָנגרייפנדיקן העלד.

דאָס אייגנטימלעכע פון די באַהאַנדלטע דורך אונדז שאַפונגען איז דאָס געשטאַלטיקן און אַרויספירן פּאָזיטיווע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן אויף דער אַוואַנס־סצענע. אַלע געשעענישן, פּאַסירונגען, סיטואַציעס געשטאַלטיקן די אויטאָרן אַרום די רעוואָלוציאָנערע הויפּט־פּערסאָנאַזשן פון די שאַפונגען. זיי שטייען אין צענטער. זיי זענען אין פאָדערגרונט, אויף זיי האַלט דער מחבר שטענדיק אָנגעשטעלט זיין רעפלעקטאָר. זיי זענען די הויפּט־געשטאַלטן. דאָס איז דאָס נייע אין דער פּוילישער פּראָזע, דאָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם איבער־ברוך־מאָמענט אין דער פּוילישער ליטעראַטור בכלל, דאָס זענען צווישן אַנדערן די עיקרדיקע סמנים פון אָנוואַקסן פון נייע אידעיש־קינסטלערישע ווערטן אין דער פּוילישער ליטעראַטור, דאָס זענען צווישן אַנדערן די הויפּט־סמנים פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

קודם־כל קומט דאָ אין באַטראַכט נעווערלי מיט זיין „אָנדענק פון צעלולאָזע“. שטשעפּאַנסקי — אָט דאָס איז די נייע העלדישע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלט, וועלכע האָט עקזיסטירט אין דער פּוילישער פאַרמלחמהדיקער ווירקלעכקייט, וועל־כע האָט אָבער נישט באַקומען קיין קינסטלערישע פאַרקערפּערונג אין דער ליטע־ראַטור. דער אויפטו פון נעווערלי איז דאָ אַן אומגעהייערער. ער האָט געשאַפן אַ סינטעטישע געשטאַלט פון פּוילישן אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער, פון שטשעפּאַנסקי— דעם קאָמוניסט. מיר האָבן ביז איצט געקאָנט זיך באַנוצן מיט אַזעלכע סינאָנימען פון דער פּוילישער ליטעראַטור ווי וואָקולסקי (פּרוס), ד״ר יודים (זשעראָמסקי). מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין סינאָנים פאַרן פּוילישן אַרבעטער, רעוואָלו־ציאָנער, ווי דאָס האָט געהאַט, למשל, די רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור פון פאַר דער רעוואָלוציע: ולאַסאָוו (גאָרקי), און ווי דאָס האָט היינט די סאָוויע־

טישע ליטעראַטור מיט איר גאַלעריע סימבּאָלישע געשטאַלטן: קאַרטשאַגין (אָסטראָווסקי), דאַווידאָוו (שאָלאָכאָוו), טומאַרינאָוו (באַבאַיעווסקי) א״אַ. איצט האָבן מיר דעם דאָזיקן סימבּאָל, דאָס איז שטשעגאַסגי. שטשעגאַסגי איז די פאַרקערפּערונג פון די קעמפערישע, שענסטע, איידעלסטע כאַראַקטער־שטריכן פון פּוילישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס. דערפאַר איז ער שטופּנווייז געגאַנגען און געקומען צו דער קאָמפּאַרטיי, געוואָרן איר אַקטיוויסט, ווייל די פּאַרטיי איז דער אָפּקלייב פונעם בעסטן, קעמפערישסטן, איידעלסטן, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס פאַרמאָגט.

שטשעגאַסגי איז געגאַנגען דורכן לעבן, געזען און אָפּגעפילט: הונגער, נויט, עקספּלואַטאַציע, אומרעכט, געוואַלד, דעמאָראַליזאַציע. שטשעגאַסגי האָט אָבער די דאָזיקע דערפאַרונג נישט בלויז אָפּגעפילט, דערקענט, נאָר אויך אַנאַליזירט און זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

דער סטיכישער ווידערשטאַנד אַנטוויקלט אין אים כאַראַקטער־שטריכן פּונקט פאַרקערטע פון די, וואָס די בורזשואַזע אָרדענונג פּרוווט פלאַנצן. וואָס מער עוולות אין לעבן, אַלץ מער אויסגעאיידלטער און אויסגעפיינערטער ווערט שטשעגאַסגיס נשמה, זיין כאַראַקטער. אָט אַזוי קומט שטשעגאַסגי צו דער פּאַרטיי. די פּאַרטייאישע טעטיקייט פּראַלט אויף אין אים אין דער גאַנצער ברייט די רייכקייט און שיינקייט פון זיין אינערלעכער וועלט, וועלכע רוקט אים אַרויס אַלס טוער און פירער פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן.

אָט ווי גענוועלי שילדערט א טיפּישן פּרט פון שטשעגאַסגין. שטשעגאַסגי איז נאָר וואָס אַרויס פון תפיסה. די וולאָצלאַוועקער אַרבעטלאָזע, באַשעפטיקטע ביי סעזאָן־אַרבעט האָבן דערקלערט א שטרייק, און אָקופּאַציע־שטרייק אויף די גאַסן פון וולאָצלאַוועק. שטשעגאַסגי קומט צו די שטרייקנדיקע, כדי זיי צוצוהעלפן.

„דאָס פאַרבאָרגענע און דאָס וויכטיקסטע, וואָס מאַרזיע האָט אין אים אַרויס געפילט פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן, פאַרוואָס זי האָט אים, אַזוי האָט זיך איר געדוכט, ליב באַקומען (פּונקט ווי מען קאָן ליב קריגן פאַר עפּעס), די קעמפנדיקע שטאָלצע אָן קאָמפּראָמיסן נאַטור — איז איצט אויפגעקומען, רייף געוואָרן... ס׳איז פשוט צום באַוווּנדערן, ווי אַלע פילן דאָס אַרויס, ווי זיי ציען זיך צו אים. נישט ער האָט גערעדט אויפן מיטינג, נישט ער איז אין קאָמיטעט (שטרייק־קאָמיטעט — מ. מ.). ער געהער אַפילו נישט צו דער וואַך, און פונדעסטוועגן קומט מען צו אים נאָך אַן עצה, מען פרעגט אים. פאַרוואָס?“ (זייט 444).

דער מחבר ענטפערט נישט דירעקט אויף דער פראַגע פון זיין העלדין מאַרזיע. דער ענטפער דרינגט אָבער אַרויס פון דעם גאַנצן לעבנס־וועג פון שטשעגאַסגי.

שטשעגאַסגי שטייט אין צענטער פון אַלע סיטואַציעס, פון אַלע פּאַסירונגען. אָבער נישט דערפאַר, ווייל ער איז עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער געשטאַלט, נאָר בלויז דערפאַר, ווייל ער איז א פשוטער אַרבעטער, וועלכער רעפּרעזענטירט

צום בעסטן די האנדלונגען, די אידעען און דעם כאַראַקטער פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכער שטייט אין צענטער פון קאַמף קעגן דער אַלטער וועלט, פאַר אַ נייער וועלט, ווייל אלס קאָמוניסט האָט ער געהערט צו די קאָנסעקווענטסטע קעמפער קעגן סאַנאַטאָרישן פאַשיזם און בורזשואַז-פּריצישן פּוילן, ווייל אלס קאָמוניסט איז ער געשטאַנען אין פאָדערגרונט פון דעם הײַנטיקן קאַמף. שטשעגסקי איז די צום בעסטן אַרויסגעבראַכטע געשטאַלט, א סינטעטישע געשטאַלט צווישן דער פאַרשידנאַרטיקער גאַלעריע געשטאַלטן אַרבעטער: קאָמוניסטן, אומפּאַרטייאישע, פּפּסישע אייניקייטס-פראָנטלער, וועלכע נעווערלי ברענגט אונדז אַרויס אין זיין „אַנדענק פון צעלולאָזע“. דער מחבר נעווערלי ברענגט אַרויס א גאַלעריע פּערסאָנאַזשן פון עקספּלואַטאַטאָרישן בורזשואַזן קלאַס. דאָס זענען פאַבריקאַנטן, סוחרים, קלעריקאַלן, אָנגעשטעלטע ביים בורזשואַזן קלאַס, קאָמבינאַטאָרן, אַרויפגעאַרבעטע און אויפגעקומענע גבירים, באַאַמטע פון מלוכהשן אַפּאַראַט ביז פאַרעטער פון די אַרבעטער-אינטערעסן, אַרויסגעוואַקסענע פון די אַרבעטער-רייען גופא. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון זייער שילדערונג דורכן מחבר באַשטייט אָבער דערין, וואָס נישט זיי, די דאָזיקע געשטאַלטן זענען אויף דער אויבנס-סצענע. זיי געפינען זיך אין א פונקציאָנעלער פאַרהעלטעניש צו די רעפּרעזענטאַנטן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט. זיי קעמפן, זיי באַשווינדלען, זיי אונטערדריקן. אָבער נישט זייערע האַנדלונגען שטויסן פאָרויס די אַקציע, די פאַבול. די אַקציע, די פאַבול פירן די פּאָזיטיווע געשטאַלטן. באַזונדערס בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין די שלוס-מאָמענטן פון דער אַקציע, בעת די שטרייקן. די אַרבעטער-געשטאַלטן זענען די אָנגרייפער אידעיש און פאַקטיש.

נעווערלים באַזונדערע פאַראינטערעסירונג זענען נישט די נעגאַטיווע בירגערלעכע פּערסאָנאַזשן. ער מאָלט זיי ריכטיק, ער דעמאַסקירט זיי. אָבער אָן פּאַסיע, נישט אין זייער שילדערונג לעבט ער זיך אויס. ער לעבט זיך אויס אין דער סביבה פון די אַרבעטער געשטאַלטן. ער איז פאַרשלונגען דורך שטשעגסקין, מיט אים פילט ער זיך גוט. מיט דער דאָזיקער באַציונג צו זיינע געשטאַלטן שטעקט ער אויך אָן זיינע לייענער.

דאָס וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן „אַנדענק פון צעלולאָזע“ איז דער כאַראַקטער-שטריך פון אַלע שאַפונגען, וועלכע ווערן דורך אונדז באַהאַנדלט. די פּאָזיטיווע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן פון אַרבעטער און אינטעליגענטן געפינען זיך אויף דער אויבנס-סצענע פון די געגעבענע שאַפונגען. מיט זיי באַשעפטיקן זיך די מחברים, אויף זיי איז אָנגעשטעלט זייער קינסטלערישע אויג, אויף זיי וואַרפן זיי זייער רעפלעקטאָר, מיט זייערע איבערלעבונגען פרייידיקע און טראַגישע לעבט דער לייענער. דאָס הייסט נישט, אַז די שרייבער ברענגען נישט אַרויס קיין געשטאַלטן פון בורזשואַזן קלאַס, פון זיין אונטערדריקונגס-אַפּאַראַט, אָבער נישט זיי זענען די הויפּט-פּערסאָנאַזשן, נישט זיי זענען אויף דער אויבנס-

צענע. אזוי איז עס אין אלגעמיין, ווייל געוויסע אָפּווייכונגען פון דער דאָזיקער אלגעמיינער אידעיש-קינסטלערישער איינשטעלונג פון די מחברים זענען יאָ פאַראַן.

ווינאָרזקיס פּערסאָנאַזשן זענען אין זייער מערהייט רעוואָלוציאָנערן, קאָמוניסטן. זיי זענען שטענדיק אין פאָדערגרונט. זיי זענען אָנגרייפעריש, אַקטיוו. שטענדיק, ווען ווינאָרזקי קאָנפראָנטירט זיינע רעוואָלוציאָנער-פּראָלעטאַרישע געשטאַלטן מיט די בירגערלעכע, איז די מאָראַלישע איבערוואָג אויף דער זייט פון די קאָמוניסטן. וויטקאָווסקי פון „ווידזעניע" געפינט זיך אין די לאַפּעס פון דער דעפענסיווע, דער שפּיצעל גרייט צו די מכשירים צו די פייניקונגען, מיר פילן אָבער וויטקאָווסקיס ריזיקע פּאָליטיש-מאָראַלישע קראַפט, אַנטקעגן וועלכער דער שפּיצעל מיט זיינע מעטאָדן פון פיזישע פייניקונגען קומט ארויס נידעריק, געפאַלן, נישטיק. דאָס זעלביקע וואָזשיניאַק. מיר האָבן אויבן שוין באַמערקט, ער איז די צענטראַלע פיגור אויף דער פאַבריק. מ'האָט פאַר אים דרך-ארץ, ווייל ער פאַרקערפּערט מיט זיך די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-באַוועגונג, די קאָמוניסטישע באַוועגונג. וואָזשיניאַק איז נישט קיין איבערגעווייטלעכע געשטאַלט. ער איז איינער פון די, וואָס פאַרמאָגן די עיקרדיקע שטריכן פון זיין רעוואָלוציאָנערן קלאַס. קלאָרקייט פון קאַמפּס-ציל, אומבויגזאַם אינעם קאַמפּס-ווילן, רואיק, געלאַסן אויפן שלאַכטפעלד (בעתן שטרייק). נישט פאַריסן, אָן קאָפּשווינדל ביים געווינען דעם שטרייק, זייער וואַכזאַם לגבי דער מאַנעווריר-פעיקייט פון דער בורזשואַזיע, פּאַטריאָטיש לגבי דעם פאָלק און לאַנד: שטעלט זיך צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט — און צום סוף: דער העלדישער טויט פון דער גאַנצער גרופּע קאָמוניסטן בראש מיט וואָזשיניאַקן אין אָשוויענטשים מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

פּוטראַמענטס געשטאַלטן און די ארויסגעבראַכטע קאַמפּס-סיטואַציעס, כאַראַקטעריסטישע פאַר די דרייסיקער יאָרן — געפינען זיך אין צענטער פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט, זיי זענען אין פאָדערגרונט. אמת, דער מחבר ברענגט אונדז ארויס א גאַלעריע פּאַרשוינען פון סאַנאַטאָרישן מלוכה-אַפּאַראַט (שוויענטאָיאַנסקי, זוואָלסקי, פּיאַסעצקי, א.א.). זיי זענען געלונגען געשילדערט, דיפערענצירט, אָבער נישט זיי בילדן די הויפּט-געשטאַלטן פון דער דערציילונג. די הויפּט-געשטאַלטן בילדן עדוואַרד יאַשינסקי, ראָמאַן זאַנדזשעיעווסקי און אַלע איבעריקע, וועלכע גרופּירן זיך ארום דער צייטשריפט „זשעטשיוויסטאָשטש". די טעטיקייט פון דער צייטשריפט, איר ראַדיקאַליזירונג, פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי, איר קאַמף קעגן פאַשיזם, — אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון „זשעטשיוויסטאָשטש".

אמת, קיין סימפּאַטישע געשטאַלט פון אַן אינטעליגענט האָט אונדז פּוטראַמענט נישט ארויסגעבראַכט, אָבער אָנגרייפערישע פּערסאָנאַזשן זענען סיי

יאַשינסקי, סיי אַנדזשעיעווסקי. דאָס זענען פּאָזיטיווע געשטאַלטן פֿון צווישן דער פּוילישער שעפֿערישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט איבערגעריסן מיט איר בירגערלעכן קלאַס און זיך געשטעלט אין דינסט און טעטיקייט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. אמת, דעם אַרבעטער-קלאַס דירעקט זעען מיר נישט. פֿאַראַן אַפֿילו איינצלנע איינגעגעבענע שילדערונגען פֿון שטרייק אין פּאַוויאַטאָוון שטעטל, פֿאַראַן שילדערונגען פֿון די קאָמוניסטן, וועלכע פֿירן אָן מיטן שטרייק. אָבער דעם אָטעם פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿילן מיר דורך דער פּריזמע פֿון קאַמף פֿון דער צייטשריפֿט קעגן פֿאַשיזם און אין דעם פּחד, וועלכן ס'רופֿט אַרויס די קאָמבאַוועגונג צווישן די באַאַמטע פֿון סאַנאַטאָרישן מלוכה-אַפּאַראַט.

אויך פֿאַסטערנאַקס די „קאָמונע פֿון דער שטאָט לאָמזשע“ איז אַ שילדערונג, ווי אין פֿאָדערגרונט געפֿינען זיך די פּאָזיטיווע געשטאַלטן — די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און אינטעליגענטן, די קאָמוניסטן, פּאָליט-אַרעסטירטע. דער מחבר ברענגט אַרויס דעם העראָיזם און די מאָראַלישע פֿון די פֿאַרשפּאַרטע הינטער די קראַטן, ער באַווייזט אונדז די געשפּאַנטקייט פֿון קאַמף, ווי אויף איין זייט געפֿינט זיך דער אַפּאַראַט פֿון פֿיזישער געוואַלד, ווען עס שטעלט זיך אַנטקעגן די פֿעסטע אָרגאַניזאַציע פֿון דער קאָמונע, וועלכע קעמפֿט, האַלט אָפּ נצחונות, ווייל איר כּוח איז די גרויסע אידעע פֿון קאָמוניזם, די גערעכטע זאַך פֿון אַרבעטער-קלאַס, דער טיפֿער גלויבן, אַז דער אמת און גערעכטיקייט וועלן זיגן.

אַלזאָ, אויך אין פֿאַסטערנאַקס שאַפֿונג איז די הויפּט-געשטאַלט די קאָמונע מיט אירע פֿירער, דער פּאָזיטיווער אָנגרייפֿערישער העלד. מיר האָבן פֿאַר זיך די קאָמונע אין איר כּסדרדיקער אַקציע, אין פּערמאַנענטן קאַמף קעגן דער תּפֿיסה-אַדמיניסטראַציע. געלונגען זענען אַרויסגעפֿירט אייניקע געשטאַלטן פֿון די פּאָליט-אַרעסטירטע: בראַטקאָווסקי, גורניאַק, ווערבאַ, סאָסנאַ. רירנד זענען די חבֿריש-מענטשלעכע באַציונגען צווישן די לעצטע צוויי, די זאָרג פֿון סאָסנאַ פֿאַרן קאַלעקע ווערבאַ. קיין סימפּאַטישע געשטאַלט האָבן מיר פֿונדעסטוועגן נישט. מיר האָבן געלונגען-אויפֿגעכאַפּטע כאַראַקטער-שטריכן פֿון קאָמוניסט בראַטקאָווסקי. זיין רעוואָלוציאָנערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיין סוגעסטיווע ווירקונג אויף די חבֿרים אַלס דערפֿאַרענער קאָמוניסט. אמת, די קאָמונע טרעט אויף ווי אַן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו אין קאַמף קעגן דער אַדמיניסטראַציע. דער קאָלעקטיוו איז אָבער ווייניק דיפֿערענצירט, ווייניק פּאַרטיפֿט, נישט סינטעזירט. דאָס אינערלעכע לעבן פֿון דער קאָמונע איז ווייניק אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זיינע טיפּישע רעטיילן, וועלכע שאַפֿן געוויינלעך די גאַנציקייט. דאַקעגן איז דער אַדמיניסטראַציע-פּערסאָנאַל אַרויס רעליעפֿער, פּלאַסטישער. סיי ביי פּומראַמעגטן און נאָך מער ביי פֿאַסטערנאַקן, צום אונטערשיד פֿון געווערלי, פֿילן מיר, אַז ווען זיי נעמען

אויפן וואַרשטאַט די נעגאַטיווע פּערסאָנאַזשן פון בירגערלעכן קלאַס, לאָדענען זיי אויס אין זיי זייער גאַנצע קינסטלערישע פּאַסיע. אונטערן רעפלעקטאָר פון פּאַסטערנאַקס סאַטירע און פּוטראַמענטס הומאָר הייבן אָן די דאָזיקע פאַרשוינען פלינק צו באַוועגן זיך, הייבן אָן לעבן מיט זייער לעבן, געוווינהייטן. ס'וואַקסן פאַר אונדז אויס פולבלוטיקע לעבעדיקע מענטשן. דער אַדמיניסטראַציע-פּער-סאָנאַל, די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן זייַנע באַאַמטע, באַזונדערס דער תפיסה-נאַטשאַלניק שומסקי, זיין אַספּיראַנט, זייער דעמאָראַליזאַציע און דעגענעראַציע זענען געצייכנט מיט גענויקייט און קענטעניש פון דער דאָזיקער סביבה.

צי דאָס איז שלעכט? צי דאָס איז אין סתירה צו דער אַוואַנסצענישקייט פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן?

ניין. דאָס זאָגט אָבער עדות דערפאַר, אַז פּאַסטערנאַק לעבט זיך אויס קינסטלעריש פולער, ברייטער ביים אַרויסברענגען די סביבה פון נעגאַטיווע טיפּן, די פּערסאָנאַזשן פון אונטערגייענדיקן בירגערלעכן קלאַס, פולער, ברייטער ווי ביים אַרויסברענגען די פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון די רעוואָ-לוציאָנערן, קאָמוניסטן. אָט דער אומשטאַנד ברענגט דערצו, וואָס הגם די פּאָזי-טיווע טיפּן דאַרפן לויט דער אידעיש-קינסטלערישער איינשטעלונג פון מחבר זיין אין צענטער, אין פאָדערגרונט פון דער דערציילונג, און דער מחבר טוט אַלץ, כדי דעם דאָזיקן פאַרטראַכט צו רעאַליזירן — שניידן זיך פונדעסטוועגן מער איין אין זכרון גראָד די נעגאַטיווע טיפּן, די פאַרשוינען פון סאַנאַטאָרישן מלוכה-אַפּאַראַט, ווייל זיי דערשיינען פאַר אונדז פּלאַסטישער, רעליעפער, פולבלוטיקער.

אין באָברוקס „מוטער און זון" האָבן מיר אן אייגנאַרטיקע סיטואַציע. אין פאָדערגרונט פון זיין אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג געפינען זיך צוויי געשטאַלטן, די מוטער און דער זון. דאָס זענען צוויי פּאָזיטיווע געשטאַלטן. זייער שילדערונג איז אַרויס זייער געלונגען. ס'איז פאַראַן אָבער אַ באַשטימטע נישט-גלייכמעסיקייט אין דער שילדערונג פון די כאַראַקטערן. דער שווערפּונקט פון דער דערציילונג, דאָס רוב בילדער זענען די קינדער-יאָרן פון זון און פון דער מוטער פון יענער צייט. ווינציקער שוין די יאָרן פון רייפקייט, פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז געשילדערט פראַגמענטאַריש. די נויט, ליידן — דאָס הייסט די דעמאַסקירונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרהעלטעניש — פול. דער קינסטלערישער באַדייט פון דער שאַפונג באַשטייט אַזוי אַרום אין דער שילדערונג פון די קינדער-יאָרן. אַזעלכע בילדער פון האָרפּישער נויט, פון הונגער, אַזוי פּלאַסטיש אַרויסגעבראַכט — איז אַ זעלטנקייט. די געשטאַלט פון דער מוטער — איז וואַרהאַפטיק און איבערצייגנדיק. דאָס פּראָבלעם פון אַוואַנ-סצענע ווערט אַזוי אַרום אין באָברוקס שאַפונג געלייזט אַנדערש, ווי אין די פריער דערמאָנטע ווערק.

זייער ווירקונג קומט נישט פון זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, נאָר פון זייערע גרויסע פיזישע און מאָראַלישע ליידן, וועלכע קאָנען פּונקט אַזוי אַראָפּזינקען דעם פאַרשטויסענעם פּראָלעטאַריער אין אָפּגרונט פון מאָראַלישער געפאַלנקייט, ווי אים אַרויפהייבן אויף די הויכע שפּיצן פון מאָראַלישער געלייטערטקייט, פון גייסטיקער דערהויבנקייט. באַברוק ווייזט אונדז ביידע שטראָמען, וועלכע רייסן זיך אריין אין דער האָרפּישער פּראָלעטאַרישער פאַמיליע. זיינע העלדן גייען אויפן צווייטן וועג. וואָס מער די נויט ציט זיי אַראָפּ, אַלץ העכער ציען זיי זיך אַרויף, ביז זיי דערגייען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: דער זון אַלס איר אַקטיוויסט, די מוטער אַלס איר פּערפעריע. די קינדער=יאָרן פאַרמאָגן קינסטלערישן סינטעז, די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז געבויט רעפּאָרטאַזשמעסיק.

אין דער אויטאָביאָגראַפישער שילדערונג פון טאַ־עוש פּעלים קומט אויך צום אויסדרוק די זעלבע דערשיינונג. די פּאָזיטיווע געשטאַלט אין איר אָנגריף איז אין פּראָפּאָרץ קלענער לגבי דער דעמאַסקאַטאָרישער קריטיק פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

ביים באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אוואַנסצענישקייט פון פּאָזיטיוון העלד אין דער היינטצייטיקער פּוילישער פּראָזע קאָנען מיר נישט נישט דערמאָנען די שאַפונג „וזשעסיען“ („סעפּטעמבער“) פון יעזשי פּוטראַמענט.

אין הינזיכט פון אוואַנסצענישקייט אינטערשיידט זיך די דאָזיקע שאַפונג פון די פריערדיקע. די צענטראַלע געשטאַלטן אין „וזשעסיען“ זענען נישט די אַרבעטער, די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן. זיי זענען פאַראַן, אָבער נישט אין צענטער פון די געשעענישן און אין צענטער פון די האַנדלונגען. זיי בילדן נישט די צענטראַלע כאַראַקטערן. דערמיט ווערט נישט געמינערט דער קינסטלערישער באַדייט פון דער שאַפונג ווי א דערגרייכונג פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם ביי אונדז אין פּוילן. די געשטאַלטן פון דער בורזשואַזער מיליע, זייערע כאַראַקטערן און האַנדלונגען, די אויפגעבויטע סיטואַציעס און געשעענישן ווערן באַלויכטן פון די קלאַסן=פּאָזיציעס פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דעם אמת פון דער זיך צעלייגערישער סביבה פון דער הערשנדיקער סאַנאַציע ברענגט אַרויס דער מחבר מיט דער אַנאַליטישער וואָרהאַפטיקייט און טיפקייט; וואָס איז אַזוי אייגן פאַר אַ קאָמוניסט. אַלזאָ, דאָס פּראָבלעם פון אַוואַנסצענישקייט פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָט דאָ אויבנאויף אַזוי ווי קיין שום אָנווענדונג נישט. אַזוי איז אָבער נישט. פאַרוואָס?

ווייל אין די לעצטע בילדער פון „וזשעסיען“ צעפאַלט זיך די גאַנצע בירגערלעכע סביבה, עס פאַרשווינדט דער פאַשיסטישער מלוכה=אַפּאַראַט, ער צעפאַלט זיך ווי א קאָרטן=שטיבל, און אויף דער סצענע בלייבט דער פּראָלעטאַריאַט, דאָס אָפּגענאַרטע און פאַראַכטעטע פאָלק און מיט אים די קאָמוניסטן, וועלכע

האָבן אויפגעריסן די תפיסה־קראטן און אוועק מיט ביקס אין האנט פארטיידיקן ווארשע פון דער היטלעריסטישער באַלאַגערונג.

די פּאָזיטיווע פערסאָנאַזשן, די קאָמוניסטן — פּאָליטארעסטירטע, די ארבע־טער־סביבה פון ווארשע און די פארקערפערונג פון פשוטן פאָלקס־מענטש — דער לערער און רעזערוו־אָפיציר מארקעוויטש — ווערן דערכן מחבר פון צייט צו צייט ארויסגעפירט, אָבער זיי פארשווינדן באלד. זיי האָבן בלויז געשפּילט אַ פּאַסיווע ראָל פון קאָנטראַסטירנדיקער אילוסטראציע צו דער אקטיווער פּאָרע־טרישער ראָל פון דער בורזשואזיע. נישט מער. צום סוף אָבער פון דער דער־ציילונג פארנעמען זיי די אוואנסצענע, ווי די איינציקע, וועלכע זענען פארבליבן מיטן ארבעטנדיקן פאָלק, וועלכע זענען אימשטאַנד צו ברענגען די אויסלייזונג פארן פאָלק.

דאָס פּראָבלעם פון דער אוואנסצענע פון פּאָזיטיווע העלדן, וואָס בילדעט אין דער היינטצייטיקער פוילישער פּראָזע א טרייע אָפּשפּיגלונג פון דער אוואנ־גארדישער ראָל פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין דער ווירקלעכקייט, נישט לאַנג פארגאנגענער און היינטצייטיקער, בינדט זיך אָרגאניש מיט א צווייט פּראָבלעם פון דער ווירקלעכקייט, מיטן פּראָבלעם פון פּאַטריאָטיזם פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער דערשיינט אלס דער איינציקער, היסטאָריש בארופענער פאקטאָר צו קאָנסאָלידירן די פוילישע נאַציע נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וועלכע ס'האָט גורם געווען די עגאָאיסטישע קלאסן־פּאָליטיק פון די פוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן.

די היינטצייטיקע פוילישע פּראָזע, וועלכע שילדערט די רעוואָלוציאָנערע פארגאנגענהייט פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט ברענגט ארויס פּאַראַלעל מיט דער אוואַנסצענישקייט פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן דעם פּאָליטיש־מאָראַלישן פאַנאַנדערפאַל פון דער בורזשואזער געזעלשאפט אין פארמלחמהדיקן פּאַשיסטישן פוילן.

דאָס איז א פאקט, וועלכער איז כאראקטעריסטיש אויך פאר דער פוילישער געזעלשאפט, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אויף דער שרעקלעכער נויט, פּייַנישע און מאָראַלישע ליידן פון מיליאָנען ארבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף.

דער מאָראַליש־פּאָליטישער פאנאנדערפאַל פון דער פוילישער בורזשואזער געזעלשאפט אין פאשיסטישן פוילן קומט צום אויסדרוק כמעט אין אלע באהאנדלטע דורך אונדז שאפונגען.

טיפּיש פארן האַזיקן פאנאנדערפאל איז געווען דער פוילונגס־פּראָצעס פון פאשיסטישן מלוכה־אַפּאַראַט. א קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג דערפון באקומען מיר אין אלע באהאנדלטע דורך אונדז שאפונגען. דער עיקר קומט דער האַזיקער פאקטאָר צום אויסדרוק אין פּאָטראַמענטס „וזשעסיען“ און „זשעטשיוויסטאָשטש“ און פאסטערנאַקס „די קאָמונע פון דער שטאָט לאָדזשע“, ביי וועלכע די שיל־

דערונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס בילדעט איינע פון די צענטראַלע סיוזשעט־ליניעס פון די דאָזיקע שאַפונגען.

דער פאַנאַנדערפאַל־פּראָצעס דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין, אַז די בורזשואַזע פּערסאָנאַזשן פאַרשווינדן. פאַרקערט, זיי זענען פאַראַן און געפינען זיך אין צענטער פון אַלע געשעענישן און קאָנפליקטן, זענען זייער טעטיק און אַקטיוו. ווי געזאָגט אויבן, ווערן זיי געשילדערט דורך פּוטראַמענטן און פּאַסטערנאַקן מיט געניטשאַפט און קענטעניש פון דער דאָזיקער סביבה. וואָס איז דאָס וועזנטלעכסטע ביים אָפּשאַצן זייער פאַנאַנדערפאַל?

דאָס וועזנטלעכסטע אין דער שילדערונג פון דער פאַרהעלטעניש צווישן די פּאָזיטיווע אַרבעטער־געשטאַלטן און די נעגאַטיווע בורזשואַזע־געשטאַלטן איז די דעפּענסיווע־פּאָזיציע פון די לעצטע. אין יעטווידן צוזאַמענטרעף און קאָנפליקט צווישן די דאָזיקע קעגנזעצלעכע צוויי וועלטן זעען מיר די מאָראַלישע איבערהאַנט פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־געשטאַלטן, פאָלקס־מענטשן איבער דער מאָראַלישער געפאַלנקייט, פּערזענלעכער נישטיקייט פון די בורזשואַז־פּריצישע פאַרשוינען. די ערשטע כאַראַקטעריזירט אידעישקייט, רעוואָלוציאָנערע פאַרהאַרטעוועטקייט, קאַמפס־גרייטקייט, חברישקייט, איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס, פון פאָלק אאַוו. אדגל. די צווייטע כאַראַקטעריזירט אידעישע פּוסטקייט, באַרימעריי, שטייגערישע דעמאָראַליזאַציע, שכרות, פּאָליטישער פאַראַט, פחדנות אאַוו. אדגל. דער שפּיצעל פּיאַסעצקי, דער לייטער פון אויספאָרשונגס־אַמט פּלאַריאַנסקי, דער וואָיעוואָדע טשאַפּלינסקי, דער פּראָקוראָר זוואָלסקי און „זשעטשיוויסטאָשטש", דער תפיסה־נאַטשאַלניק שומסקי, זיין אַספּיראַנט קנאָר, דער תפיסה־וועכטער פּינדערא, דער פּולקאָווניק קלין־זאַקליצקי און דער „קאָמונע פון דער שטאָט לאָמזשע", דער שפּיצעל, דער שכור „דזיאָבאַטי" און וויגאָדזקים „אַ בריוו פון אָפּאָלע", דער „דוואָיקאַזש" סטופּאָש און „אָנדענק פון צעלולאָזע" דאָס זענען לעבעדיקע פאַרשוינען, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם אונטערגאַנג פון דער פּוילישער בורזשואַז־פאַשיסטישער מלוכה.

דער דאָזיקער פּראָצעס, קינסטלעריש פאַרקערפּערט, בילדעט דעם וועזנטלעכסטן אַנטיפּאָד צו דער אוואַנסצענישקייט פון די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער הייַנטצייטיקער פּוילישער פּראָזע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דער טעמאַטיק פון אונדזער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט.

בינעם העלער

(א פּרוּוו פון א כאַראַקטעריסטיק)

בינעם העלער איז געווען פון די, וועלכע האָבן געצייכנט אַן אָנהייב: דעם אויפקום פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליריק אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער וואַרשעווער אָרעמקייט, אליין אַן אַרבעטער, האָט ער זיך גלייך באַהאָפטן מיטן פוילישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, מיטגעמאַכט זיין שווערן קאַמפּס־וועג צו פּאָליטישער מאַכט, זיין ביטערן געראַנגל מיטן פאַשיזם, זיינע דורכפאַלן און ענדגילטיקן נצחון.

העלערס דיכטערישער דעביוט פאַלט אויס אויפן אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין בורזשואַז־פּריצישן פוילן זענען געווען דעמלט שטאַרק געשפּאַנט. פאַרלוירן די מאַסן־באַזע, האָט זיך די פּילסודסקישע, פאַשיסטישע קליקע געפונען אין צושטאַנד פון פאַנאַנדערפאַל. טעראָר איז געוואָרן איר עיקרדיקער הערשאַפטס־מעטאָד. דער טעראָר קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן און אונטערדריקונגס־פּאָליטיק לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זענען געוואַקסן פּאַראַלעל מיט דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלן פאַראַט, מיט דער פּאָליטיק פון פאַרקויפן די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד דעם היטלערישן פאַשיזם. אינעם אָפּווער־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט זענען אַלץ מער געוואַקסן די עלעמענטן פון קאָנטער־אָנגריף. א דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס־שטימונג פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט האָט געהאַט די זיגרייכע סאָציאַליסטישע בויונג אין ראַטנפאַרבאַנד. גלענצנד פאַרענדיקט דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן, איז דער ראַטנפאַרבאַנד צוגעטרעטן צו דער רעאַליזאַציע פון צווייטן פינפיאָר־פּלאַן.

אין דער יידישער סביבה וואַקסן די איינפלוסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די סימפּאַטיע פאַרן ראַטנפאַרבאַנד. עס ווערן קלענער די איינפלוסן פון יידישן נאַציאָנאַליזם, פון ציוניזם און בונדיזם. היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, זיין אומפאַרשעמטע ברוטאַלע עפנטלעכע מלחמה־פּאָלי־

טיק, די פארשטארקטע טעטיקייט פון זייגע אגענטירן אין די שכנישע לענדער, באזונדערס אין פוילן, פארטיפן דעם באוווסטזיין פון די ברייטע יידישע פאלקס־מאסן אין פוילן וועגן דער שעדלעכקייט פון דער ציוניסטישער און בונדישער פאליטיק פון סעפארירן און אפזונדערן די יידישע פאלקס־מאסן פון פוילישן ארבעטנדיקן פאלק, פארטיפן דעם באוווסטזיין, אז די אידעאלאגיע און די פאליטיק פון דער קאמפארטיי איז די איינציק ריכטיקע און ווירקזאמע, אז דער אנשפאר פון פוילן אין מעכטיקן ראטנפארבאנד איז די צוים פארן היטלערישן הונט, ער זאל זיך נישט אפרייסן פון דער קייט, איז די גאראנטיע פאר דער־האלטן דעם שלום אין אייראפע. אט דאס איז אין גראבע שטריכן די סאציאלע און פאליטיש־מאראלישע מיליע, אין וועלכער ס'האט זיך אנגעהויבן געשטאלטיקן די רעוואלוציאנערע ליריק פון בינעם העלער.

ווי האט אויסגעזען דער צושטאנד אין דער ליטעראטור, וואס האט געזאלט דינען העלערן ווי אן אויסגאנגס־פונקט פאר זיין דיכטערישער טעטיקייט?

לויט אונדזער מיינונג לאזן זיך אנמערקן דריי פאקטארן, וועלכע האבן געווירקט אויפן קינסטלערישן שאפן פון בינעם העלער.

ערשטנס. דער פאנאנדערבלי פון דער פילנאציאנאלער ראטנפארבאנדישער ליטעראטור און די טריומפן פון סאציאליסטישן רעאליזם. מיר האלטן דעם דאזיקן פאקטאר פארן דעצידירנדיקן דערפאר, ווייל ער האט צום מיינסטן געווירקט באפרוכפערנדיק. די סאוועטישע ליטעראטור האט געצייכנט דעם נייעם עטאפ אין דער קינסטלערישער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. א ליטעראטור מיט נייע טיפע פראבלעמען, מיט וועלט־איבערגעשטאלטנדיקע פאדערונגען און ציִלן, מיט נייע גרויסע טאלאנטן, בראש פון וועלכע ס'האט געשפאנט דער פאעט פון דער סאוועטישער עפאכע, ולאדימיר מאיאקאווסקי.

דער צווייטער פאקטאר, וועלכער האט דירעקט געקאנט האבן אן איינפלוס אויף העלערן — איז די יונגע רעוואלוציאנערע פראלעטארישע פוילישע דיכטונג, אין וועלכע דאס ערשטע ארט האט פארנומען די פאעזיע פון וול. בראניעווסקי.

א דריטער פאקטאר, וועלכער האט געקאנט ווירקן בלויז מיט זיין נעגאטיוויקייט, איז די ירידה פון דער בירגערלעכער יידישער ליטעראטור אין פוילן. אויסער דער פראזע פון עוזר ווארשאווסקי, שמעון האראנטשיק און לייב אליצקי, וועלכע האבן, אמת, מיט געדיכטע נאטוראליסטישע מיטלען באמיט זיך ארויסצוברענגען אויף א קריטישן אופן לעבנס־אמתן פון דער יידישער סביבה פון נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין דער יידישער ליטעראטור אין פוילן, ספעציעל אין דער פאעזיע, ביזן אויפקום פון דער פראלעטארישער שרייבער־גרופע, כמעט א מדבר. די ראדיקאל־רעמאנטישע שטרעמונג אין דער יידישער דיכטונג, וואס איז אויפגעקומען אין די יארן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואלוציע (פרץ, אברהם רייזן, נאמבערג), איז אפגעשטעלט געווארן אין איר אנטוויקלונג.

דאָס הייסט נישט, אַז אין בורזשואַז־פּריצישן פּוילן זענען נישט געווען קיין יידישע פּאָעטן און אַז די דאָזיקע פּאָעטן האָבן נישט געשריבן. געווען אַפילו צווישן זיי באַדייטנדיקע טאַלאַנטן. ס׳פלעגן פאַרעפנטלעכט ווערן לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער“, ווי אויך אין דער ציוניסטישער און בונדישער פּרעסע. פון צייט צו צייט פלעגט זיך באַווייזן א זאַמלונג לידער פון דעם אָדער יענעם דיכטער. אָבער זאָל עמעצער פּרוּוון אָנרופן א ליד, א פּאָעמע, א באַלאַדע, וואָס זאָל האָבן אריין אין זכרון פון יידישן לייענער פון יענער צייט! די פּאָעזיע אַלס גאַנצע, סיי אידעיש סיי קינסטלעריש, איז געווען א טראָט צוריק לגבי דעם, וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. קיין נייער אמת, קיין נייע פאָרמלעכע דערגרייכונג! דער טומל פון די פוטוריסטן איז געווען די קרוין פון דער ירידה נישט בלויז אין אידעישן זין, נאָר אויך אין פאָרמלעכן זין. אמת, באַלד נאָך דער ערשטער מלחמה האָט זיך באַוויזן א דיכטערישע שאַפונג אין פּוילן, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף עפּעס נייעס. דאָס איז געווען „צען מיליאָן“ פון דוד איינהאָרן. דער הויפּט־מאָטיוו פון דער דאָזיקער שאַפונג איז געווען דער בלוטרישטער פּראָטעסט קעגן דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער א פּראָטעסט פון א קליינבירגערלעכן פּאַציפיסטישן כאַראַקטער, אַרויסגעבראַכט מיט שוואַכע קינסטלערישע מיטלען, אָן טאַלאַנט. די דאָזיקע פּאָעמע האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג, ווייל ס׳האָט פּראָטעסטירט א מענטש וואָס איז מאָראַליש געווען מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מלחמה. זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאַמראַדן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פון דער דייטשישער, פראַנצויזישער און ענגלישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָבן דאָך גערופן דעם אַרבעטער־קלאַס צו דער אימפּעריאַליסטישער שחיטה. דער בונד ווידער, זיין פּאַרטיי, האָט געהאַט צוויי מלחמה־אָריענטאַציעס. דער רוסישער בונד האָט געשטיצט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס, דער פּוילישער בונד האָט געשטיצט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־פּאָליטיק פון די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און רעכטע פּעפּעסאַוועצעס. אין דער זעלביקער צייט, ווען סדקפּלאָווצעס ווערן אַרעסטירט דורך דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, ווערט מעדעם באַפרייט פון וואַרשעווער תפיסה, בעתן אָקופּירן פּוילן דורכן קייזערישן דייטשלאַנד אין 1915 יאָר.

דער דאָזיקער צושטאַנד איז געווען א רעזולטאַט דערפון, וואָס די בירגערלעכע יידישע ליטעראַטור האָט איבערגעלעבט דעם זעלביקן ירידה־פּראָצעס, וואָס די בירגערלעכע ליטעראַטור בכלל. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געפונען אין די רעגירונגען פון א ריי מערב־אייראָפּעיִשע לענדער, האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געקאָנט שאַפן קיין אייגענע עסטעטיק, וועלכע זאָל סטימולירן די ליטעראַטור־שאַפונג. די נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע פון ציוניזם און בונדיזם האָט אויך נישט געקאָנט און

נישט געשאַפֿן קיין עסטעטיק, וואָס זאָל באַפֿרוכפּערן די קונסט און ליטעראַטור. דערפֿון די פּוסטקייט אין דער ייִדישער דיכטונג פֿון פּוילן ביזן אויפֿקום פֿון דער רעוואָלוציאָנער-פּראָלעטאַרישער דיכטונג.

די דאָזיקע ירידה איז באַגלייט געוואָרן מיט א פֿאַרביסענעם קאַמף קעגן דער נייער סאָציאַליסטישער קולטור פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און איר אויסווירקונג אויף די פֿאָלקס-מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אויף די פֿאָלקס-מאַסן פֿון בורזשואַז-פּריצישן פּוילן.

ס'איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, וואָס דיכטער, קינדער פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט אין פּוילן, וועלכע האָבן איבערגענומען די ירושה פֿון דער ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישער שטרעמונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן אין פֿאַרבינדונג מיט דער ווירקונג פֿון די פֿריער-דערמאָנטע צוויי עיקרדיקע ליטעראַרישע פֿאַקטאָרן, פֿון דער סאָוועטישער און רעוואָלוציאָנער-פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין פּוילן, זייער דיכטערישן וועג געצייכנט מיט א פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס איז אויך געווען דער דיכטערישער אַנטוויקלונגס-וועג פֿון בינעם העלער.

אַלזאָ, דער פּראָצעס פֿון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פֿון דער נייער ווירקלעכקייט אין פּוילן, דערין צווישן די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן, וואָס איז ווי יעטווערער פּראָצעס באַדינגט דורך אַן אָביעקטיווער געזעצמעסיקייט — האָט אָנגעהויבן אַרויסצוברענגען נייע לעבנס-אמתן: דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט קעגן דער אָרדענונג פֿון עקספּלואַטאַציע און מלחמה, קעגן פֿאַשיזם, און דעם אָנטייל אין אים פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט — דעם קאַמף פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן און איר ווירקונג צווישן די ברייטע ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן. דאָס איז געווען דאָס נייע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג אין פּוילן, דאָס איז געווען דאָס נייע, וואָס בינעם העלער האָט אַריינגעבראַכט אין דער ייִדישער פּאָעזיע אין פּוילן.

בינעם העלערס קינסטלערישע טעטיקייט לאָזט זיך איינטיילן אין דריי פּעריאָדן. דער ערשטער פּעריאָד נעמט אַרום די צייט פֿון אָנהייב פֿון זיין ליטעראַרישן שאַפֿן ביזן איבערפֿאַל פֿון היטלערן אויף פּוילן. דער צווייטער פּעריאָד נעמט אַרום די צייט פֿון די מלחמה-יאָרן ביזן אומקער קיין פּוילן. דער דריטער פּעריאָד — דאָס איז די קינסטלערישע טעטיקייט אין באַפֿרייטן פֿאָלקס-דעמאָקראַטישן פּוילן.

אמת, דער איבערגאַנג צווישן די אָנגעצייכנטע פּעריאָדן שפּיגלט נישט אָפּ קיין ראַדיקאַלע איבערברוכס-מאָמענטן אין העלערס ליטעראַרישן שאַפֿן. זיי ווייזן אונדז אָבער וועזנטלעכע אונטערשידן אינעם געמיט-צושטאַנד פֿון דיכטער. די אַנטוויקלונגס-ליניע פֿון דיכטער איז א זיגזאַגאַרטיקע, הגם די טענדענץ איז

דער גאַנג באַרג אַרויף. די דאָזיקע איינטיילונג באַטראַכטן מיר אויך טיילווייז פאַר אַ באַשטימטע רושטאָוואַניע, מיט דער הילף פון וועלכער אונדז וועט לייכטער זיין דורכצופירן דעם קריטישן אַנאַליז פון דיכטערס שאַפונג. מיר וועלן זיך אָבער ניט אומעטום האַלטן שטרענג ביי דער איינטיילונג. ביים באַהאַנדלען געוויסע פראָבלעמען וועלן מיר זיין געצוווּנגען אַרויסצוגיין אויסער די גרענעצן פון די געגעבענע פעריאָדן און זיי באַהאַנדלען אין קוועשניט פון *גאַנצן* קינסט-לערישן שאַפן פון דיכטער.

די הויפט-פאָרם פון העלערס שאַפן איז די ליריק.

אַ פאָר ווערטער וועגן ליריק.

די בורזשואַזע עסטעטיקער, כלערליי פאָרמאַליסטן האָבן זיך שטענדיק באַמיט צו פאַרקריפּלען דעם איינגנטלעכן באַדייט און זין פון דער ליריק. מחמת דעם, וואָס די ליריק האָט צו טאָן מיט די פערזענלעכע איבערלעבונגען פון דיכ-טער, קאָן מען דעריבער — האַלטן די פאָרמאַליסטן — בלויז אורטיילן וועגן געמיט-צושטאַנד פון דיכטער, וועגן זיינע פריידן און ליידן, דערפאָלגן און מפלות. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַגרענעצן די ראָל פון דער דאָזיקער קונסט-פאָרם, לייקענען אין איר דערקענטעניש-מעגלעכקייט פון דעם אָביעקטיוון אַרום, אין איר סאָציאַלן דערציונגס-כאַראַקטער.

די מאַרקסיסטיש-לעניניסטישע עסטעטיק וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ די דאָזיקע פאַלשע, פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונג וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון דער ליריק.

צום אונטערשייד פון עפּאָס און דראַמע, איז די ליריק פאַרקוקט אין די פערזענלעכע איבערלעבונגען פון דיכטער גופא. אין צענטער פון דער ליריק שטייט דער דיכטער. ער איז איר שטענדיקער העלד. דער אָביעקט פון דער ליריק איז דער דיכטער מיט זיינע איבערלעבונגען, די אינערלעכע רייכע וועלט פון דיכטער גופא. דאָס הייסט, אַז דער אָביעקט פון דער לירישער קונסט איז גלייכצייטיק איר סוביעקט, איר שעפער. אין דער ליריק פאַלט זיך אַזוי אַרום צוזאַמען דער אָביעקט מיטן סוביעקט אין איין געשטאַלט. דאָס איז די *ספּעציפיק* פון *דער ליריק*. דערפון איר מעכטיקע באַווירקונגס-קראַפט.

דער סוביעקטיוויזם פון דער ליריק האָט אָבער גאָרניט צו טאָן מיטן בורזשואַז-פאָרמאַליסטישן סוביעקטיוויזם, וועלכער באַטראַכט די ליריק אָפּגעריסן פון סאָציאַל-פאָליטישן אַרום, עגאָצענטריש, אינדיווידואַליסטיש, אָפּגעריסן פון די איבערלעבונגען פון פאָלק.

די מאַרקסיסטיש-לעניניסטישע עסטעטיק גייט אַרויס פון דער הנחה פון דער איינהייט פון דיכטער און דער געזעלשאַפט. דער דיכטער-ליריקער לעבט און שאַפט אין קאָנקרעטע סאָציאַל-עקאָנאָמישע און פאָליטיש-מאָראַלישע באַדינ-גונגען. זיינע איבערלעבונגען זענען ניט קיין אַבסטראַקטע, אָפּגעריסענע פון דער סאָציאַל-מאָראַלישער סביבה, אין וועלכער ער לעבט. אין דער קלאַסן-

געזעלשאַפֿט איז אויך די ליריק אָריענטירט קלאַסנמעסיק. דער דיכטער־ליריקער לעבט, אָטעמט מיטן לעבן פֿון זײַן קאָנקרעטן אַרום. דאָס הייסט, אַז די רייכע, פֿילפֿאַרביקע אינערלעכע וועלט פֿון ליריקער, וועלכע געשטאַלטיקט זיך עמאָציאָנעל אין בילדער, אין האַרמאָנישע קלאַנגען פֿון ריטם און גראַם, איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן פֿון דער *דרויסנדיקער* *וועלט*. די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט ווערט דערקענט *דורך* דער *פּערזענלעכקייט* פֿון דיכטער. ער שטייט אין צענטער, דורך אים זעען מיר די וועלט, דעם אַרום, *דורך* אים ווערט זי אָפּגעשפּיגלט.

ביעלינסקי האָט געשריבן:

„די פּערזענלעכקייט פֿון פּאָעט געפֿינט זיך דאָ אויפֿן ערשטן פּלאַן, און מיר נעמען אויף און פֿאַרשטייען נישט אַנדערש, ווי דורך איר. דאָס איז די *ליריש*ע פּאָעזיע" („אויסגעוויילטע ווערק", זײַט 224).

די אייגנהייט פֿון דיכטער און דער געזעלשאַפֿט האָט פּאָעטיש אויסגעדריקט אַדאַם מיצקיעוויטש אין דער „אימפּראָוויזאַציע" פֿון „דזיאַדי":

„Nazywam się Miliyon — bo za miliyony
Kocham i cierpię katusze".

די ספּעציפֿיק פֿון דער ליריק פֿאַרמאָגט צווישן אַנדערן נאָך זייער אַ וויכטיקע אייגנשאַפֿט: די אידענטיפֿיצירונג פֿון לייענער מיטן קינסטלערישן העלד. שוין אין דער עפּישער קונסט ווערט דער גראַד פֿון קינסטלעריש־אידעיִשער באַווירקונג געמאָסטן דערמיט, ווי ווייט דער לייענער אָדער צוהערער הייבט אָן איבערצולעבן און מיטצולעבן מיט די לײַדן אָדער פֿריידן פֿון די קינסטלערישע געשטאַלטן. ביי קינדער, ביי יוגנטלעכע דערגייט עס אָפֿט צו אידענטיפֿיצירונג. זיי נעמען זיך אַזוי איבער מיטן גורל פֿון זייער העלד, אַז זיי פֿילן אים אָפּ ווי אַ פּערזענלעכן גורל. פֿאַראַן קינדער אַפֿילו, וועלכע הייבן אָן צו לעבן לויטן לעבן פֿון ליטעראַרישן העלד, זיי אידענטיפֿיצירן זיך מיט דער קינסטלערישער געשטאַלט. אָבער דאָס, וואָס אין דער עפּיק איז אַן אויסנאַם פֿאַר די דערוואַקסענע און אַן אָפֿטע דערשיינונג ביי קינדער — איז אין דער ליריק אַ געזעצמעסיקייט פֿאַר די דערוואַקסענע. אין דער ליריק פֿאַרוואַנדלט דער דיכטער *זײַנע* איבערלעבונגען אין *איבערלעבונגען* פֿון זײַן לייענער אָדער צוהערער. מיט דער הילף פֿון זײַן לירישער דיכטונג געשטאַלטיקט דער דיכטער די איבערלעבונגען, שטימונגען פֿון זײַן לייענער אַז ער׳ד אַזוי, ווי ער האָט אַליין געפֿילט, ווי ער איז אַליין געווען געשטימט. מיר זאָגן אַז ער׳ד, ווייל דאָס איז אָפּהענגיק פֿון דער גרייס פֿון טאַלאַנט. ביים געניאַלן ליריקער דערגייט עס צו אַבסאָלוט. דאָס הייסט די שטימונג פֿון דיכטער ווערט אַדעקוואַט אַרויסגערופֿן ביים לייענער און דעקט זיך מיט דער שטימונג פֿון דיכטער. די דאָזיקע אידענטיפֿיצירונג שטייט אין גלייכער פֿאַרהעלטעניש צו דער נאָענטקייט פֿון דיכטער צו זײַן מיליע. וואָס

נענטער עס זענען די איבערלעבונגען און שטימונגען פון דיכטער צו די שטימונגען פון זיין סביבה, אַלץ שטאַרקער איז די אידענטיפיצירונג, די אַבסאָלוטיזירונג פון דיכטער און לייענער. די אידענטיפיצירונג געשעט נאָך צוליב איין סיבה, וואָס דער דיכטער טראָגט אונטער דעם לייענער זיינע (דעם לייענערס) איבערלעבונגען קינסטלעריש געשטאַלטיקט, דאָס הייסט אין אַ סינטעטישער פאָרם, אין וועלכער די אינדיווידועלע איבערלעבונג פון לייענער לייזט זיך אויף אין איר טיפּישער פאַרקערפּערונג.

פון דעם אַלעמען געזאָגטן לאָזט זיך מאַכן דער אויספיר, אַז דער באַדינג פאַר ליריק, וואָס זאָל קינסטלעריש און אידעיש ווירקן אין געשטאַלטיקן די עמאָציאָנעלע ספערע און אָנשויונגען פון לייענער, איז איר רעאַליסטישער כאַראַקטער. כּדי דער ליריקער זאָל זיך אידענטיפיצירן מיטן לייענער, מוזן זיינע איבערלעבונגען רעאַליסטיש אָפּשפּיגלען די איבערלעבונגען פון לייענער און אַרויסגעבראַכט ווערן אויף אַ טיפּישן אופן. אָן דעם איז נישט פאַראַן קיין עכטע ליריק.

די הויפּט-פאָרם פון ביינעם העלערס דיכטונג איז די ליריק. אַלס ליריקער האָט אויפגעשיינט ביינעם העלערס טאַלאַנט אין די דרייסיקער יאָרן, אַלס ליריקער שטראַלט ער ביזן היינטיקן טאָג.

ווען ביינעם העלער און משה שולשטיין (זיי גייען געפּאָרט אין זייער אויפקום און אַנטוויקלונג) קאָן מען נישט זאָגן, אַז זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן, אָדער נייע טענער אין דער יידישער דיכטונג פון פּוילן. זיי זענען נישט געווען נאָך צוויי טאַלאַנטן. ניין. ביינעם העלער און משה שולשטיין האָבן אַריינגעבראַכט אַ גאָר ניי געזאַנג, נייע געפילן, נייע איבערלעבונגען, נייע פאַרלאַנגען — אַ ניי געזאַנג סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויטן אויסדרוק.

ביינעם העלער און משה שולשטיין האָבן געירשנט דעם אומעט, דעם טרויער, וואָס האָט געוויעט פון פּרצעס „דריי נייטאָרינס“, פון נאָמבערגס „ווינט-ליד“, אָבער נישט עפּיגאָניש זיי נאָכגעמאַכט, ווי די יעניקע דיכטער, וועלכע זענען געווען ראַדיקאַל-דעמאָקראַטיש געשטימט, אָבער נישט אַרויסגעגאַנגען אויסער די גרענעצן פון ציוניסטישן אָדער בונדישן נאַציאָנאַליזם, ווען אַפילו זיי זענען פאָרמעל געווען אומפּאַרטייאיש און זיך דערפון נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. (שנאַפּער, משה שימעל, זאַראַמב). ביינעם העלער און משה שולשטיין זענען אויך נישט שטיין געבליבן ביי דער אַבסטראַקטער רעוואָלוציאָנערער פּאַטעטיק פון ווינטשעווסקי און באָוושאָווער, וועלכע האָט אין זייער צייט אָן ספק געהאַט אַ דערציערישע באַדייטונג, דעמאַסקירנדיק אין אַלגעמיין די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג און רופנדיק אין אַלגעמיין דעם אַרבעטער-קלאַס צום קאַמף מיט איר.

אויך ביינעם העלער פילט אָפּ די נויט און ליידן פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. אין זיין „האַרבסט-ליד“ (1934) לייענען מיר:

„בליפ־בלאַפּ — בליפּען שוך,
ערגעץ וואַרט אַ ווייב אין קיך —
און דער שפּעטער האַרבסט
שווענקט די שייבלעך אינעם ווינט,
וויגט אין פיבער איין אַ קינד —
אוי, דער שווערער האַרבסט!
נאָר דער טאַטע שפּאַנט און שפּאַנט,
שוואַרצע פאַרב איז אין זיין האַנט,
און אַרום איז האַרבסט.
הענגט דער הימל שווער און גרוי —
אַרבעט שוין פון לאַנג גישטאָ.
איצט איז טיפער האַרבסט".

און אינעם ליד „מיינע הענט":

„און אַט ליגן פאַר מיר מיינע הענט
און איך טראַכט:
וואָס וועט מיט זיי זיין,
וואָס וועט מיט זיי זיין?"

ביי העלערן איז נישט פאַראַן קיין אַבסטראַקטע נאַטור. די געדריקטע שטימונג צוליב דער אַרבעטלאָזיקייט, צוליב דער נויט, גיסט זיך צונויף מיטן אומעט פון האַרבסט.

העלער קען שוין אָבער אויך אַנדערע געפילן פון לייד ן. די פרוי פון דער יידישער אָרעמקייט פילט אָפּ די בורזשואַז־פּריצישע אָרדענונג פון פוילן נישט בלויז דורך אַרבעטלאָזיקייט, דורך נויט:

„אַמאָל קומען אָן שליחים פון נאַכט
מיט קורצע באַפעלן: זיך אָנטאָן און גיין!
און ס'וויקלט די מאַמע די הענט אין געפלעכט
און הילט אירע אַקסלען אין דינעם געוויין".
(„גידעריקע באַלקנס")

וואָלט אָבער העלער זיך פאַרהאַלטן בלויז ביים אומעט פון נויט און ליידן צוליב דער קאַפּיטאַליסטישער אכזריות, וואָלט ער צוגעלייגט נאָך אַ ציגעלע צום קריטישן רעאַליזם, וואָלט זיין ליריק נישט געווען מאָביליזירנדיק, קעמפעריש. דאָס נ יי ע אין דער יידישער פּאָעזיע, וואָס העלער האָט צוזאַמען מיט שול־שטיינען אַריינגעבראַכט איז, אַז סמאָטשע און מילע איז נישט אָפּגעטיילט פון וואָליע און טשערניאַקאָווסקע, ווי

„יעדער שטיין דאָ קען דעם טעם פון קלעפּיק־הייסן בלוט,
יעדע וואַנט — דעם רויטן רוף צו שלאַכט.
גייען זין אַוועק מיט פרייע, זינגענדיקע טריט,
הינטער זיי — בלייבט שווייגנדיק די נאַכט".
(„יעדער שטיין, יעדע וואַנט")

פרייע זינגענדיקע טריט פון יידישע אַרבעטער, וועלכע גייען אויפן רויטן רוף צו שלאַכט — אָט דאָס איז דאָס נייע געזאַנג, אָט דאָס איז די נייע יידישע רעוואָלוציאָנערע ליריק, וועלכע העלער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע פון בורזשואַז־פּריצישן פּוילן.

און ווען דער דיכטער רופט אויס:

„אויף פרייד וועל איך טוישן מיין אומעט, אויף חוצפּה —
— מיין שרעק
איך האָב שוין דעם אומרו פון שטייגערנע גאַסן דערהערט".
(„כ'וועל אַ קלאַפּ טאָן")

דאָן פילן מיר אַפּ דעם נייעם אמת, וועלכן דער דיכטער האָט אַנטפּלעקט, דעם אמת, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט דעם אומעט פון נויט און אַרבעטלאָזי־קייט און די גערירשנטע פון דורות שרעק פון דער קליינשטעטלדיקער יידישער פּאַרחושכטער און פאַרשטויסענער פאָלקס־מאַסע — איבערגעשמידט אין קאַמפס־פרייד און קאַמפס־דרייסטקייט קעגן די בייזע כוחות פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, אין אַן אומרו פון שטייגערנע גאַסן, וועלכע וואַרפן אָן אַ פּחד, אָבער שוין אויף דער בורזשואַזיע.

נישט קיין מיטגעפיל צו דעם ביטערן מצב פון דער יידישער אָרעמקייט און נישט קיין באַדויערן פילן מיר אַרויס ביי העלערן. דערהמיט איז אויסגעפילט געווען די פּאָעזיע פון אברהם רייזן, נאָמבערג און זייער גלייכן, וואָס איז פאַר זייער צייט געווען פּראָגרעסיוו, ווייל זיי האָבן דערמיט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט אויפן נייעם קלאַס, אויפן קלאַס יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכער האָט זיך געפונען אין פּראָצעס פון אויסטיילן זיך פון דער יידישער קליינשטעטלדיקער באַלמעלאָכעשער מאַסע. זיי האָבן באַדויערט דעם יידישן אַרבעטער און אָרעמאַן, העכסטנס האָבן זיי געזאָגט, אַז ער גראָבט פאַרן שקר אַ גרוב, אַז ס'זענען אויס־געקומען נייע גלעקער נישט צום שרעקן די יידישע פאָלקס־מאַסע, נאָר צום וועקן. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר זיי איז אָבער געווען דאָס, וואָס זיי זענען געווען אָבסערוואַטאָרן, באַזונגען די נויט און די דערוואַכונג, ווי מענטשן געקומענע פון אַ זייט, אמת, מיט סימפּאַטיע, אָבער דאָך פון אַ זייט. ווען העלער זאָגט אָבער, אַז ער וועט אויף פרייד טוישן זיין אומעט און אויף חוצפּה זיין שרעק, איז צווישן העלערן און דעם יידישן אַרבעטער נישטאָ קיין שום סאָציאַלע דיסטאַנץ.

דער דיכטער איז דער העלד פון די טיפע און דערהויבענע איבערלעבונגען, און זיינע געפילן און איבערלעבונגען אנטשפרעכן די איבערלעבונגען און געפילן פון יידישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער, דעם קעמפער. דער דיכטער און דער יידישער אַרבעטער — איז איין געשטאַלט.

העלער, דער דיכטער־רעוואָלוציאָנער, האָט דעם פולן באַוווסטזיין פון זיין דיכטעריש־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ער ווייסט די געפאַרן, וועלכע לויערן אויף אים, ער איז אָבער איבערגענומען מיטן געפיל פון פרייד און סאַטיספאַקציע, אַז דער קאַמף מיט זיינע געפאַרן איז נישט קיין אומזיסטער, אַז דער קאַמף פירט צו דער רעוואָלוציע, צו דער מאכט פון ארבעטער־קלאַס, דעריבער:

„איז מיר גוט, אַזוי גוט
פאַרבייגיין פאַרן ראַטוש
און פילן,
אַז מיינע אַקסלען
זענען טרעפּלעך
פאַר אַ דור,
וואָס קלעטערט
אַרויפצו.
צום טורעם
מיט פאָן
און מיט האָר
געצוואָגענע
אין שטורעם“.

(„איז מיר גוט“)

צי האָט דער יידישער אַרבעטער פאַר דער מלחמה אין פוילן נאָכן איבער־לייענען די דאָזיקע שורות, נישט באַקומען פליגל, צי האָבן זיי אים נישט געמוטיקט קעגן די שרעקן פון יאָרן תפיסה און פּאָליציייאישע נאָכיאָגעכץ — ווען ער האָט דערפילט און דערקענט, אַז ער קלעטערט צום טורעם מיט פאָן און האָר געצוואָגענע אין שטורעם.

דאָס נייע פון בינעם העלער אין דער יידישער פּאָעזיע פון פאַרמלחמהדיקן פוילן איז באַשטאַנען אויך דערין, וואָס ער האָט דאָס צאַרטע פּאָעטישע וואָרט אַרויסגעריסן פון זיין געפענגעניש און עס געשענקט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ביז העלערן האָבן די בירגערלעכע פיינשמעקער געקאָנט איינרעדן דעם עולם, אַז דאָס סובטילע פּאָעטישע וואָרט איז בלויז אָנגעמאָסטן פאַר געפיל פון ליבע, פאַרן פילפאַרביקן און שטימונגס־פולן זון־פאַרגאַנג, פאַרן זילבערנעם שפּיגל פון שטילן אָזיערע־וואַסער אין אַ לבנהדיקער זומער־נאַכט אאַ״וו אד״גל. בינעם

העלער האָט צעבראָכן דאָס ראַזיקע פּאָעטישע געטשל. ביגעם העלער האָט דעם הארטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אָנגעקליידט דאָס צאַרטע, דאָס איידעלע פּאָעטישע וואָרט און דערמיט אַרויסגעבראַכט די אינערלעכע שיינקייט און דערהויבנקייט פון קאַמף און דעם פּאָעטישן וואָרט, וואָס האָט זיך שיין געשטיקט אין די פּער־פומען־ריחות פון דער בירגערלעכער ליבע און אין דער אַבסטראַקטער נאַטור־שיינקייט, געגעבן נייע זאַפטן. העלער האָט דערוויזן, אַז דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קאָן מען אויסדריקן נישט בלויז דורכן געקלימפּער פון פּאַנפּאַרן, נאָר אויך דורך סובטעל־סאַמעטענע קלאַנגען.

ביעלינסקי זאָגט אויף אַן אָרט, אַז די ספּעציפיק פון דער פּאָעזיע דריקט זיך אויס דערין, וואָס צייטנווייז פּאַרלירט זיך דער אונטערשייד צווישן איר און דער מוזיק. דאָס עמאָציאָנעל־מוזיקאַלישע אין דער פּאָעזיע נעמט די אויבער־האַנט איבערן געדאַנקלעך־אינהאַלטלעכן. אין דער פּאָעזיע פון פּאָלקלאָר זענען פאַראַן צייטנווייז שורות, וואָס ווירקן בלויז מיט זייער מוזיקאַלישקייט, ווייל דער אינהאַלט פון די ווערטער האָט צומאָל קיין זין נישט אַפילו. (דערפון — זאָל אונדז דערלויבט זיין צוצוגעבן — דער פאַקט, וואָס פּאָעזיע האָבן מיר ל י ב צ ו ה ע ר ן מער ווי צו לייענען). העלערן האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן די איינ־הייט פון עמאָציאָנעל־מוזיקאַלישן מיטן געדאַנקלעך־אינהאַלטלעכן. ער האָט דאָס דערגרייכט מיט זיין צ אַ ר ט פּאָעטיש וואָרט.

וויפל מוזיקאַלישקייט איז פאַרבאָרגן אין דער פרייד פון אָנטיילנעמען אין פּאַמפּס־מאַרש צום ליכטיקן סאָציאַליסטישן מאָרגן:

„וויפל פרייד עס גרינט איצט אין מיין בליק,
וויפל בלוט עס זינגט איצט אין מיין גוף, —
איז אַלץ נאָך נישט קיין טויזנטייל פון גליק
פאַר אַנונג פון ליכטיקן באַרוף
צו טראָגן מיין געזאַנג, ווי אַ באַגלייט,
צום ווירבל־ריטם פון רוישנדיקע טעג
און זינגען פּונקט ווי איינער פון דער ריי,
ווי איינער פון מיין דור אויף אונטערוועגס“.

(„וויפל פרייד“)

קיין שום מענטשלעכע געפילן זענען העלערן נישט פרעמד געווען. העלער האָט זיך באַמיט דערגייער אויפצופּראַלן אין דער גאַנצער טיף און ברייט די נשמה־רייכקייט פון יידישן אַרבעטער, וועמען זיין קאַמף, זיין נויט, זיינע פריידן, זיינע אינטימע איבערלעבונגען. שוין שלום־עליכם האָט אונדז געוויזן, אַז פילן טיף, איבערלעבן, קאָן בלויז דער עמך שער אין איינס. בעת דאָס ליבע־געפיל ביים גביר איז מגושמדיק, תּאוותדיק (אַבראַמטשיק אין „טביה דעם מילכיקן“)

איז עס ביים אַרבעטס=מענטש צאַרט, איידל, איך וואָלט געזאָגט פּאָעטיש („סטעמ= פּעניו“. צייטל, האָדל, חוה אין „טביה דעם מילכיקן“). די דאָזיקע סאָציאַלע ניואַנסירונג פון ליבע=געפיל, וואָס שלום=עליכם האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור איז שפּעטער אָפּגעווישט געוואָרן דורך די קליינבירגער־לעד= געשטימטע יידישע פּאָעטן פון בורזשואַז=פּריצישן פּוילן. זיי האָבן אַבסאָלוטיזירט דאָס ליבע=געפיל, אויסגעטאָן עס פון סאָציאַלן קלייד און עס איבערגעלאָזט הויל=נאַקעט, אַנאָנים, איך וואָלט געזאָגט, אַנטמענטשט (גראַדע, רובינשטיין). בלויז העלער האָט אָנגעבונדן צו דער רייכער ירושה פון שלום=עליכמען. ער האָט זיך אויך ווינציק וואָס גערעכנט מיט די ליטעראַטישע שטימונגען אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג אין פּוילן בנוגע ליבע=מאָטיוון אין דער פּאָעזיע. די ליטעראַטישן האָבן געהאַלטן, אַז אין צייטן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף איז פאַר ליבע=געפילן נישט פאַראַן קיין אָרט אין דער פּאָעזיע. האָס זענען געווען ווייטע אָפּקלאַנגען פון דער פאַלשער טעאָריע וועגן „גלאָז וואַסער“ (קאָלאָנ= טאַי. האָט דאָס ליבע=געפיל צווישן געשלעכטער טראַקטירט ווי אויסטרינקען א גלאָז וואַסער).

ביינעם העלער האָט דער ערשטער אין פּוילן אַריינגעבראַכט אין דער רעוואָ= לוציאָנערער ליריק די ליבע=טעמע. און אויף וואָסער הייך ער האָט זי אויפגעהויבן! העלערס ליבע איז נישט קיין אַנטמענטשטע ליבע. זי האָט סביבה, זי איז נישט אַבסטראַקט. ס'איז נישט קיין אויסגוס פון אַנאָנימע ליבע=געפילן. העלער האָט אין זיין פּאָעזיע „אויפן ווינט“ געוויזן, ווי אַזוי דאָס ליבע=געפיל מאַכט דורך אַלע יסורים און פרייד פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער. ווי אַזוי דאָס ליבע=געפיל ווערט געשטיקט דורך דער גזירה, און ווי אַזוי עס שטראַלט און בליט אין די הייסע געפעכטן. העלערס ליבע איז טיף מענטשלעך, גליק געווייקט אין הייסע טרערן.

אָט ווי העלער הייבט אָן באַשרייבן די ליבע פון זיין העלד:

„ווער האָט פאַרלאָשן דעם שניי,
דעמלט ווען איך האָב דיך דערקענט?
איז דאָס געווען דער ווינט,
צי גאָר דיינע ליכטיקע הענט?

(„ערב פרילינג“)

ווי ס'איז פון אונטער די פיס,
האָט זיך די פרעמדקייט געבראָכן —
אין הייסע געפלאַכטענע אָרעמס
האָט פרילינג געפייערט נצחון“.

(דאָרטן)

אייגנטלעך וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן צום דיכטער: גענוג, דערציייל נישט מער. מיר האָבן אָפּגעפילט די שיינקייט פון דיין געפיל, די באַרוישטקייט פון דיין גליק אין דער שורה:

וועד האָט פאַרלאָשן דעם שניי...

אָבער דעמלט וואָלטן מיר נישט געזען די עוולה, וואָס דאָס ליבע־געפיל האָט אויסצושטיין פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָלטן מיר נישט געזען פאַרשטויסנקייט און האַכלאָזיקייט.

„פון מוראַנאָוו ביז צו דער ווייסל,
פון דזשיקע ביז קערבעדזשער בריק —
אין יעדן טויער ז'פאַראַנען
אַ סטאַנציע פאַר אונדזער גליק"

(„אין יעדן טויער")

דאָס געליבטע מיידל איז אַן אַרבעטער־מיידל, נישט שטענדיק עסט זי צו דער זעט. דאָס געפיל פון ליבע מישט זיך דעריבער מיטן געפיל פון הונגער:

„כ'האָב היינט נישט געהאַט נאָך אין מויל,
און ווייטער שוין האָט זי געשוויגן,
נאָר געוואָרן איז פיל מיין געהיר
מיט שאַרפן און פיינלעכן ניגון".

(„הונגער")

די אײדעלע געפילן פון דעם פּראָלעטאַרישן פּאָרל ווערן געשטערט נישט בלויז פון הונגער. זיי זענען רעוואָלוציאָנערן. זיי זענען קאָמוניסטן. רייסט זיך אַריין דער שונא מיט זיין שמוציקער מאָרדע אין זייער אינטים קינינדייך:

„מיר גייען פאַרטוליעט, פאַרגעסן
אין גוטן, אין שטילן פאַרטרויען,
און פּלוצים דערפיל איך אין פּנים
דעם שאָטן פון ריזיקן אויער.
אומרואיק קוק איך זיך אום —
דערזע איך צוויי פּראָסטיקע אויגן.
איבער זיי איז דער רונד פון הוט
פינצטער אַרונטערגעבויגן".

(„דער שאָטן")

צי איז אָבער דער פּאָעזיזם געווען אימשטאַנד צו ברעכן דעם אויסדויער און האַרטנעקיקייט פון אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן אין זיין קאַמף פאַר מאַכט? ניין, נישט געווען אימשטאַנד! פאַרקערט. אונטערן אָנגריף פון אַרבעטער־קלאַס

האָט דער שונא זיך צוריקגעצויגן, אָפּגעטראָטן. איז דער שונא געווען אימשטאַנד צו דערשטיקן די געפילן פון ליבע ביי פרויען, וועלכע האָבן יאָרן געוואַרט אויף זייערע חברים, פאַרשפאַרטע הינטער די קראַטן פון תפיסות און קאַזאַמאַטן, געלעבט מיט זייער לעבן, מיט זייערע קאַמפן, מיט זייערע נצחונות? צי איז געווע: אַ קראַפט, וועלכע האָט געקאָנט שטערן דעם אַרבעטער-קלאַס אַרויסצוגיין אין שלאַכט דעם 1-טן מאַי? ניין, נישט געווען. צי איז געווען אַ קראַפט, וועלכע האָט געקאָנט שטערן די פרייד פון קאַמפס-יום-טוב געכפּלט אויף דער פרייד, ווען מען פילט, אַז ביי דער זייט גייט דאָס געליבטע וועזן? דאָס אַלץ זענען עלעמענטן פון העלערס ליבע.

„ווער האָט אונדז אַ ראַנדעווו
באַשטעלט אינמיטן פון געדראַנג?
אין מאַרגשיין פון ערשטן מאַי —
ווער האָט דיך אַהער דערלאַנגט?

— — — — — — — — — —

קראָמען שליסן זיך מיט טראַסק —
און מיט דיר איז גוט צו גיין,
קוקן ווי דיין מויל איז פול
מיט רויט געזאַנג און ווייסע ציין“.

(„אַ ראַנדעווו“)

אָט ווי זי זעט אויס די העלערישע ליבע. מיט רויט געזאַנג און ווייסע ציין. אָט ווי העלער האָט אַנטוויקלט דאָס ליבע-געפיל, ווי ער האָט זי פאַרמענטשלעכט, קאָנקרעטיזירט, אַריינגעשטעלט אין אַ קאָנקרעטער סאָציאַלער סביבה.

צי בעט זיך נישט די דאָזיקע סצענע צוליב איר אויסערגעוויינלעכער פּלאַסטישקייט אויפן מאָלער-לייוונט: רויט געזאַנג מיט ווייסע ציין.

העלערס ליבע איז אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן. זי דערגייט צו טיפער טראַגיק. די טראַגיק איז אַ טיפּישע געווען פאַר'ן לעבן פון אַרבעטער און אַרבעטנדיקן אינטעליגענט, וועלכע האָבן צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע נישט געקאָנט פאַרלייגן קיין פאַמיליע-נעסט. העלער האָט דעם טיפּישן מאָמענט אויפגעכאַפּט און אים פּלאַסטיש, מיט טיפער טראַגיק אַרויסגעבראַכט.

„כ'בין היינט אינדערפרי אין גאָרטן געזעסן,
און אַ וויגעלע האָט אַ קינד זיינע נאַקעטע פיסלעך
פאַרפּלאָנטערט אין די שטראַלן פון דער זון.
זאָג זשע מיר, ליבער, פאַרוואָס דאָס פאַרדריסט מיך?

טאָ ווו וועסטו לייגן דאָס פּיצעלע קינד,
אפשר אין וויגל פון אָפּענעם ווינט?".

(„אַ שמועס")

דער דאָזיקער שטילער, טראַגישער דיאַלאָג דעקט אויף פון איין זייט דאָס גאַטירלעכע פרויען־געפיל צו ווערן אַ מוטער און, פון דער צווייטער זייט, אַנט־בלויזט ער פולשטענדיק דעם סאָציאַלן קלעם, אין וועלכן דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען פאַרשפּאַרט.

היינט, אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן איז דער דאָזיקער קלעם פאַר־שוווּנדן. היינט ווערט דאָס פאַמיליע־לעבן געשטיצט פון דער פאָלקס־מאַכט, היינט ווערן די קינדער אַרומגערינגלט מיט דער טיפער זאָרג פון דער פּאַרטיי, פון דער רעגירונג. היינט איז פאַרשוווּנדן דאָס פּראָבלעם פון אַ „וויגל פון אָפּענעם ווינט". ווען העלער האָט דאָס ליד געשריבן, איז עס געווען האַרטע, בייזע ווירקלעכ־קייט, איז עס געווען טיפּיש. דערפון דער ריזיקער כוח פון באַווירקונג. די דאָזיקע לאַגע האָט געצוווּנגען יונגע מענטשן אויף אַנטיגאַטירלעכע אַקטן, אויף אָפּטרייבן די פרוכט. דער העלד פון דער פּאָעמע קומט צו זיין געליבט מיידל אין שפּיטאָל, און זי באַגעגנט אים מיט דער טרויעריקער בשורה:

„נישטאָ! — האָבן די אויגן געזאָגט —
דו ביסט אין מיר שוין מער נישטאָ.
זיי האָבן דיך פון מיר אַרויסגענומען,
אַוועקגענומען אין אַ בייזער שעה"

— —

„און פון ווינקלען איז געגאַנגען אַ האַרבער ריח
פון בלוט און פון צעקוועטשטע בלומען".

(„דערנאָך")

צעקוועטשטע בלומען — ווי טרעפלעך.

דער דאָזיקער פּאָעטישער פאַרגלייך גייט אַרויס אויסער די גרענעצן פון דער טראַגישער ליבע. די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז איין אכזריות־דיקע מאַשין, וואָס איר עקזיסטענץ באַרוט אויף צעקוועטשן בלומען, אויף הריגה און שטיקן דאָס שענסטע פון מענטשן. דערפאַר איז אַזוי טיף דער רעוואָלוציאָ־נערער באַגער פון דיכטער צו ענדערן די דאָזיקע וועלט, וואָס צעטרעט און צעקוועטשט בלומען.

דער דיכטער שטעלט זיך אָן אויף קאַמף. ער ווייסט וואָס ער וויל,

„כ'וועל נעמען די קוויטיקע גאַס, ווו איך וווין,
דערלאַנגען איר פּענצטער פולע מיט זון".

(„צו אַ נייעם אָנהייב")

די פּאָלקס־רעמאַקראַטישע מאַכט האָט דערפילט העלערס טרוים. זי שאַפט אָפּ די קויטיקע גאַסן און דערלאַנגט זיי פּענצטער פולע מיט זון.

דער פאַרמלחמהדיקער פּעריאָד פון העלערס שאַפן שליסט זיך אָפּ מיט אַ ציקל לידער געשריבן אין פראַנקרייך, פול מיט בענקעניש נאָך פּוילן. מיר וועלן זיך נאָך צו זיי אומקערן.

* * *

דער צווייטער עטאַפּ פון העלערס דיכטעריש גאַנג אונטערשיידט זיך פונעם ערשטן אין פיל הינזיכטן. דער ערשטער, דער פאַרמלחמהדיקער עטאַפּ, איז אין אַלגעמיין גענומען געווען אַ גראָדער. זיין אַנטוויקלונגס־ליניע איז געווען אַ גלייכע אָן באַזונדערע קאָמפּליקאַציעס אין הינזיכט פון טעמאַטיק, אידעאָלאָגיע און קינסטלערישע מיטלען. אַנדערש איז דער צווייטער עטאַפּ, דער מלחמהדיקער. ער איז שוין פול מיט סתירות, מיט זיגזאַגן. העלערס דיכטונג איז אַ וויגעניש פון סתירותדיקע שטימונגען. אָט זעען מיר קעמפערישקייט און פאַרהאַרטעוועט־קייט און גלייכצייטיק שוואַכקייטן פון אַן אומבאַהאָלפענעם מענטשן, וואָס איז דערדריקט פון טיפן ווייטיק, פון טראַגישע איבערלעבונגען. פאַראַן מינוטן, ווען דער דיכטער גייט צו צום ראַנד פון נסיון, וו דער וועג פירט צו אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן אומקום, און פּלוצעם הייבט ער דרייסט אויף זיין קאָפּ און גלייכט ווידער אויס זיין רוקן, וואָס האָט זיך געלאָזט איינבייגן אונטער דער לאַסט פון שווערע, פּיינפולע איבערלעבונגען. ביז ס'נעמט ענדגילטיק די אויבערהאַנט דער רעוואָלוציאָנער, דער קאָמוניסט, און פירט ארויס דעם דיכטער אויפן ריכטיקן וועג.

דער קנויל פון סתירהדיקע איבערלעבונגען, וועלכע העלער האָט מיט גרוי־סער קראַפט אַרויסגעבראַכט אין זיין פּאָעזיע, איז אויפגעקומען אין רעזולטאַט פון נייעם אָביעקטיוון שטאַנד, וועלכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט. דער דיכטער איז געשטעלט געוואָרן אין נייע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געליפערט אַ נייע טעמאַטיק, נייע פּראָבלעמען, און געפאָדערט אידעאָלאָגישע און קינסטלערישע לייזונג פון די דאָזיקע פּראָבלעמען.

דער צווייטער פּעריאָד פון העלערס שאַפן קומט צום אויסדרוק אין די לידער, וועלכע גייען אַריין אין דער זאַמלונג א. נ. „רויך שאָטן און שיין". דאָס בוך לידער טראָגט אויסדריקלעך דעם חותם פון די שווערע מלחמה־יאָרן, באַזונדערס שפּיגלען זיי אָפּ דעם געמיט־צושטאַנד פון דיכטער אין פאַרבינדונג מיטן חורבן, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט פאַר די פּוילישע יידן. אויך אין דעם פּעריאָד בלייבט העלער טריי זיך אַליין, ער פאַרבלייבט ד ע ר ה י פּ ט ל י ר י ק ע ר. פונדעסטוועגן מערקן זיך דאָ און דאָרט געוויסע איבערגענג צו עפּישע געמעלן.

זיין געמיט, זיין שטימונג וועבט אַריין דער דיכטער אין דער דערציילערישער קאַנווע, וועלכע הייבט אָן דינען אַלס אָנשפּאַר פאַר די לירישע אויסערונגען. דער דאָזיקער פאַקט דערקלערט זיך, לויט אונדזער מיינונג, דערמיט, וואָס דער אָביעקטיווער שטאָף איז געווען אַזוי גיי, אַז דער דיכטער האָט זיך געפונען געצוווּנגען פּשוט צו אינפאָרמירן דעם לייענער וועגן דער געשעעניש גופא.

בינעם העלער הייבט אָן זיין באַנד לידער מיט דער פּאָעמע „וואַרשע — 1939".

ס'איז געווען תיכף נאָך זיין צוריקקער פון פראַנקרייך. ער איז אויסגעבענקט נאָכן היימלאַנד, נאָך חברים. אין זיין נשמה זינגט אַ פרילינג, הגם ס'איז שוין שפּעטער זומער.

„ס'איז זומער געווען שוין פון לאַנג —
דאָס ברויט האָט געצייטיקט צום שניט.
פאַר דעם, וואָס קערט אום אין זיין לאַנד —
פאַר מיר האָט דער פרילינג געבליט.
— — — — — — — — — — — — — — — —

און אָט איז ווידער די שטאָט
פון פייכטע און טונקעלע הייף;
די גאַס, וואָס האָט זיך אַזוי גראָד
געוויקלט אַמאָל אויף מיין רייף".

דער דיכטער איז פול מיט פרייד, מיט ליבע צו וואַרשע, צו דער גאַס, ווו ער האָט זיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט. אַלץ איז אים ליב און טייער. ער איז צווישן אייגענע, ער איז ביי זיך אין דער היים, אין פוילן.

און פּלוצעם איז געשען דאָס גרויסע אומגליק. היטלער איז אָנגעפאַלן אויף פוילן. דער דיכטער טראָגט אונדז די מוראדיקע בשורה, ווי דער וועכטער פון אַן אָבסערוואַציע־פונקט:

„געקומען איז רוישיק דער דייטשישער פלאָט
פאַרשיטן מיט שוועבל, פאַרניכטן אַ שטאָט,
דער הימל איז ליכטיק פון ראַנד ביז צו ראַנד,
און פריי נישט באַשיצט ליגט דאָס פוילישע לאַנד.
— — — — — — — — — — — — — — — —

גענומט צו אייער לעבן פון זון און פון שיין —
אין שטאָט זענען רויב־פייגל היטלערס אריין!" —

ס'איז אָן ספק אַן עפּיש געמעל, אין וועלכן דער דיכטער גיט תיכף אָנצוהערן אויף דער שוצלאָזיקייט פון דער שטאָט, אויפן פאַראַט פון דער בורזשואַז־פריצי־

שער רעגירונג. האַכט זיך — פשוטע עפּיק. ווו זשע ליגט פּאָרט דער לירישער כּוח פון ליד, וואָס ווירקט דירעקט אויף אונדזער געמיט־צושטאַנד? אין וועלכן ווינקעלע האָט זיך פאַרבאַהאַלטן דער דיכטער־ליריקער, וועלכער פאָרמירט אונדזערע געפילן? צי טאַקע בלויז דער גרויזאַמער אינהאַלט פון דער וויסטער בשורה? צי טאַקע בלויז די פּלאַסטישקייט פון בילד (למשל, פאַרשיטן מיט שוועבל די שטאָט) געשטאַלטיקט אונדזער שטימונג? זיכער, אָן ספק. דער אינהאַלט איז דאָס פּרימערע אָבער אויך נאָך עפּעס, וואָס טוט דעם אינהאַלט פאַרשאַרפן, וואָס מאַכט אים פּלאַסטיש, קאָמוניקאַטיוו, וואָס גיט אַ טרייבל מיט די סטרונעס פון אונדזער גאַנץ אינערלעך פסיכיש וועזן. דאָס איז דער ריטם, וואָס גיט צו דעם ליד אַ באַשטימטע אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישקייט, וועלכע איז אַרעקוואַט צוגעפּאַסט צום אינהאַלט. הערט אייך איין אין ריטם פון ליד: געקומען איז רווישיק דער דייטשישער פלאָט. דער ריטם איז אַ האַסטיקער, אַזוי האַסטיק, ווי פּלוצעם ס'איז געווען דער אָנפאַל פון שונא. דער דיכטער באַנוצט זיך דאָ מיטן אַמפיבראַך* אַלס ריטמישע מאָס. דער דיכטער האָט מוזיקאַליש אָפּגע־פילט דעם אמפיבראך אַלס דעם בעסטן צוגעפּאַסטן ריטם אויף אַרויסצוברענגען די האַסטיקייט און ווילדקייט פון אָנפאַל. דער האָזיקער ריטם איז דער יעניקער לירישער פאַקטאָר, וועלכער רופט אַרויס אין אונדזער געמיט די שטימונג, וועלכער פאַרשטאַרקט די גרויזאַמקייט פון אָנפאַל. צי איז בלויז דער אמפיבראך די אַנטשפּרעכיקע ריטמישע מאָס, מיט וועלכער מען קאָן אַרויסרופן מלחמה־שטימונג? ס'איז אומבאַדינגט אַן ענין, וואָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. אַלעקסאַנדער פּושקין האָט זיך באַנוצט מיטן אמפיבראך, ווען ער האָט אונדז געשילדערט אין זיין „וויעשטשי אָלעג" דעם גערעכטן מלחמה־מאַרש פון פירשט אָלעג קעגן די ווילדע אָנפאַלן פון די כאזארן אויף די סלאַווישע פעלקערשאַפטן.

„Как ныне сбирается вещий Олег
Отмстить неразумным хозарам".

Песнь о вещем Олеге.

אַלזאָ, אַפילו דאָרט, ווו דער דיכטער גייט אַריבער צו עפּישער שילדערונג, וואָס איז באַדינגט דורך דער נויטווענדיקייט פון אַרויסברענגען דאָס בילד, וועבט ער זי איין אין אַ ליריזם, וואָס אַנטשטייט אין רעזולטאַט פון אָנווענדן אַ באַ־שטימטע מוזיקאַלישקייט, אַ באַשטימטע ריטמישע מאָס.

„וואַרשע—1939" פאַרמאָגט אַ לאַנגן אָטעם. דער דיכטער וויקלט פאַנאַנדער אַ ברייטן לייוונט פון געשעענישן. ער באַשרייבט אונדז די באַלאַגערונג פון וואַרשע, די באָמבאַרדירונג, די אילוזאָרישע האָפענונג אויף דער הילף פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. ער שילדערט אונדז דעם פּאַטריאָטישן שוווּנג פון

---

* אַמפיבראַך — אַ דיכטערישע ריטמישע מאָס, וועלכע באַשטייט פון דריי טראַפן: צוויי קורצע אין די זייטן און איין לאַנגן אין דער מיט. U—U

וואַרשעווער פּאָלק צו פאַרטיידיקן די שטאָט און נאַציאָנאַלן פּאַראַט פון דער פאַנאַטאָרישער קליקע.

„ווער האָט אונדז באַפוילן? און ווער וועט איצט דאַנקען?
מיר גייען מיט רידלען אַנטקעגן די טאַנקען!
מיר ווילן מיט גרובנס באַשיצן, פאַרצוימען
דאָס פוילן פון ווייטע און ליכטיקע טרוימען...
אַוועק איז מאָשטשיצקי און בעק דער פאַרעטער —
מיר גייען זיך שלאָגן פאַר פוילן פון שפּעטער!“.

אין די פּאָר שורות האָט אונדז דער דיכטער אויסגעדריקט די איינשטעלונג פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, פון זיינע פּאַטריאָטישע זין צו שלאָגן זיך פאַר אַן אייגן, פאַר אַ פאָלקס־פוילן, פאַר אַ פוילן פון שפּעטער, פון ליכטיקע טרוימען.

און אָט איז געשען דאָס, וואָס ס'האָט געהאַרפט געשען. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט באַפרייט די מערב־אוקראַאינישע און מערב־ווייסרוסישע ערד. ציען זיך אויף די באַפרייטע געגנטן הונדערטער טויזנטער אַרבעטנדיקע פון פוילן. צווישן זיי אויך דער דיכטער.

אַ נייע סיטואַציע, נייע שפּירונגען, נייע שטימונגען און נייע האָפענונגען. דער מענטש איז פריי. ער וואַרפט זיך מיט אימפּעט, מיט ברען אין דער אַרבעט. ס'בליט די ראָמאַנטיק פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. געמישט זענען אָבער די געפילן ביי די אַנטרונענע פון פוילן. פון איין זייט, די געפילן פון פרייד־יקער אַרבעט, פון סאָציאַליסטישער שעפערישקייט, פון ברייטן פאַרנעם, פון ריזיקן אימפּעט, גליק פון טיפע איבערלעבונגען און, פון דער צווייטער זייט, דער אומעט, וואָס וויעט פון יענער זייט בוג, ווו דאָס לאַנד צאַפּלט זיך אין די בלו־טיקע לאַפּעס פון היטלעריסטישן אָקופּאַנט, ווו ס'איז אָנגעגייט געוואָרן די געלע לאַטע. אָט די געמישטקייט פון געפילן האָט העלער אַרויסגעבראַכט אין זייער גאַנצער טיפקייט און קאָמפּליצירטקייט.

פון איין זייט דאָס גליק:

„מיר קומען אַרויס אויפן פּלאַץ
אינמיטן דעם זינגען אַ ליד,
מיט שלייפעלעך רויטע אין לאַץ
מיט מוט און מיט פעסטקייט אין טריט“.
(„דערמאָנונג“)

און פון דער צווייטער זייט דאָס געפיל פון אומעט און מאַכטלאָזיקייט:

„אָ, ליד מיינס, איך האָב דיך געצוימט!
זיי רואיק — פאַר פליגל פון טרוים

פאַראַן איז נאָך שטח געגנוג —
דערווייל ליגט געפרוירן דער בוג.

— — — — — — — —

איך ווייס, אַז פאַרשטשעמען די ציין
איז שווער, ווען מען הערט אַ געוויין;
פון יענער זייט גרענעץ זיך רוקט,
ראָך דאַרף מען איצט וואַכן ביים בוג".

(„ביים בוג")

פון איין זייט די טיפע פרייד:

„אָ, מאָסקווע, איך האָב דיך באַגעגנט,
ווי כ'האָב נישט באַגעגנט קיין שטאָט,
אַז מיר איז אין גליקלעכער רעגונג
דיך טיילן אויף גאַסן אַ שאָד".

(„באַגעגעניש")

און ווידער טריפן אַריין אין דער העלער פרייד פון רעאַליזירטע טרוימען
ניפטיקע טראָפּנס פון אומעט און טרויער:

„ער קלעטערט, דער טרויער, אַרויף אויף די אַקסל.
כעוויגט ווערן וויל ער צו פרייד אין מיין בליק,
ער שווערט נישט, ער שטערט מיר נישט מער אין מיין וואַקס;
און לערנט אַליין זיך צו ברענגען מיר גליק.
ער ווייסט, אַז ער דאַרף אין אַ ווינקל פאַרקריכן
און וואַרטן אויף גרויער, פאַרנאַכטיקער שעה;
דערנענטערט זיך שטיל פון דער זייט און נישט זיכער
ער קומט, ווען דאָס ליכט איז אַ ווײַלע נישטאָ".

(„דער טרויער")

אין וואָס באַשטייט דער אָביעקטיווער ווערט פון העלערס לידער פון יענער צייט? וואָס איז די קוואַליטעט פון די דאָזיקע לידער? וועמענס געפילן און שטימונגען האָבן זיי אָנטפּלעקט? צי זענען דאָס יהידישע, אינדיווידואַליסטישע איבערלעבונגען?

דער אָביעקטיווער ווערט פון די דאָזיקע לידער און דערמיט זייער גרויסער קונסט - באַדייט באַשטייט דערין, וואָס זיי האָבן ברייט אַנטפּלעקט די פּסיכישע איבערלעבונגען פון הונדערטער טויזנטער אַנטלאָפענע פון היטלערס גיהנום. די איבערלעבונגען זענען אַזוי אַרום טיפּישע, פאַרסינטעזירטע. דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר איז דאָס געפיל פון פרייד, דער אָפּטימיסטישער וועלט-

קוק, דער באַוווסטזיין פון דער סאָציאַליסטישער בווונג. דאָ קומט נישט פאַר קיין גערא נגל פון געפילן. אויפן פאָן פון איין עיקר־געפיל באַווייזט זיך פון צייט צו צייט א צווייט געפיל. דער דיכטער גיט זיך לייבט אן עצה דער־מיט:

„איך טרייסל אים אָפּ מיט דער זעלבער באַוועגונג.
מיט וועלכער איך שאָקל ארויף מיינע האָר.
ער טרעט אָפּ א בלייבער, אויף אייביק געזעגנט,
און אלץ, וואָס איך וויים, ווערט מיר מערער נאָך קלאָר“
(„דער טרויער“)

עטוואָס אנדערש האָט זיך אָנגעהויבן געשטאַלטיקן די עמאָציאָנעלע וועלט און איר דיכטערישע פארקערפערונג ביי העלערן נאָכן איבערפאַל פון היטלערן אויפן ראטנפארבאנד. ס'איז שוין נישט דער פעריאָד, ווען דער דיכטער האָט געקאָנט דעם טרויער פארטרייבן, ווען ער האָט נאָר געוואָלט. דעם ראטנפאר־באנד האָט געטראָפן אן אומגליק: דער שונא איז אריין אין לאנד און ברענגט פארוויסטונג: ס'איז דער פערזענלעכער אומגליק פון דיכטער. איצט האָבן זיך סומירט צוויי אומגליקן: די ליידן פון די יידן אין פוילן און דער בלוטיקער אָנפאל אויפן ראטנפארבאנד. אויף א זייער קאָמפּליצירטן אופן ברענגט ארויס דער דיכטער זיינע איבערלעבונגען. ער ווערט פארפאָלגט פון שרעק־בילדער, ער זעט ווי ס'ווערן אויסגעמאָרדעט זיינע נאָענטע אין ווארשע, אין פוילן. ס'מאַטערן אים געפילן, פארוואָס ער האָט זיי פארלאָזט, ס'קומען אים צו חלום זיינע ברידער און פאָדערן פון אים, ער זאָל נקמה נעמען פאר זייער טויט. דער דיכטער שטארקט זיך אָבער מיטן געדאנק, אז ער איז נישט אליין —

„ניין, כ'גיי אין א בלענדיקער כוואליע
אין אָנגריף מיט ברידער געטרייע.
פאר היימלאנד, פאר לייבלעכן סטאלין!
פארקרעמפּן מיר פעסט דאָס בלי־זיין“.
(„צי איז עס אמת“)

ער זעט צו די רציחות פון שונא, ער זעט דעם בלוטיקן מבול, וואָס היט־לער האָט געבראכט אויף דער וועלט, דער דיכטער רופט אָבער אויס:

„איך בין פון דור, וואָס האָט געזען דעם וואונדער,
ווי ס'בלייבן טאנקען שטיין פאר סטאלינגס רייד“
(„סטאלינגס רייד“)

דער דיכטער זעט און באזינגט דעם העראָיזם פון סאָוויעטישן מענטש, וואָס איז טיטאניש אויפגעשטאנען ראטעווען די וועלט פון בארבאריזם און אומקום. אין דיכטערס דמיון שוועבט ארום דאָס בילד פון דער פשוטער, העררלעכער טאניע, (זאָיע קאָסמאָדעמיאנסקאיא), וואָס ווערט דער סימבאָל פון פארטיזאנישן קאמף:

„טעג און נעכט, און וואָכן, וואָכן —
טאניע וויגט זיך אויף דער תליה.
וואָלט די שטילקייט ווער געבראָכן,
וואָלט דאָ ווילד זיך ווער צעשריען!
שטילער! איצטער דארף מען אנדערש —
ס'הענגט איר קערפער — נישט פארשאָטן.
מיט בענזין און שוועבל וואנדערט
ערגעץ נאָנט דאָ טאניעס שאָטן“

(„פעטרישטשעווער תליה“)

אָבער נישט כסדר האלט איין דער דיכטער די גלייכגעוויכט פון געפילן. שטופנווייז הייבט זיך אָן א פראָצעס פון געראנגל. עס ראנגלט זיך די קאמפס־פארהארטעוועטקייט פון יאָרן מיט אָנוואקסנדיקע עלעמענטן פון יאוש־שטימונגען. די בענקעניש נאָך דער היים צעוואקסט זיך אזוי שטארק, אז די היים הייבט אָן אויפצוגיין אין דיכטערס געמיט און נישט רעאליסטישע פארבן. דער דיכטער פילט זיין שוואכקייט און ווערט זיך קעגן די כוחות, וואָס ציען אים צום אָפגרונט:

„צו וואָס, אוי, צו וואָס אלץ, — צו וואָס
האָב איך זיך איין אומגליק דערטראכט —
פון דעם, וואָס איך בין מיט פארדראָס
אוועק — כ'וועל צוריק איצט געבראכט...“

(„אויף מערב“)

דאָס זענען שטימונגען פרעמדע פארן דיכטערס וועלט־אָנשויונג נישט קיין אוואנגארדישע, נאָר פעריפעריע־שטימונגען.

די סטאלינגראדער שלאכט, דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ ברענגען אריין א געוויסע ענדערונג אין דעם אומעט פון דיכטער. אין די לידער וואקסט א נייַ געפיל, דאָס געפיל פון נקמה איבערן היטלעריזם. „אין שאָטן“, „ירושה“, „נקמה“, „איך בין געבליבן“ קומט עס רעליעף צום אויסדרוק, ביז עס שלאָגט אָן דער העכסטער אקאָרד אין „דיין ביאָגראפיע“, ווו דער דיכטער פארזאָגט זיין טאָכטער:

„דאָס איינציקע נחת, וואָס איך דיר פאַרגין,
דינה.
מאָן איין די נקמה, וואָס שולדיק איך בין,
דינה.
באַגנונגענען זאָלן דיך וואסער און ברויט,
דינה.
און ליב האָבן זאָלסטו די פאַרב מיינע — רויט,
דינה.
ווי זאָיע מיט לייב און מיט לעבן פאַרטרויט,
דינה!
און אויב מען וועט דאַרפן — ווי זי, גיי צום טויט,
דינה!“

אָבער דער אינערלעכער געראַנגל פאַרלאָזט נישט דעם דיכטער. אָט דער־הייבט ער זיך צו די שפּיצן פון הויכן באַרג, פון וואַנען דער דיכטער זעט די ברייטקייט פון שלאַכט־פעלד, די ריכטיקע שייד־ליניע צווישן די קעמפנדיקע מחנות:

„איך קום פון מיין לאַנד — פון דעם אייביקן גלויבן,
אַז בלוט קאָן אין פייער נישט ווערן פאַרניכטעט;
אַז אויך יעדער אומגליק קאָן ווערן דערהויבן
צו העלדישן טאָט און נישט בלויז צו געשיכטע.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אפילו ביים ראַנד פון דעם לעצטן נסיון,
געטריבן פון קלעפּ און פון שונאס געשרייען —
געגאַנגען דער מענטש איז, געגאַנגען איז זאָיע
מיט באָרוועסע פיס איבער רוסישע שנייען“
(„נישט פון קיין ווייטער נסיעה“)

מחנו;
און אָט באַהערשן דעם דיכטער שוואַכקייטן און ער הייבט אָן זיך אונטער־צוגעבן שטימונגען, נישט אייגנטימלעכע פאַר זיין אידעיש־קינסטלערישן יחוס־בריוו („חרוב“, „טו א נדר“, „אָן יידן“), ביז ער דערגייט צו איינזאַמקייט:

„דיין זון איז ווידער ווי א קינד —
גאַנץ אליין, גאַנץ אליין
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ער וואָלט דיך איצטער שוין געפאָלגט
און אויף קיינעם איינגעטוישט...

און וואָלט פון גאַס געדופן ווער,
וואָלט ער קורץ געענטפערט: ניין."

(„מאמע, מאמע, מאמע מיין")

אויב מיר וועלן די ראָזיקע פערזן אפילו נישט פאראַלגעמיינערן, נאָר זיי פשוט באטראכטן עמפּיריש, דאָס הייסט, ווי א פשוטע עלעגיע אויפן טויט פון זיין מאמען, זענען זיי דאָך כאראקטעריסטיש פאר די שוואכקייטן. וועלכע האָבן באהערשט דעם דיכטער.

דער קולמינאַציע=פּונקט פון די ראָזיקע שוואכקייטן דערגייט אין ליד „צו —", ווו די ביזאַרצטיקע פרעמדע שטימונגען האָבן זיך שוין אויסגעפאָרמירט אין א פארגאַנצער פאלשער קאָנצעפּציע. די איינטיילונג „מיר און איר" איז נישט דעם דיכטערס איינטיילונג, דאָס זענען פרעמדע רייד, וועלכע פעלשן די ווירקלעכקייט. דער דיכטער האָט פון אויג ארויסגעלאָזט די אונטערערדישע ווידערשטאנד=באוועגונג אין פוילן, אָן וועלכער ס'איז נישט דענקבאר געוועזן קיין ווידערשטאנד צווישן יידן. ער איז אראָפּ פון אלגעמיינעם ברייטן קאמפס=טראקט פון אנטיהיטלעריסטישן קאמף אין פוילן. אומגעפער אן ענלעכע שטימונג קומט צום אויסדרוק אין די לידער „נאָך אונדז", „אויף פוילישע פעלדער". דאָס זענען אָבער די לעצטע לידער פון געראנגל, וועלכער האָט אָנגעהאלטן עטלעכע יאָר, פון וועלכן דער דיכטער איז ארויס דאָך מיט א נצחון, ווייל שוין צום סוף פון ראָזיקן פעריאָד פילן מיר, ווי דער דיכטער הייבט אויף זיין פאראומערטן קאָפּ און שלאָגט אָן אין זיינע אלט=נייע טענער פון גלויבן און קאמף.

העלער שרייבט:

„נאָר עס לעבט נאָך אלץ דער גלויבן
אָפּגעצייטערט, אָפּגעהיט.
און אין זומער=פלי פון טויבן
זענען שורות אָנגעגליט.

אויב געבליבן איז א זכר,
כאָטש א צווייגל פון א בוים —
זאָל עס ווידער פרווון גרייכן
פון דעם גרונט ביז בלויען רוים.

כ׳האָב פארפלאנצט זיך אין דעם באָדן
און עס שלאָגט שוין אָן די זאפט.
און מיט פרוכטבארקייט געלאָדן
ריזלט אין מיין גוף די קראפט“

(„ליד פון גליק“)

נישט געקוקט אויף די אידעישע שוואכקייטן, וועלכע האָבן אויף א געוויסע צייט באהערשט דעם דיכטער, דארף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן דער שטארקער קינסטלערישער וווקס פון העלערס פערז אין משך פון צווייטן פעריאָד. דער פערז איז געוואָרן זיכער. דער דיכטער האָט פולשטענדיק באהערשט זיין אינסטרומענט, און מאניפולירט מיט אים כחומר ביד היוצר. ער באנוצט זיך פריי מיט די פארשידענע פאָעטישע פאָרמען און שאפט אייגענע. ער גייט לייכט אריבער פון איין מין צום צווייטן. א קלאָרער באווייז איז „ווארשע — 1939“, ווו די מוזיקאליש-ריטמישע און עפּיש-דערציילערישע ניואנסירונג איז א כסדרדיקע. העלערס שפּראך איז א קלאָרע, א לויטערע, א צארטע. אפילו פובליציסטישע אויסדרוקן באקומען אין העלערס געזאנג א פאָעטישן חן און פארלירן פון זייער שווערקייט. דער דיכטער האלט זיך, אין כלל גענומען, ביים קלאסישן פערז. זיין באליבטע ריטמישע מאָס איז דער יאמב און דער כאריי. אָן גראמען באגייט זיך נישט דער דיכטער. העלער האָט אין זיי דערגרייכט אזא פערפעקציע, אז זיי דערגייען צום אויער פון לייענער ווי פּשוטע נישט געגראמטע רייד. דעם לייענער דאכט זיך אויס, אז דאָס זענען זיינע רייד. ער פילט נישט ווי דער דיכטער פארוויגט אים מיט דער מעלאָדישקייט פון זיין געזאנג. העלערס יידיש איז פשוט, איינפאך. ער זוכט נישט קיין באפוצונגען. איינע פון די עיקרדיקסטע אייגנשאפטן פון העלערס פאָעזיע איז די פולע געדאנקלעכע אָנגעזעטיקטקייט פון זיין וואָרט און די שפּילעוודיקייט פון זיין געדאנק. זיין געדאנק איז שטענדיק קלאָר און פארשטענדלעך, הגם ראפינירט. ער שניידט ווי א חלף, ווען ער איז שארף, קעמפעריש, ער גלעט, ווען ער דריקט אויס ליבע, מיטגעפיל. העלער ווייסט שטענדיק, וואָס ער וויל זאָגן, און ברענגט ארויס זיין מיין און געפיל קלאסיש. אין זיינע שטראָף-רייד און קללות איז ער שטארק פאטעטיש, זיין פאטאָס איז גלייך, באפעלעריש, היפּנאָטיש:

„אין ווארשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן —
פון שכן צו שכן ווערט איבערגעגעבן:
דאָס דייטשישע בלוט זאָל אָן אויפהער זיך גייסן.
כל זמן ס׳וועט א ייד אינעם געטאָ נאָך לעבן.
פאר זיי זאָל אין אויגן נישט זיין קיין הכנעה;
פאר זיי זאָל אין אויגן נישט זיין מער קיין טרערן.

גאָר שנאה, עקשנות און ווילדע הנאה
פון שטיין זיי אנטקעגן, פון קענען זיך ווערן!"
(„אין ווארשעווער געטאָ איז חידוש ניסן")

* * *

דער דריטער פעריאָד פון העלערס שאפן הייבט זיך אָן אן ערך אין יאָר 1947 און האלט אָן ביז היינטיקן טאָג.

וואָס כאראקטעריזירט דעם דאָזיקן פעריאָד? דעם דאָזיקן פעריאָד כאראקטעריזירט דער אָנוווקס פון א געלייטערט געמיט. עס פארשווינדט שטופנוויז דער *געראנגל* צווישן יאוש און גלויבן צום גונסטן פון לעצטן. דאָס הייסט נישט, אז דער דיכטער קערט זיך נישט אום פון צייט צו צייט צו דער געטאָ־טעמאטיק. אָבער שוין אויף אן אנדער אופן.

כדי אויסצומיידן מיספארשטייעניש פאָדערט זיך א געוויסע אויפקלערונג. נישט די טעמאטיק פאר זיך גענומען פירט צו יאוש־שטימונגען. פונקט ווי דאָס אָנווענדן היינטצייטיקע טעמאטיק קאָן נישט זיין קיין אסעקוראציע פאר רעאקציאָנערע שטימונגען. אלץ איז אָפּהענגיק פון וואָס פאר א קלאסן־פּאָזיציעס די טעמאטיק ווערט באהאנדלט, פון וועלכן אידעיש־קינסטלערישן אויסבליק דער דיכטער גייט צו שילדערן די געטאָ־איבערלעבונגען, זיי זאָלן ארויסברענגען אמתדיק די געשעענישן. בעת מיר זאָגן, אז ביים דיכטער האָט *אויפגע־הערט* דער *געראנגל* צווישן יאוש און גלויבן, מיינען מיר דערמיט צו זאָגן, אז ס'האָט אויפגעהערט דער אָנגריף פון פרעמדע קלאסן־שטימונגען אויף דעם קאָמוניסטישן וועלט־באנעם פון דיכטער. אויך איצט אין דעם פעריאָד קערט זיך אום העלער גאנץ אָפט צו דער טעמע געטאָ — חורבן פון יידישן ישוב אין פוילן, און דאָס איז גאָרנישט קיין חסרון. צו דער געטאָ־טעמאטיק וועט נאָך נישט איין יידישער און נישט־יידישער שרייבער זיך אומקערן. ס'איז אן אומאויסשעפּלעכער קוואל פון לעבנס־אמת, פון אוממענטשלעכע ליידן און קאָנפליקטן, פון טיפע מענטשלעכע איבערלעבונגען, א קוואל פאר פּסיכאָלאָגישע שטודיעס. אָבער העלער האָט אין דעם פעריאָד זיך שוין פולשטענדיק באפרייט פון דער איינשטעלונג „מיר — איר", אָנגעהויבן אלץ קלאָרער איינצוזען דאָס אָרט פון חורבן אין דעם אלגעמיינעם פארניכטונגס־מארש פון היטלערן אויף דער וועלט, אָנגעהויבן זען די געטאָ־טראגעדיע אין איר אנטוויקלונג, זען זי נישט בלויז אין אספּעקט פון דער פארגאנגענהייט, נאָר פון דער היינטצייטיקייט, פון דעם מאָרגנדיקן טאָג, באטראכטן דעם טרויער אלס אָנשפּאר פאר בוועגונג.

„דו פרעגסט פאַרוואָס איך בין אַזוי פאַרביסן
און בוי מיין היים פאַרעקשנט און אויף דרויער?
דאָס גליק האָב איך פון פלאַם אַרויסגעריסן,
מיין גליק האָב איך אַרויסגעפירט פון טרויער.“

(„אויף אייביקייטן“)

אַלזאָ, דאָס גליק אַרויסגעפירט פון טרויער.

זייער אָפט קומען אויף אין דמיון פון דיכטער די געשטאַלטן פון דער אַמאָליקער פּאַוויע=גאַס אין וואַרשע, דעם סימבאָל פון יידישער אָרעמקייט און קאָמוניסטישער קאַמפּס=פאַרהאַרטעוועטקייט, עס פאַרפאָלגן אים די טראַגישע סצענעס און היימישע געשטאַלטן פון דער געטאָ=ווירקלעכקייט, זייער שווידער דערדריקט אָפט דעם דיכטער, ער וויל אפילו פון זיי אַנטלויפן („פאַרשטעל“). ער ווערט אָבער אַלץ טיפער דורכגענומען מיטן געדאַנק, אַז נישט סתם איבה=שטימונגען, קללות, אָדער מוסר=זאָגעניש איז דער קינסטלעריש=דערציערישער שטאָף, וואָס איז היינט נייטיק די יידישע אַרבעטנדיקע אין פּוילן. ער ווערט אַלץ טיפער דורכגענומען מיטן געדאַנק, וועלכן ער וויל צואייגענען זיינע לייענער, אַז מען דאַרף ווייטער פירן דעם קאַמף קעגן די, וואָס האָבן געשענדט דעם מין און דעם נאָמען מענטש, וועלכע באַמיען זיך אונטער פאַרשידענע נייע מאַסקעס אין אַנדערע באַדינגונגען איבערצונעמען היטלערס ירושה און זי ווייטער פאַרזעצן. דער אָנדענק פון די אומשולדיק אומגעקומענע און די פליכט פאַר די קינדער פון אונדזער דור זיי זאָלן נישט ווערן קיין קרבנות פון ענלעכע קאַטאַסטראָפעס — פאָדערן צו קעמפן קעגן די נעאָהיטלעריסטן אין די פאַרשידנסטע עקן פון דער וועלט.

וועגן די אומגעקומענע אין די געטאָס שרייבט הערינבער דער דיכטער:

„איך זע נאָר די אויגן, וואָס בעטן:
אויב דו וועסט פאַרברעכנס פאַרגעבן —
וועסט דערמלט אונדז נאָכאַמאָל שענדן —
אויב דו וועסט נישט שיצן דאָס לעבן,
אַ צווייט מאָל דו וועסט אונדז פאַרלענדן!

זיי שטשירען די ציין אין קאָרייע
און שפייען אויפסניי פונעם וואָפן
דעם טויט און די נאַצי=געשרייען.
אין זיי דאַרף מען ווידער באַשטראָפן!“

(„זיי דאַרף מען ווידער באַשטראָפן“)

דער קאַמף קעגן די אַלט־נייע מערדער און די בוזונג פֿון א ניי לעבן ווערן דער לייט־מאָטיוו פֿון העלערס דיכטונג אין דעם נייעם פּעריאָד. דער דאָזיקער מאָטיוו קומט צום אויסדרוק אין די לידער: „א קורצער וועג", „אין דער נייער שטאָט", „צו אַן אַמעריקאַנער יידישן דיכטער", „דאָס גרינע איז גוט צו די אויגן", „דאָס יינגל פֿון פּאַווע", „צו פּאָל ראָבסאָן", „דער ברוק אין געבליבן". דער אַקאָרד פֿון דאָזיקן מאָטיוו איז דאָס ליד „היימערד", אין וועלכן דער דיכטער ברענגט פּלאַסטיש ארויס זיין איבערצייגונג:

„די ווינטן דיינע האָבן מיך פֿאַרקנאָטן
מיט זאַמד און שטויב, מיט שוואַרצערד און מיט ליים,
די וועלדער האָבן מיר געשענקט דעם שאָטן
און דאָס געהילץ אויף בויען זיך א היים".

„א דינער שיכט בלויז האָט פֿאַרדעקט די ביינער,
וואָס מיינע אבות האָבן דאָ צעזייט;
דער רעגן בלויז האָט אָפּגעמעקט פֿון שטיינער
מיין יחוס־בריוו, וואָס ציט זיך ווי א קייט.
נאָר אין די טייכן דיינע און אין קוואַלן
האָב איך מיין בלוט מיט פּויליש אויסגעמישט,
און אויף דיין ערד בין איך אין שלאַכט געפֿאַלן —
איך זאָל פֿון איר נישט ווערן אָפּגעווישט."

דער דיכטער הייבט אָן מאַכן א חשבון הנפש, פֿון וואַנעט האָבן זיך צו אים גענומען די כוחות, ער זאָל קאָנען צוריק געפֿינען זיין אידעיִשן גלייכגע־וויכט, זיין גלויבן. דאָס איז די מעכטיקייט פֿון ראַטנפאַרבאַנד. זיין גערעכטער קאַמף קעגן היטלעריזם, זיינע היסטאָרישע זיגן און די העראָישע אָנשטרענגונג פֿון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אויפֿצושטעלן פֿון די חורבות דאָס לאַנד, בויען פּוילן אויף נייע יסודות, בויען די נייע אָרדענונג, דעם סאָציאַליזם.

דאָס זענען מעכטיקע פֿאַקטאָרן, וועלכע האָבן געוועקט די קינסטלערישע פֿאַנטאַזיע פֿון דיכטער און אים אינספּירירט צו גרויסע אידעיִש־קינסטלערישע לייסטונגען. וועגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט אים געגעבן כוח צום לעבן, כוח אויף איבערטראָגן די צרות, כוח צום שאַפֿן, זאָגט פּשוט דער דיכטער:

„טאָג נאָך טאָג נצחון
נאַכט נאָך נאַכט — סאַליוטן —
איר האָט דורכגעבראָכן
מיר א וועג צום גוטן".

צווישן העלערס בעסטע לידער טיילט זיך אויס דער פּאָרטרעט פון דעם העלד פון דער וועלט־היסטאָרישער שלאכט ביי סטאַלינגראַד, דעם מאַרשאַל פון פּוילן — קאָנסטאַנטי ראָקאָסאָווסקי. דאָס איז די אָדע „ראָקאָסאָווסקי גייט!“ דאָס ליד הייבט זיך אויף העכער איבער אַלץ, וואָס אין פּוילן איז געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע. עס איז אַ שעדעוור. אין קורצע זיבן סטראָפן, ווי פון גראַניט געהאַקטע און פּרעציז געשליפענע, האָט דער דיכטער אויפגעשטעלט אַ דיכטערישן מאָנומענט פאַר ראָקאָסאָווסקין.

דאָס ליד ווילט זיך לייענען און הערן אָן אויפהער, ווי מיר ווילן כסדר הערן שאָפּענס „פּאָלאָנעז“ אָדער בעטהאָווענס 5־טע סימפאָניע.

ס'איז שווער דורך אַלגעמיינע באַגריפן צו כאַראַקטעריזירן די אידעיִשע אָנגעזעטיקטקייט, די קינסטלערישע פּלאַסטישקייט פונעם ליד. ס'ווילט זיך פּשוט נאָכאַמאָל עס איבערשרייבן פאַרן לייענער אַזוי ווי עס שטייט און גייט.

„ביז צום האַלדז אינעם פייער, אין בלוט ביז די קני,
אויף אַן ערד, וווּ דיביימער פאַרגעסן אין בלי,
וווּ די לופט און דער רוים און דאָס מענטשלעך געהער
איז צעהאַקט פון געשריי און פון לופט־שוץ געווער —
דאָרט האָט סטאַלין געמאָלדן מיט רויִקע רייד:
ראָקאָסאָווסקי גייט!
מיט דער שנעלקייט פון ווינט איז די בשורה אַוועק,
און נאָך פריער פון פלאַם איז געגאַנגען די שרעק,
און צעפלאַנטערט דעם טראָט און צעריסן דעם גאַנג
פון דעם שונאס חיילות און היטלער־געזאַנג,
ווען אַרויס איז דער האַס, ווי די שווערד פון דער שייד:
— ראָקאָסאָווסקי גייט!“

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אויף דער פּוילישער ערד, אין דער היים פונעם העלד,
האָט די ווייסל אין לויף אויף אַ וויַיל זיך געשטעלט
און געוואַרט איבער איר האָט די שטיינערנע בריק:
אין מונדיר פון באַפרייער זאָל קומען צוריק
דער, וואָס האָט זי אַמאָל איבער ברעגן געשפּרייט:
ראָקאָסאָווסקי גייט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונדזער ווילן איז שטאַרקער פון חורבן און טויט —
סטאַלינגראַד ווערט איינִיגעס מיט וואַרשע געבויט!

און מיט זיכערן ריטעם קלאַפּט אויס יעדע שעה:
אין דעם בוי פון דעם לאַנד — ראָקאָסאָווסקי איז דאָ,
אויב דער שונא וועט וואַגן — ראָקאָסאָווסקי איז גרייט:
ראָקאָסאָווסקי גייט!“

פּאַראַלעל מיט דער אָדע לכבוד די גרויסע זיגן אויפן שלאַכטפעלד קעגן די היטלערישע חיילות ברענגט אַרויס דער דיכטער זיין פאַרערונג פאַרן העלד פון אַרבעט, דעם פּשוטן אַרבעטער, וועמענס מיסיע באַשטייט אין בויען, אין אויפריכטן:

„דאָס איז דער פּראָסטער מענטש פון אַלע לענדער —
אין אַרבעט און אין שלום איז זיין וואָפן.
אין גוטסקייט איז ער, ווי דער ים, אומענדלעך,
און אין זיין גלויבן — ווי דער הימל, אָפן“.
(„דער זעלבער מענטש“)

דער מוזיקער מאָטיוו מיט דער ספּעציעלער אונטערשטרייכונג פון דער ריטמקייט פון אַרבעטער צו פאַרטיידיקן מיטן אייגענעם לעבן די אַרבעט און דעם שלום — דער מוזיקער מאָטיוו קומט אויך צום אויסדרוק אין די לידער: „בויער און וועכטער“, „ווידער“, „נישט בלויז מיט פייער“, „פון בלענדנדיקע הייכן“.

פאַרשווונדן זענען די שוואַכקייט־מאָמענטן, וועלכע האָבן באַהערשט דעם דיכטער אין פריערדיקן פּעריאָד. אונטער דער ווירקונג פון דער גיגאַנטישער סאָציאַליסטישער אויפבוי־אַרבעט אין פּוילן און דעם וווּקס פון די שלום־כוחות אויף דער וועלט וואַקסט די קאַמפס־שטימונג ביים דיכטער.

אין אַ ריי שטאַרקע, זאַפטיקע לידער, ווי: „צוויי וועלטן“, „נאָכוווּקס“, „איך האָב נישט אויסגעקליבן“, „פון הינטער דעם רויך פון קאַרעע“, „באַשיץ זיין פרוי און קינד“ און ענלעכע — שפּיגלט אָפּ דער דיכטער אויף זיין אייגנאַרטיקן לירישן אופן די מוזיקע נייע נאָכמלחמהדיקע לעבנס־אמתן, שפּיגלט אָפּ די שטימונגען פון קעמפנדיקן אַרבעטס־מענטש. יעדעס ליד איז אַ פייל געשליידערט אין האַרץ פון שונא.

„גענוג! פאַר יעדן אייגעם וואַקסט דאָס ברויט,
און יעדנס בלוט איז טייער און איז רויט,
און ווי דאָס בלוט — פאַראייניקט זיי די פאָן,
וואָס זאָגט דעם אונטערגאַנג פון רשעות אָן!
(„ער“)

טאָ זאָל זשע די שנאה אונדז פירן אין קאַמף
דעם שונא אַנטקעגן — דעם טויט!

די שנאה צום שונא, די שנאה וואָס שטאַמט
פון ליבשאַפט צום מענטש, צו זיין פאַן וואָס איז רויט".

(„שנאה")

די שנאה צום שונא, וואָס שטאַמט פון דער ליבשאַפט צום מענטש! און ווייל דעם דיכטערס ליבשאַפט צום מענטש, צום קינד, צו דער ברייטער און שיינער נאַטור איז גרויס, איז דעריבער גלייך פּראָפּאָרציאָנעל צו דער ליבשאַפט, זיין שנאה צו דעם אימפּעריאַליסט, דעם שונא פון מענטש, דעם שונא פון קינד, דעם שונא פון דער נאַטור, וועלכע ווערן דורך אים געטראָטן און געשענדט. דער דיכטער שטייט דעריבער אויף דער וואַך און וועקט אונדז מיט זיין ליד:

„דו מיינסט, אַז נאָך דער בלוטיקער מהומה
איז צייט אויף רו און אַז אויף שטענדיק
איז שוין די גוטע שטילקייט אָנגעקומען —
נאַר נייַן, די שלאַכט איז אַלץ נאָך נישט פאַרענדיקט!"

(„זיי וואַך")

און ווען דער דיכטער קערט זיך אום צייטנווייז צום טרויער־מאָטיוו פון צווייטן פּעריאָד, איז כדי אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט אים פולשטענדיק איבער געוועזן, איין קאַמף גובר געווען.

„פון לייב און ליד האָב איך ארויסגעטריבן
דעם תפילהדיקן אומעט פון די ווידעס.
פון זייער שפּראַך איז מיר נישט מער פאַרבליבן
נאַר דאָס, וואָס אויף יעדן לשון פרייד איז.
כ'בין נישט געוווינט צו לעבן פונעם גרייטן
און לייכט איז מיר קיין זאַך נישט אָנגעקומען —
פאַר יעדער פרייד געמוזט האָט פריער ווייטאָן,
מיט קאַמף האָב איך דאָס לעבן איינגענומען".

(„כ'בין נישט געוווינט")

דעם לייענער איז נישט שווער אָפּצופילן, אַז צוזאַמען מיטן אומעט פון אינהאַלט האָט אויך דער דיכטער פאַרטריבן דעם אומעט פון דער מעלאָדיע, פון טאָן. העלערס פערז איז איצט פריידיק, העל, אָפּטימיסטיש און רופט ארויס ביים לייענער די זעלביקע געפילן און שטימונגען.

דער דיכטער איז קאָנסעקווענט אין זיין חשבון הנפש, ער לאָזט נישט אי־בער קיין איינציקן מאָטיוו פון פריערדיקן פּעריאָד, ער זאָל אים נישט קריטיש גובר זיין, ער זאָל אויף אים נישט געבן קיין קלאָרן און ריכטיקן ענטפער. דאָס ליד „אויף יעגער גאס" איז אזוי ווי אן ענטפער אויפן ליד „צו —". פאַר־שוונדן איז דער שוים פון פרעמדן אידעיִשן איינפלוס, פאַרשוונדן די פאַלשע

איינטיילונג אויף מיר — יידן און זיי — גויים. אויף איר אָרט קומט ווידער די אמתע איינטיילונג: מיר — יידישע ארבעטער און פֿאָלקס־מענטשן, מיר פּוילישע ארבעטער און פֿאָלקס־מענטשן פון איין זייט און זיי — יידישע גבירים אונטערדריקער, און זיי — פּוילישע גבירים און אונטערדריקער — פון דער צווייטער זייט. ווען דער דיכטער גיט א מיש אויף אין זכרון דאָס פּוילן פון פאר דער מלחמה, — דערזעט ער אָרעמע יידישע גאסן און אָרעמע פּוילישע גאסן, וועלכע זענען פארבונדן צווישן זיך מיט דער ליבע פון איין פּראָלעטארישן קלאס און מיט דער שנאה צו זייערע געמיינזאמע פּויליש־יידישע אונטערדריקער, דעם בורזשואזן קלאס.

אָט ווי העלער שילדערט אונדז די פּוילישע פּראָלעטארישע וואליע פון וואַרשע, דעם וואָרנעם רינעק פון לאָדזש — די פּוילישע פּראָלעטארישע גאס:

„ווי לייכט פלעגט איבער יענער גאס זיך שפּאַנען,
כאָטש שטענדיק האָט מען הינטער מיר געלויערט.
איך האָב געוווסט, אז ס'איז מיין שוץ פאראנען
אין יעדער שטוב, אין יעדער איינער מויער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דעמלט האָט זיך הויז מיט הויז פארבונדן.
אויף יענער גאס איז שרעקלעך העל געוואָרן,
און אויפן הימל האָט זיך אָנגעצונדן
די שיינע פאָן פון ליבשאפט און פון צאָרן"
(„אויף יענער גאס")

דער דיכטער ווייסט און פילט דעם כוח, וואָס האָט פארבונדן אין קאמף די יידישע ארבעטערשאפט, די יידישע פֿאָלקס־מאסן מיטן פּוילישן פּראָלעטאריאט. ער ווייסט, אז דאָס איז די לענין־סטאַלינישע פארטיי געווען אזוי טיף איינגעבאקן אין הארצן פון דער יידישער ארבעטערשאפט, אז דאָס האָט זי געפירט צום קאמף דעם יידישן פּראָלעטאריער, געוויזן אים דעם ריכטיקן וועג צו פרייהייט, זיג און גליק, געמיינזאם מיטן פּוילישן פּראָלעטאריאט. נישט דערלאָזט ער זאָל אוועק אויף די נאציאָנאליסטישע אומוועגן פון ציוניזם און בונדיזם, און שפּעטער אין געשטאלט פון איגרע יורשים פפר און פזפר — פאַרווירקלעכט זיין טרוים פון א סאָציאַליסטיש פּוילן. דער דיכטער ווייסט און פילט דעם האָזיקן כוח, וועלכער האָט געלערנט, ווי אזוי ער זאָל זינגען און פאר וועמען ער זאָל זינגען, — דאָס איז געווען די קאָמוניסטישע פארטיי פון פּוילן.

„חברים מיינע פון די שווערע יאָרן —
חברים מיינע אין די גרויסע פריידן!

צונויפגעבונדן זיינען מיר געוואָרן
אזוי, אז קיין זאך וועט אונדז נישט צעשיידן.

— — — — — — — — — —

ווי אלטע קאָמוניסטן — אייביק יונגע,
מיר בלייבן יונג אויך אין דער צייט דער נייער.
טאָ לאָמיר איצטער אויף דער בוי־יונג זינגען
דאָס שיינע ליד, וואָס איז אדורך דעם פייער"
(„חברים מיינע פון דער קפּפּ")

העלער האָט קיינמאָל נישט געפּרווט מעכאניש צוטשעפּען די שיינקייט פון דער נאטור צו די אינטימע איבערלעבונגען פון ארבעטנדיקן מענטש, צו זיין פּראָדוקציוו=טעטיקייט. ער האָט אָבער אויך קיינמאָל נישט אָפּגעריסן די נאטור=שיינקייט און די אינטימע איבערלעבונגען פון זיינע העלדן פון זייער סאָציאַלער סביבה. ביי העלערן איז נישט פאראן קיין אבסטראקטע נאטור און קיין איבערסאָציאַלע ליבע=געפילן פון מענטשן. העלערס נאטור איז די פּוילישע נאטור, איז די שיינקייט פון דער ווייסל, העלערס ליבע איז די ליבע פון ארבעטנדיקן מענטשן.

ווען מיר פארגלייכן אָבער די לידער געשריבענע אויף די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון פון זיין לעצטן פּעריאָד מיט ענלעכע מאָטיוון פון די פריערדיקע פּעריאָדן, זעען מיר אן ענדערונג. די ענדערונג באשטייט דערין, וואָס העלערס ליבע און נאטור=מאָטיוון שפּיגלען איצט אָפּ דעם געמיט=צושטאנד פון ארבעטנדיקן מענטש פון נייעם פּוילן, שפּיגלען אָפּ דאָס נייע סאָציאַליסטישע פּוילן. דאָס איז די קאָנקרעטקייט פון העלערס דיכטונג. דערין דער אָביעקטיווער געזעלשאפטלעך=דערציערישער און עסטעטישער באדייט פון העלערס ליד פון דריטן פּעריאָד. העלער האָט שטארק ליב די נאטור, ער נעמט זיך איבער מיט דער שיינקייט פון דער בלום און מיטן וואונדער פון דעם וואקסן פון די גראָזן און ביימער. העלער פילט אָפּ אין דער גאנצער טיף די שיינקייט פון ליבע=געפיל, ווייסט זיין שעפערישע קראפט אין דער געשטאלטיקונג פון באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, זיין מעכטיקן כוח אין פארברידערן פאָלק מיט פאָלק. די דאָזיקע מאָטיוון ברענגט ארויס דער דיכטער אין די לידער „ערב=פרילינג", „נצחון", „דער ווינט און איך", „אַ לויב דער זון", „ערשטער שטורם", „גראָז און קאלך", „די גרינע פארב", „ערשטער מאי", „וואונדער", „די יאָרן מיינע בלעטערט נישט דער ווינט" און אנדערע.

די קאָנקרעטקייט פון העלערס ליבע= און נאטור=לידער דריקט זיך אויס אויך דערין, וואָס די דאָזיקע מאָטיוון בינדט ער מיטן מאָטיוו פון קאמף פאר שלום אויף דער וועלט. און ווי נאטירלעך ס'איז די דאָזיקע דריי=אייניקייט. די

ראָזיקע לעבנס־אמתן זעט דער דיכטער דורך דער פּריזמע פון דעם שיינקייט־געפיל. וואָס קאָן נאָך זיין שענער פונעם בילד: נאַטור, ליבע און פרידלעכע צוזאַמענלעבונג צווישן פעלקער. דאָס איז דאָך געווען דער הומאַנישער אידעאַל פון די שענסטע גייסטער פון אַלע צייטן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אין אונדזער עפּאָכע, אין דער לענין־סטאַלין־עפּאָכע.

פּוילן איז געוואָרן באַפרייט און באַפרייט איז אויך געוואָרן דאָס ליבע־געפיל פון אַרבעטנדיקן מענטשן. פאַרביי די צייטן, ווען דאָס ליבע־געפיל איז געווען געמישט מיט הונגער־געפיל. אַוועק זענען די צייטן פון דער דאַבלאָזיקייט פון ליבע.

זינגט דעריבער אין דער נשמה פון פּאָעט די שיינקייט פון פרילינג און די שיינקייט פון דער ליבע.

„נאָר איך וועל זוכן אַלץ א טיפן מיין
אין דעם, פאַרוואָס די בלומען זענען שיין;
פאַרוואָס דאָס לעבעדיקע בלוט איז רויט —
פאַרוואָס די ליבע שטאַרקער איז פון טויט“.

(„איך בין נישט פרום“)

„מיר לערנען ערשט זיך אויס צו אונטערשיידן
א גוטן שמייכל פון א רויטער בלום
און די אומשטערבלעכקייט פאַרבינדט אונדז ביידן,
ווען איך נעם דיך צום ערשטן מאָל אַרום“.

(„וואונדער“)

„די גרינע פאַרב צוזאַמען מיט דער יוגנט
וועט אונדזער קעגנוואַרט אין גליק פאַרבייטן.
זיי ביידע זענען קיינמאָל נישט באַגנוגנט
און שטענדיק — הונגעריק נאָך נייע צייטן“

(„די גרינע פאַרב“)

„אום זומער קאָן איך פאָרן צו דעם ים,
אום ווינטער צו דער זון אויף הויכע בערג;
פון היצן און פון קעלטן איז פאַראַן
וווהין צו לויפן אויף דער שיינער ערד“.

(„גראָז און קאַלך“)

אָט דאָס זענען די באַדינגונגען פון נייעם פּוילן, אין וועלכע עס ווערן רעאַליזירט די עסטעטישע באַדערפענישן פון אַרבעטס־מענטש. דער דיכטער קאָן אָבער נאָך איין מין עסטעטישע איבערלעבונג. דאָס זיך בוייענדיקע וואַרשע. ס'איז נישט קיין קלענער נאַטור־וואונדער. דער דיכטער זעט די שיינקייט פון

פרילינג נישט בלויז אין פרייען פעלד, אין געדיכטן וואלד, נאָר אין ווארשע גופא.

„איז בעסער שוין אין ערגעץ נישט אוועק
נאָר איבערגעבן זיך אויף זיין גנאָד (דעם פרילינג. מ. מ.)
אָט דאָ, וו ס'ווערט דאָס גראָז מיט קאלך פארפלעקט —
אין ווארשע, אין דער ווונדערלעכער שטאָט"

(„גראָז און קאלך")

דער דיכטער איז פארשכורט פון די טיפע איבערלעבונגען, וועלכע קומען אויף אויפן גרונט פון די גראנדיעזע בווגנגען אין פוילן. ער האָט יאָרן געקעמפט און געטרוימט וועגן דעם שיינעם און גערעכטן לעבן אין פוילן, ווען זיין קלאס און זיין פארטיי — דער ארבעטער־קלאס און די לעבין־סטאלין פארטיי — וועט זיין ביי דער מאכט. ס'איז געווען ראָמאנטיק. איצט ווערט די ראָמאנטיק וואר. יעדער טרוים ווערט וואר. דער דיכטער הערט אָבער נישט אויף צו טרוימען, ער שטייגט מיט זיין וויזיע העכער, ווייטער.

העלערס ראָמאנטיק איז אן אייגנארטיקע. ס'איז די דערהויבנקייט פונעם פאקט, פוגעם זיין, ווען דאָס אידעאלע, דאָס אויסגעטרוימטע ווערט וואָר. דער פראָצעס גופא פון בויען, פון שטייגן איז ביי העלערן באהויכט מיט ראָמאנטיק. ווען עס רעאליזירט זיך דאָס יום־טובדיקע מאכט עס יום־טובדיק דאָס וואָכעדיקע, דאָס טאָג־טעגלעכע. ווען מען קומט ארויף אויפן קאָנסטיטוציע־פלאץ פון מ.ד.מ. דערפילט מען זיך שטענדייק יום־טובדיק, דערהויבן. דאָס איז טאקע דער כוח פון העלערס ראָמאנטיק.

„אויף רושטאָוואניעס שטייגן אויף די בויער
און וויקלען איין די ציגל אין דער זון,
און מיט דער ווייסקייט פון א פרישער מויער —
א חורבה ווערט פארצויגן ווי א וווּנד."

(„דאָס נייע הויז")

און אזוי גייט ביי העלערן א ליד נאָך א ליד. יעדעס ליד איז א הימן פאר אונדזער סאָציאליסטישער בויונג:

„ווער האָט אזא פארב דען פארטראַכט?
ווער האָט אזא וווּנדער פארזאָגט?
ביי פייער פון הויטע ביינאכט
זאָל ווערן געשאפן דער טאָג;
איין שעה זאָל פארבייטן אזש דריי —
פארוואנדלען די ארבעט אין גלי;

779 — 13

אין שנעלקייט די צייט זאָל פאַרביי,
ווי אומרוזער פלאַנעט אין זיין פלי!"

דאָס איז העלערס הימן פאַרן סאָציאַליסטישן פּאַרמעסט אין פּוילן, פאַר זיינע ווונדער. העלערס געפיל גייט דאָ איבער אין פּאַטאָס. אָבער ווי אייגנאַרטיק ס'איז העלערס פּאַטאָס! ער וויקלט אים איין אין די אייגנאַרטיקע פאַר זיין דיכטונג שטילע טענער און לאָזט אים נישט אויסברעכן אין א הויכן שאַל. דערפון די נאָך גרעסערע געשפּאַנטקייט זיינע, זיין נאָך שטאַרקערע ווירקונגס־קראַפט.

העלער שפּיגלט אָפּ די געפילן פון אַרבעטס־מענטש אין פּוילן אלס דעם הערשער און דעם באַלעבאָס פון לאַנד. דאָס האָזיקע געפיל איז אויסגעוואַקסן אויך ביים יידישן אַרבעטנדיקן, דעם אַמאָל געיאָגטן און געפּלאָגטן. עס איז דעריבער געוואָרן אויך דאָס אייגנס פון דיכטער:

„איך גיי אַרום אויף ברעגן פונעם אָדער
און זע, ווי ס'גנעמט זיך אָן אין ערד מיין שורש,
און זע, ווי ס'ווערט אויפסגיי מיין וועג א גראָדער
און זע, ווי יעדעס קינד דאָ ווערט מיין יורש"
(„ביים אָדער").

דעם דאָזיקן מאָטיוו פירט דער דיכטער אויך אַרויס אין די לידער: „ברויט", „אין שטילן רעגן", „אונדזערע", „מיין הארבסט־ליד", „גאָלדענער הארבסט".

דאָס דאָזיקע געפיל פון מיטבאַלעבאָס איז א באַשטאַנדטייל פון העלערס ראָמאַנטיק, וועלכע זעט דאָס דערהויבענע נישט בלויז אינעם מאָרגנדיקן, וואָס דאַרף ערשט אויפקומען, נאָר אין דעם, וואָס איז היינט שוין פאַראַן, וואָס שפּראָצט שוין היינט און פאַרגיסט דאָס לאַנד מיט דער שיינקייט פון פרילינגס־דיקער בליונג. דאָס ראָמאַנטישע ביי העלערן אַנטפּלעקט זיך אָבער שוין נישט, ווי אין ערשטן פּעריאָד אין וויזיעס פון אן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. סאָציאַליזם איז שוין נישט ביים דיכטער (ווי ער איז שוין נישט אין דער ווירקלעכקייט אין פּוילן) קיין אַלגעמיינער אידעאַל. סאָציאַליזם זענען שוין קאָנקרעטע פאַקטן, קאָנקרעטע בילדער, קאָנקרעטע שיינקייט, טאָג־טעגלעכע באַוועגונגען און דערגרייכונגען, נייער לעבנס־שטייגער. זעקסיאָר־פּלאַן איז ביים דיכטער דעריבער נישט קיין אַלגעמיינער טרוים פון מאָרגן, נאָר ווירקלעכ־קייט פון היינט. העלערס ברייטע נעץ פון איבערלעבונגען איז טיף פאַרוואַקסן מיטן דאָזיקן באַוועגונגס־פּראָצעס. די באַוועגונגען זענען א טייל פון דיכטערס געפילס־וועלט. לויטער איז דאָס געמיט פון דיכטער, שפּילעוודיק זיין געדאַנק, פול מיט שעפערישן הומאָר. פאַרגינט זיך דער דיכטער צו באַשטעלן אַפילו א ראַנדעווו

אויפן סוף פון זעקסיאָר=פּלאַן, ווייסנדיק, אַז דער זעקסיאָר=פּלאַן איז נישט קיין קאַלענדאַרישער באַגריף, נאָר אַ שעפערישער.

„און אפשר — אויב מען מעג אַ פרייד באַשטעלן
פון איצטער איבער יאָרן אין פאָרויס —
איז אָפּגערעדט: באַגעגענען מיר וועלן
צום סוף פון זעקסיאָר פאַר דעם נייסטן הויז“
(„אַ ראַנדעווו אין פאָרויס“)

* * *

פילפאַרביק און גייסטרייך איז די פּראָבלעמאַטיק פון העלערס דיכטונג. מיר האָבן געפּרוווט זי אַנאַליזירן נאָכפאָלגנדיק דעם אַנטוויקלונגס=גאַנג פון דיכטער. נאָר צוויי מאָטיוון האָבן מיר באַזונדער אויסגעטיילט, ווייל זיי פאָדערן אַ ספּעציעלע טראַקטירונג. דאָס זענען: דער מאָטיוו פון פּאַטריאָטיזם און דער מאָטיוו פון דער מוטער=געשטאַלט אין העלערס דיכטונג.

מיר וועלן אָנהייבן מיטן לעצטן, מיטן מאָטיוו פון דער מוטער=געשטאַלט.

ס'איז זעלטן ווען צו טרעפן (און מעגלעך, אַז העלער איז דאָ באמת אַן אויסנאַם) אַ דיכטער, ביי וועלכן די מוטער=געשטאַלט זאָל פאַרנעמען אַזויפיל אָרט אין דער דיכטונג, ווי ביי העלערן. אויב זי ווערט נישט באַהאַנדלט ווי אַ זעלבשטענדיקע טעמע, ווערט זי אויף דעם אָדער יענעם אופן אַריינגעפירט דורכן דיכטער אין אַנדערע טעמעס. מיט דער הילף פון דיכטערס טיף און, צייטנווייז, טראַגיש ליבע=געפיל צו זיין מוטער האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצופורעמען אַ טיפּישע געשטאַלט פון אַ מוטער. אין יעדן פּעריאָד פון זיין שאַפן גיט ער עפּעס צו צו איר כאַראַקטעריסטיק, ביז זי דערשיינט פאַר אונדז ווי אַ פאַרגאַנצט געשטאַלט. פאַר דער מלחמה האָט אין די ליטעראַרישע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט קורסירט אַ מיינונג, אַז עס עקזיסטירט אַ געשטאַלט פון אַ „יידישע מאַמע“. פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע מיינונג איז אַ פאַלשע. אין לעבן האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט אַזאַ איינהייטלעכע געשטאַלט, וועלכע מען זאָל קאָנען באַצייכענען ווי אַ „יידישע מאַמע“. אין דער קלאַסן=געזעלשאַפט איז אויך דער באַגריף מאַמע אַ דיפערענצירטער. איר פּסיכאָלאָגיע איז אָפּהענגיק פון וועלכע סאָציאַלע קרייזן זי שטאַמט, אין וועלכע קרייזן זי ווירקט. אין באַגריף „יידישע מאַמע“ האָבן אירע „שעפער“ באַמיט זיך אַריינצולייגן אַזעלכע אייגנשאַפטן ווי: שטילקייט, צניעותדיקייט, ליבע און מסירות נפש פאַר קינדער, שטענדיקע פאַראַנגהקייט צוליב פּרנסה א.ד.גל. ווי מיר ווייסן, זענען די דאָזיקע אייגנשאַפטן נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געזעלשאַפט פון די בורזשואַזע יידישע פרויען, וווּ אַלץ איז געשאַצט געוואָרן מיט דער מאָס פון געלט, וווּ אין כלל גענומען האָט געהערשט דאָס געפיל פון גיריקייט און

נייציקייט, ווו די דערציונג פון די קינדער האָט זיך נישט געפונען אין רשות פון דער מוטער, ווו ירושה־סכסוכים פלעגן דערטרונקען אין שמוץ משפחה־ און ליבע־געפילן. די אזוי גערופענע „יידישע מאמע“ איז לויט דער אויבנדערמאָנ־טער כאַראַקטעריסטיק אין דער ווירקלעכקייט געווען די מאמע פון דער יידי־שער אָרעמקייט, פון יידישן ארבעטער און האַנטווערקער. דאָס איז די מוטער פון א קאָנקרעטער יידישער סאָציאַלער סביבה: די מאמע פון דער אָרעמער יידישער שטוב.

העלער האָט אונדז די דאָזיקע מאמע געוויזן. ער האָט זי דערהויבן צו א טיפּיש געשטאַלט. דאָס איז די יענע מאמע, וועלכע האָט געציטערט איבער אירע זין און טעכטער. אירע אויגן פלעגן זיך קיינמאָל נישט אויסטריקענען צוליבן באַרג צרות, וואָס איז שטענדיק געלעגן אויף אירע שוואַכע פּלייצעס.

צרות צוליב מאנגל פון דאָרן שטיקל ברויט, צוליב לוין־רעדוקציעס, שטרייקן, ארבעטלאָזיקייט, צוליב דער נויט, וואָס פלעגט די קינדער טרייבן פון די היימען אין דער ווייטער פרעמד. אמאָל אפילו איבער ימען און טייכן. די מוטער האָט געלעבט אין איין ציטער, אז דער שונא, די פּאָליציי זאָל איר די קינדער נישט אוועקרויבן, נישט צונעמען ביי זיי די פרייהייט און וואַרפן זיי אין די קעלערס פון די תפיסות און קאַרטאַז־בערעזע. אָט דאָס איז זי העל־לערס מאמע, די פרעכטיק־שיינע געשטאַלט, פול מיט ליידן און פיין, מיט ליבע, מיט שטילער פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר די גערעכטע מעשים פון די קינדער, פאַר זייער גערעכטן קאַמף. העלערס מאמע האָט זיך נישט דערהויבן צו דער מדרגה פון גאָרקיס „מוטער“, פון קאָנטיניאירן דאָס אָנגעהויבענע ווערק פון איר זון, ווען ער פאַלט אריין אין תפיסה, אָבער אויך העלערס מוטער־געשטאַלט האָט נישט איין מאָל דעם זון צוגעהאָלפן אויסבאַהאלטן פאַרבאָטענע ליטעראַטור און צוגעהאָלפן אָנבינדן א פאַרלוירענעם קאָנטאַקט מיט א חבר.

גרויס זענען דעריבער די יסורים פון דיכטער צוליב דעם, וואָס אָט די מאמע האָט עס געדאַרפט איבערלעבן די היטלעריסטישע אָקופּאַציע, זיין אין געטאָ, גיין אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, צוזען אלע מערדערייען, צוזען דעם טויט פון אירע קינדער. די דאָזיקע מאמע, וועלכע האָט געהאַלטן, אז די גערעכטי־קייט „אויף דער וועלט“ וועט געטראָגן ווערן דורך אירע קינדער און אויף „יענער וועלט“ דורך גאָט אין הימל, וועלכע האָט נישט איינמאָל געוואָלט גאָט איבער־בעטן פאַר די „זינד“ פון די קינדער, וועלכע זענען פון איר אוועק — אָט די מאמע האָט בעת דער אָקופּאַציע נישט איין מאָל געשטעלט איר גאָט הארבע פראַגן:

„מיין מאמע קומט אליין נאָך צו חלום און רעדט:
פאַר וואָס פאַר א חטא? א, פאַר וואָס פאַר א חטא?

צי האָב איך נאָך ווייניק געשלעפּט נאָך דעם עול,
צי האָב איך דען צופיל באַקלאָגט זיך אַמאָל,
ווען כ'האָב די מאכלים אויף פּאָסנע געקאָכט,
מיט צרות און אַנגסטן דערצויגן די וואָך.

פאַר וואָס פאַר אַ חטא?"

(,,מיין מאמע")

די געשטאַלט פון העלערס מאַמע וואַקסט אויס צום גערעכטיקייט-מאָנער פאַר די פאַרברעכנס פון היטלעריזם, זי איז די מאָנונג און גלייכצייטיק די וואָרענונג קעגן די פּרוּוון אָנצוּוואַרפן אַ דריטע וועלט-מלחמה. העלערס מאַמע, די מאַמע פון דער יידישער אָרעמקייט הייבט אָן צו פאַרקערפּערן מיט זיך די געפילס-וועלט פון דער אָרעמער מאַמע פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער. דורך דער טיפער נאַציאָנאַלער קאָנקרעטקייט וואַקסט העלערס מוטער-געשטאַלט אַריבער צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער געשטאַלט.

דער צווייטער מאָטיוו, וועלכן מיר האָבן אויסגעטיילט, איז דער מאָטיוו פון פּאַטריאָטיזם. אין זיין דיכטונג ברענגט העלער צום אויסדרוק זיין טיפע צוגעבונדנקייט צו פּוילן, זיין היימלאַנד. אַזאַ טיפע בענקעניש צום לאַנד האָט קיין שום יידישער דיכטער פון פּוילן נישט אַרויסגעבראַכט. אמת, נישט איין יידישער דיכטער אין פּוילן האָט אויסגעדריקט בענקעניש, אָבער נאָר פון אַן אַנדער מין. דאָס איז געווען די בענקעניש נישט נאָך פּוילן, נישט נאָכן לאַנד, נאָר נאָכן קליינעם שטעטל, נאָכן אַלטן לעבנסשטייגער, וועלכער האָט זיך איינגעבראָכן. דאָס איז געווען אַ בענקעניש, וועלכע האָט לויט איר אינהאַלט נישט געקאָנט זיין שעפעריש, ווייל זי האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ וועלט, וועלכע האָט געהאַלטן אין אונטערגיין. די שרייבער, וועלכע זענען נאָך דער מלחמה געלאָפן פון פאָלקס-דעמאָקראַטישן פּוילן אויפן מערב אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זענען צווישן אַ ריי אַנדערע סיבות אויך געלאָפן צוליב דעם מיראַזש ערגעץ אָפּצוזוכן דעם אַלטן פאַרגאַנגענעם קליינשטעטלדיקן לעבנסשטייגער, מיט וועלכן זיי זענען אידעאָלאָגיש און פּסיכאָלאָגיש געווען צוזאַמענגעוואַקסן. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָבן זיי געמוזט איבערלעבן אַן אַנטוישונג, ווייל אומעטום כמעט, און באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דער קאַפּיטאַליזם צעבראָכן דעם אַלטן קליינשטעטלדיקן לעבנסשטייגער. זיי קאָנען אים העכסטנס געפינען צווישן די רעשטלעך פון אַלטן דור. צווישן דער יוגנט וועלן זיי אים נישט געפינען, ווייל צווישן איר איז ער נישטאָ, זי קען אים בכלל נישט.

העלער איז נישט געווען צוגעבונדן צום יידישן קליינעם שטעטל. העלער איז געווען פאַרבונדן מיטן אַרבעטער-קלאַס פון פּוילן, מיטן יידישן אַרבעטער.

העלער האָט געלעבט נישט מיטן געמיטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, נאָר מיטן היינט און מאָרגן פון פוילישן ארבעטנדיקן פאָלק, פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. העלער האָט געפילט און געדענקט נישט מיט קאטעגאָריעס פון יידישער באַגרענעצטקייט, נאָר מיט ברייטע מלוכה־קאטעגאָריעס פון אַ קאָמוניסט, וועל־כער האָט געשטרעבט און געקעמפט פאַר דער דערהאָבערונג פון דער פּאָליטי־שער מאַכט דורך די פּוילישע ארבעטנדיקע מאַסן, פאַר אַ פאָלקס־פּוילן, ווו די יידישע ארבעטנדיקע מאַסן וועלן זיין גלייכע מיטשותפים און מיטשעפער פונעם נייעם פּוילן.

ווען העלער פאָרט אַרויס פאַר דער מלחמה קיין פראַנקרייך, ווערט אָפּגע־ריסן נישט צוליבן אייגענעם ווילן פון לאַנד, ווערט ער באַהערשט פון אַ מעכטי־קער בענקעניש, אַ בענקעניש נאָך פּוילן, נאָכן לאַנד. מיר געדענקען די בענקע־ניש פון מיצקעוויטשן נאָך פּוילן, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין זיין אינוואָ־קאַציע, מיט וועלכער ער הייבט אָן זיין אומשטערבלעכן „פּאַן טאַדעוש":

„Litwo! Ojczyzno moja! ty jesteś jak zdrowie;
Ile cię trzeba cenić, ten tylko się dowie,
Kto cię stracił. Dziś piękność twą w całej ozdobie
Widzę i opisuję, bo tęsknię po tobie".

מיר מערקן אָן ענלעכקייט פון איבערלעבונג ביי העלערן. העלער בענקט נאָך פּוילן, נאָכן לאַנד, נאָך זיין שיינקייט, וועלכע ער האָט אָפּגעפילט אַלץ טיפער, וואָס ווייטער ער איז געווען פון איר.

אָט ווי העלער ברענגט אַרויס זיין בענקעניש נאָך פּוילן:

„אַלע טייכן פאַלן אינעם ים,
און די ווייסל — אויך מן הסתם.
שטיי איך איצטער ביי אַ שטילן ברעג
און פון ווייטן זוך איך כאָטש אַ פלעק,
כאָטש אַ שפּור פון יענער בלויער פאַרב,
וואָס איך טראָג זי שטענדיק מיט אין האַרץ,
וויל די ווייסל לויכט מיט יענעם בלאָ,
וואָס איז אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ."

אַזוי האָט נאָך קיין שום יידישער דיכטער נישט געשריבן, אַזוי האָט נאָך קיין שום יידישער דיכטער נישט ליב געהאַט פּוילן. דאָס איז דער אויסדרוק פון העלערס פּאַטריאָטיזם, פון זיין צוגעבונדנקייט צום לאַנד, צו זיין ארבע־טער־קלאַס, צו זיין קאַמף און צו זיין צוקונפט.

דאָס זעלביקע טיפע פּאַטריאָטישע געפיל קומט אויך צום אויסדרוק אין העלערס דיכטונג בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען אָפּגע־

ריסן פון לאנד. דער דיכטער ווייסט וואָס אין לאנד קומט פאָר, זיין בענקעניש נאָך פוילנס שיינעם פייסאזש ווערט אויסגעמישט מיט געפילן פון אומעט צוליב דער אכזריות פון היטלעריזם.

דער דיכטער שרייבט דעריבער:

„דער הימל ליגט איצטער אין פינצטער
א בלויער, א בלויער, א בלויער,
דער פוילישער פרילינג, דער שענסטער,
געמישט איז מיט וואָלקן און טרויער

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט שלייפן און פויסטן פארפרעסטע —
איך ענדיק דאָס ליד שוין, איך ענדיק:
דער פוילישער פרילינג, דער בעסטער
וועט בלייבן מיין פרילינג אויף שטענדיק".

פוילן האָט דעם שענסטן טייך, פוילן האָט דעם בעסטן פרילינג — אָט מיט וועלכע פארליבטע אויגן דער דיכטער קוקט אויף פוילן, זיין היימלאנד. די פוילישע שיינע נאטור, וועלכע העלער האָט אזויפיל אָרט אָפּגעגעבן אין זיין פּאָעזיע און וועלכע ער באזינגט אזוי שיין, איז אָבער געווען פונקט, ווי דאָס פוילישע ארבעטנדיקע פאָלק און ווי די יידישע האָרעפּאשנע מאסן פארשמידט אין די קייטן פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג און האָט געבענקט נאָך באפרייונג. די דאָזיקע באפרייונג האָט דער דיכטער דערלעבט אין פאָלקס-דע-מאָקראטישן פוילן.

„דערזען וויל איך די לענג
פון יענע אלע וועגן,
ווי אונדזער ווייסל שווענקט
און לעקט ארום די ברעגן:
די דערפער און די שטעט
פון היימלאנד מיינעם פוילן,
דאָס וואקסן פון דער זעט
אין קאָרן און אין קוילן".

(„אויב מיר וועט סטייען יאָרן")

צום סוף נאָך איין ליד, וואָס קאָן נישט אריינגענומען ווערן אין סדר פון די ביז איצטיקע לידער.

ס'האָט אויפגעהערט צו קלאפּן דאָס גרויסע הארץ פון גרויסן סטאלין. ס'זענען אָנגעקומען יענע שווערע טעג, ווען דאָס געמיט פון הונדערטער מיליאָ-

נען מענטשן אויף דער גאנצער וועלט איז פארצויגן געוואָרן מיט א שווער־
אומעט. העלער האָט אויף זיין אופן פארפרעסט די ליפן און פארהאלטן ד־
טרער אין האלדז. העלער האָט אָנגעשריבן א ליד, אָנגעשריבן דאָס, וואָס ער
האָט געפילט, וואָס מיליאָנען האָבן געפילט: זיי זענען נישט געווען אימשטאנד
צולאָזן דעם געדאנק, אז סטאלין לעבט נישט מער. ס'איז געווען ווי אומנאטיר־
לעך: סטאלין און טויט. און דאָס האָט העלער אין שטילע עלעגישע ווערטער
אויסגעזונגען, אויסגעזונגען אויפן העלערישן אופן:

„געוויס, דאָס לעבן וועט נישט בלייבן שטיין,
און סטאלינס קראפט איז שטארקער פון געוויין.
און אלץ, וואָס האָט געשיינט אין זיין געדאנק
וועט ווערן גליק פאר הורות, דורות לאנג.
נאָר איך, א מענטש, וואָס לעב אין סטאלינס דור —
איך האָב אליין געזען אים אויף דער וואָר,
און זיינע רייד איך האָב אליין געהערט —
איך קאָן נישט גלייבן, אז ער לעבט נישט מער"

אויף אייביק איז אין אונדזערע הערצער פארבליבן סטאלין. דאָס איז דער
גרויסער אמת פון העלערס ליד. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אז סטאלינס
קראפט איז שטארקער פון געוויין. די דאָזיקע קראפט האָט צוויי צענדליק יאָר
אינספירירט העלערס מוזע און איז דער קוואל פון וואגעט העלער צום דעם
זאפט פאר זיין ווייטערדיקן שעפערישן גאנג פאָרויס. העלער הערט די מוזיק
פון דער סאָציאליסטישער בוינג אין פוילן, ער ברענגט זי ארויס דורך זיין
פעדז. ער באגלייט מיט זיין געזאנג דעם זיגרייכן גאנג פון זיין היימלאנד פויל־
צום סאָציאליזם.

די ייִדישע שפּראַך אין ליכט פון דער מאַרקסיסטישער שפּראַך-פאָרשונג

I

במעט אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן טיילן זיך איין אויף דריי עיקרדיקע שפּראַך-גרופּן: סלאַווישע, ראָמאַנישע, און גערמאַנישע. צו דער סלאַווישער שפּראַך-גרופּע געהערן אַזעלכע שפּראַכן, ווי רוסיש, ווייסרוסיש, אוקראַיניש, פּויליש, טשעכיש און די שפּראַכן פון די דרום-אייראָפּעישע סלאַווישע פעלקער. צו דער ראָמאַנישער שפּראַך-גרופּע געהערן די שפּראַכן פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, רומעניש, פּאָרטוגעזיש. צו דער גערמאַנישער שפּראַך-גרופּע געהערן אַזעלכע שפּראַכן, ווי דייטש, ענגליש, האָלענדיש, דעניש, שוועדיש. אויך די ייִדישע שפּראַך געהערט צו דער גערמאַנישער שפּראַך-גרופּע. אָבער די געמיינזאַמע אָנגעהעריקייט פון ייִדיש און דייטש צו דער גערמאַנישער שפּראַך-גרופּע באַשטימט נאָך נישט דעם גראַד פון זייער קעגנזייטיקער שייכות. די שייכות צווישן דער ייִדישער שפּראַך און דער דייטשישער איז אָן אַ פאַרגלייך אַ נענטערע, ווי, למשל, צווישן ייִדיש און ענגליש, אָדער צווישן ייִדיש און שוועדיש.

די נאָענטע שייכות פון ייִדיש און דייטש נעמט זיך דערפון, וואָס די ייִדישע שפּראַך האָט בעת איר אַנטשטיין, דאָס הייסט, ווען די ייִדן האָבן אָנגעהויבן זי צו באַנוצן, געבילדעט אַ דייטשישן דיאַלעקט. דער וואָרט-אוצר פון דער ייִדישער שפּראַך האָט אָנגעהאַלטן די ווייט-גרעסטע מערהייט דייטשישע ווערטער. איר גראַמאַטיקאַלישע סטרוקטור איז געווען די זעלביקע, וועלכע עס האָט דעמאָלט געהאַט די דייטשישע שפּראַך.

די גענויאַלע אַרבעט פון י. סטאַלין „וועגן מאַרקסיזם אין דער שפּראַך-קענטעניש", וועלכע איז אַ היסטאָרישע געשעעניש נישט בלויז פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך-וויסנשאַפט, נאָר פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, גיט אונדז אַ מעגלעכקייט אויך אויפן געביט פון דער ייִדישער שפּראַך-פאָרשונג צו דערזען אַ רײַ דערשיינונגען אין אַ נײַ ליכט.

אלע שונאים פון די יידישע פאָלקס=מאסן, כלערליי ציוניסטן, וועלכע האָבן שטענדיק מיט ביטול גערעדט וועגן יידיש ווי וועגן א „זשארגאָן“, וועלכע פאַרפאָלגן די יידישע שפּראַך אין ישראל, האָבן אין שיין פון י. סטאַלינס ארבעט באקומען א צעשמעטערנדיקן קלאפּ.

י. סטאַלין שרייבט:

„...די גראמאטיקאלישע סטרוקטור פון א שפּראַך און איר גרונטיקער וואָרט=אוצר בילדן דעם יסוד פון דער שפּראַך, דעם תוך פון איר ספּעציפיק“.

דער אנאליז פון דער יידישער שפּראַך אין ליכט פון י. סטאַלינס באַהויפּטונגען גיט אונדז די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן, אז די יידישע שפּראַך אנטהאלט די עיקרדיקע עלעמענטן, וועלכע באַשטימען דעם יסוד און די ספּעציפיק פון יעטווערער שפּראַך, נעמלעך, די יידישע שפּראַך האָט איר גרונטיקן וואָרט=אוצר און איר גראמאטיקאלישע סטרוקטור.

לאָמיר זיך דערמאָנען די פּרובטלאָזע אָנשטרענגונגען, וועלכע ס'האָבן געמאכט די „פאָרווערטס“=לייט אין משך פון צענדליקער יאָרן, כדי ארויסצושטויסן דעם גרונטיקן וואָרט=אוצר פון דער יידישער שפּראַך, (למשל, אזעלכע ווערטער ווי פענצטער, טיש, ברויט אדגל.). לאָמיר זיך דערמאָנען די אמעראַצישע באַהויפּטונגען פון כלערליי ציוניסטן, אז די יידישע שפּראַך האָט נישט קיין גראמאטיק. זיי האָבן אין זייער אמעראצעס נישט געקאָנט אונטערשיידן די גראמאטיקאלישע סטרוקטור פון דער שפּראַך פון דער גראמאטיק גופא.

די גראמאטיקאלישע סטרוקטור פון א שפּראַך עקזיסטירט אָביעקטיוו, ד. ה. אומאָפּהענגיק דערפון, צי אירע געזעצן זענען וויסנשאפטלעך שוין אויסגעפאָרשט געוואָרן, צי נישט; צי זיי זענען שוין פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער זאמלונג פון מאָרפאָלאָגישע און סינטאקסישע כללים, ד. ה. אין דער גראמאטיק, צי נישט. די ציוניסטישע אמעראצים זענען ענלעך געווען צו יענעם העלד פון מאָליער, וועלכער האָט זיך פּלוצעם דערוווּסט, אז ער האָט זיין גאנץ לעבן גערעדט פּראָזע. דעם פאקט, וואָס די גראמאטיק פון דער יידישער שפּראַך איז אויפגעקומען מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג לגבי דער אנטוויקלונג פון דער שפּראַך גופא, האָבן זיי זיך באַמיט צו קאָמענטירן, אז די יידישע שפּראַך האָט בכלל נישט קיין גראמאטיקאלישע סטרוקטור. זיי האָבן זי דעריבער פאַרשריגן אלס זשארגאָן.

היינט וועט קיינעם, פאַרשטייט זיך, נישט איינפאַלן פאָרצוּוואַרפן, אז די יידישע שפּראַך האָט נישט איר גרונטיקן וואָרט=אוצר, איר ברייטערן וואָרטבאַשטאַנד, איר גראמאטיקאלישע סטרוקטור און איר גראמאטיק.

ווי אזוי זשע איז פון מיטל־הויך־דייטשישן דיאלעקט אנטשטאנען די יידישע שפראך? לאָמיר הערן, וואָס זאָגט י. סטאלין וועגן דיאלעקטן.

אינעם ענטפער סאנזשעיעוון שרייבט י. סטאלין:

„...די אָרטיקע („טעריטאָריאלע") דיאלעקטן באדינען די פאָלקס־מאַסן און האָבן זייער גראַמאַטיקאַלישע סטרוקטור און גרונטיקן וואָרט־אוצר. צוליב דעם קאָנען געוויסע אָרטיקע דיאלעקטן אינעם געשטאלטי־קונג־פראָצעס פון נאציעס געלייגט ווערן אין יסוד פון נאציאָנאלע שפראכן און זיך אנטוויקלען אין זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע שפראכן. אזוי איז געווען, למשל, מיטן קורסקער־אָריאָלער דיאלעקט (קורסקער־אָריאָלער „לשון") פון דער רוסישער שפראך, וועלכער איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער רוסישער נאציאָנאלער שפראך. דאָס זעלביקע דארף געזאָגט ווערן וועגן פאָלטאווער־קיעווער דיאלעקט פון דער אוקראינישער שפראך, וועל־כער איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער אוקראינישער נאציאָנאַלער שפראַך. וואָס שייך די איבעריקע דיאלעקטן פון אזעלכע שפראכן, פארלירן זיי זייער אייגנאַרטיקייט, גיסן זיך אריין אין ד דאָזיקע שפראכן און פאר־שווינדן אין זיי.

פאראן אויך פארקערטע פראָצעסן, ווען די איינציקע שפראך פון א נאציאָנאליטעט, וועלכע איז נאָך נישט געוואָרן קיין נאציע צוליבן מאנגל פון נויטווענדיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען, ליידט א קראך צוליבן מלוכהשן פאנאנדערפאל פון דער דאָזיקער נאציאָנאליטעט, און די אָרטיקע דיאלעקטן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט באוויזן איבערצומאָלן אין דער איינציקער שפראך, — לעבן אויף און שאפן דעם אָנהייב פאר דער געשטאלטיקונג פון באזונדערע זעלבשטענדיקע שפראכן. מעגלעך, אז אזוי איז טאקע פאָרגעקומען, למשל, מיט דער איינציקער מאָנגאָלישער שפראך".

וואָס פארא אויספירן לאָזן זיך מאכן וועגן דער אנטוויקלונג פון דער יידי־שער שפראך אויפן יסוד פון י. סטאלינס באהויפטונגען?

ערשטנס, אז דער דיאלעקט, וואָס האָט געבילדעט דעם יסוד פאר דער יידישער שפראך, האָט געהערט צו יענע דייטשישע דיאלעקטן, וועלכע האָבן פארלוירן זייער אייגנארטיקייט און פארשוונדן אין דער דייטשישער נאציאָ־נאלער שפראך. אלס באווייז דינט דער פאקט, וואָס די יידן, וועלכע האָבן נישט אויסגעוואנדערט פון דייטשלאנד און דאָרט פארבליבן, האָבן מיט דער צייט אויפגעהערט צו רעדן מיט זייער דיאלעקט און אָנגעהויבן רעדן אויף דער דיי־טשישער נאציאָנאלער שפראך. ד. ה. אז זייער דיאלעקט איז פארשוונדן און זיך אריינגעגאָסן אין דער דייטשישער נאציאָנאלער שפראך.

צווייטנס, אז דער מיטל=הויך דייטשישער דיאלעקט, אויף וועלכן יידן האָבן גערעדט אין דייטשלאנד, איז מיט דער אויסוואנדערונג פון די יידן פון דייטשלאנד אין די סלאווישע לענדער ארויסגעריסן געוואָרן פון דער דייטשישער מלוכהשאפט, אָפּגעריסן געוואָרן פון דער דייטשישער ווירקונגס=ספערע פון דעם יעניקן דיאלעקט, וואָס האָט געבילדעט דעם יסוד פון דער דייטשישער נאציאָנאלער שפּראך, נישט באוויזן זיך, אזוי צו זאָגן, איבערצומאָלן אין דער איינציקער דייטשישער שפּראך, און געשאפן אזוי ארום דעם אָנהייב פאר דער געשטאלטיקונג פון א באזונדערער זעלבשטענדיקער שפּראך — פאר דער יידישער שפּראך.

דריטנס, א דיאלעקט, וואָס באדינט די פאָלקס=מאסן, האָט זיין גראמאטיקאלישע סטרוקטור און זיין גרונטיקן וואָרט=אוצר. דער דייטשישער דיאלעקט, אויף וועלכן ס'האָבן גערעדט אמאָל די יידן אין דייטשלאנד, האָט באדינט די יידישע פאָלקס=מאסן. ער האָט צוליב דעם געהאט זיין גראמאטיקאלישע סטרוקטור און גרונטיקן וואָרט=אוצר. דאָס האָט אים געדינט אלס באזיס צו פארוואנדלען זיך שפּעטער אין א זעלבשטענדיקער שפּראך צוליב די אויבנאָנגעוויזענע סיבות. דערמיט פאלן אָפּ די אמעראציישע פלוידערייען וועגן יידיש אלס זשארגאָן.

א זשארגאָן איז בלויז אזא דיאלעקט, וואָס באדינט נישט קיין ברייטע פאָלקס=מאסן, האָט נישט קיין אייגענע גראמאטיקאלישע סטרוקטור און גרונטיקן וואָרט=אוצר.

וועגן דער שייכות צווישן יידיש און דייטש איז נייטיק צו מאכן נאָך איין באמערקונג. מיר מיינען דעם וועזנטלעכן אונטערשיד, וועלכער איז פאראן צווישן דעם זאץ=בוי פון דער יידישער שפּראך און דעם זאץ=בוי פון דער הייניקער דייטשישער נאציאָנאלער שפּראך און, פארקערט, די אידענטישקייט, וועלכע איז פאראן צווישן דעם זאץ=בוי פון דער יידישער שפּראך און דעם זאץ=בוי פון די סלאווישע נאציאָנאלע שפּראכן.

די דאָזיקע דערשיינונגען גיבן א גרונט צו באהויפּטן, אז די אנטוויקלונג פון זאץ=בוי פון דער דייטשישער און יידישער שפּראך איז געגאנגען אין פארשידענע ריכטונגען. מען קאָן אויך אָננעמען, אז דער דייטשישער דיאלעקט, אויף וועלכן יידן האָבן אמאָל גערעדט אין דייטשלאנד, איז לויט זיין זאץ=בוי נענטער צום היינטיקן יידיש ווי צום היינטיקן דייטש, וואָס האָט אדורכגעמאכט א שנעלערע און קוואליטאטיווע אנדערע אנטוויקלונג אין פארגלייך מיט דער יידישער שפּראך.

עס איז נייטיק אונטערצושטרייכן דעם סאמע וועזנטלעכסטן איינפלוס פון די סלאווישע שפּראכן אויף דער געשטאלטיקונג פון דער יידישער שפּראך: סיי אויף איר זאץ=בוי, סיי אויף איר וואָרט=בוי (מאָרפאָלאָגיע).

דער סאָוויעטיש־יידישער געלערנטער מ. ווינער זאָגט וועגן דעם, אַז:

„אַן אַנטשיידנדיקן קער אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש צו אַ שפּראַך שטעלן מיר פעסט ערשט אינעם 17־טן יאָרהונדערט אין יענע לענדער, ווו ס'האָבן געלעבט געדיכטע יידישע מאַסן און ווו די פאַרבינדונג מיט דער דייטשישער שפּראַך איז געאָגראַפיש איבערגעריסן געוואָרן.

„...ערשט דער צונויפשטויס מיט די סלאַווישע שפּראַכן, מיט פּויליש, אוקראַאיניש, רוסיש, טשעכיש, און מיט זייער ווירקונג האָט געמאַכט פון יידיש־טייטש — די יידישע שפּראַך" (צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט, קיעוו 1940, זייט 15).

מען טאָר, פאַרשטייט זיך, נישט אויפפאַסן דעם איבערגאַנג פון יידיש־טייטש צו יידיש אין געשטאַלט פון אַן אויפרייס, פון אַ פּלוצעמדיקן, האַסטיקן איבערגאַנג. י. סטאַלין שרייבט:

„דער מאַרקסיזם אָנערקענט נישט קיין פּלוצעמדיקע אויפרייסן אין דער אַנטוויקלונג פון אַ שפּראַך, קיין פּלוצעמדיקן טויט פון אַן עקזיסטירנדיקער שפּראַך און קיין פּלוצעמדיקן אויפבוי פון אַ נייער שפּראַך".

דאָס זעלביקע איז געשען אויך מיט יידיש. דער איבערגאַנג צום היינטיקן יידיש איז געווען אַ לאַנגער פּראָצעס נישט בלויז פון איין יאָרהונדערט, נאָר פון אַ ריי יאָרהונדערטער. דאָס וועזנטלעכע פון דער דאָזיקער דערשיינונג איז דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער לאַנגזאַמער געשטאַלטיקונגס־פּראָצעס פון דער יידישער שפּראַך איז פאָרגעקומען אויף דער טעריטאָריע און אין די מלוכהשע גרענעצן פון די סלאַווישע פעלקער.

דאָ, צווישן די סלאַווישע פעלקער, האָט די יידישע שפּראַך זיך אַנטוויקלט צו אַ ליטעראַטור־שפּראַך אין מאָדערנעם זין פון וואָרט. דאָ איז אויפגעקומען די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור פון מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ, וועלכע האָבן זי אַריינגעפירט אין פאַנטעאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור. אויפגעריסן די טויערן פון געטאָ און דערמיט געגעבן דער יידישער שפּראַך נייע מעגלעכקייטן פון ווייטערדיקער אַנטוויקלונג — האָט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג פון רוסלאַנד און פּוילן.

דער איינפלוס פון די סלאַווישע פעלקער און זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן אויף דער געשטאַלטיקונג פון דער יידישער שפּראַך איז דעריבער אַ דעציידנדיקער.

גלייכצייטיק מוז אָפּגעוואָרפן ווערן די פאַלשע קאָנצעפּציע וועגן דעם, אַז דער יידישער זאַץ־בוי זאָל זיך האָבן כלומרשט אויך געשטאַלטיקט אונטערן איינפלוס פון העברעישן זאַץ־בוי, אין רעזולטאַט פון טייטשן דעם חומש אין

חדר. אָנגעמען די דאָזיקע „קאָנצעפּציע“ הייסט זיך שטעלן אויף אן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט אין דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך, הייסט באַטראַכטן די שפּראַך נישט ווי א פּראַקטישן פאַרקער-מיטל צווישן מענטשן, כדי צו באַפרידיקן זייערע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן, נאָר ווי א דערשיינונג, וואָס איז אָפּגעריסן פון פּראַקטישן לעבן, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט, כלומרשט, אונטערן איינפלוס פון בוך. וואָלט דער איינפלוס פון דער העברעישער שפּראַך געווען באמת אזוי שטאַרק, אז זי זאָל אזש האָבן געווירקט אויף דער געשטאַלטיקונג פון יידישן זאַץ-בוי, ד. ה. אויף דער ענדערונג פון זאַץ-בוי פון א לעבעדיקער שפּראַך, וואָלט זי אוודאי נישט געלאָזט זיך אַרויסשטויסן דורך די לעבעדיקע שפּראַכן, וועלכע יידן האָבן איבערגענומען אין פאַרשידענע לענדער, אין פאַרשידענע צייטן.

דער דאָזיקער „איינפאַל“ האַלט דעריבער נישט אויס די מינדסטע וויסנשאַפטלעכע קריטיק, בפרט, ווען דער זאַץ-בוי, ד. ה. דער סדר פון זאַץ-גלידער און זייער פאַראייניקונג אין דער העברעישער שפּראַך איז אן אנדערער ווי אין יידיש (באַזונדערס די צייט-ווערטער פון דער פאַרגאַנגענער צייט).

די פראַגע וועגן די העברעיזמען פון דער יידישער שפּראַך.

נישט ריכטיק זענען די פּרוּוון צו אידענטיפיצירן העברעיזמען מיט יידישע ווערטער פון העברעישער אָ פּ ש ט א מ ו נ ג, וואָס זייער גאַנצער „העברעישקייט“ באַשטייט דערין, וואָס זיי שרייבן זיך מיטן העברעישן אויסלייג. מען קאָן זיי אויך שרייבן אנדערש (מיטן יידישן אויסלייג). ווייל וועמען וועט איינפאַלן צו באַטראַכטן באַלעבאָסטע פאַר א העברעיש וואָרט, אָדער שלום (שאָלעם) — פאַר א העברעיש וואָרט. צי גאָר מלחמה (מילכאָמע), אָדער לשון (לאָשן) — אַלס העברעישע ווערטער. קרובהש — הייסט נישט דאָס זעלביקע. פונקט ווי „וויעטשור„ (פּויליש) איז נישט „וויעטשיער“ (רוסיש), פונקט ווי „סאָלעם אלייקום“ איז בלויז קרובהש צו שלום-עליכם, אָבער איז נישט העברעיש און נישט יידיש.

„מאַרקס און ענגעלס — שרייבט י. סטאַלין — דעפינירן שפּראַך אַלס די „אוממיטלבאַרע ווירקלעכקייט פון געדאַנק, אַלס דעם „פּראַקטישן.... ווירקלעכן באַוווּסטזיין“. די איבערגעבראַכטע יידישע ווערטער, זענען אזוי צונויפגעבונדן מיטן פּראַקטישן, ווירקלעכן באַוווּסטזיין פון די יידישע מאַסן, אז ס'איז שווער זיי אָפּצוטיילן פונעם דאָזיקן באַוווּסטזיין.

די ווערטער זענען אזוי פאַריידישט געוואָרן, אז זיי האָבן אפילו פאַרלוירן דעם אַמאָליקן העברעישן באַדייט, ווי למשל, לשון, באַלעבאָסטע. נישט נאָר וואָס זיי קלינגען אין העברעיש אַנדערש (אפילו לויט דעם אשכנזישן רעדאַרט, שוין אָפּגערעדט פון ספרדישן), נאָר זיי האָבן אין יידיש אן אנדערן זין און ניואַנסירונג.

וואָס פאַרא שייכות האָט מיט העברעיש אזא אויסדרוק, ווי „באַלעבאָסטעשי מיינע“, אָדער „ס'א לשון ס'האָט באַקומען“. דאָס, וואָס אין יידיש זענען פאַראַן ענלעכע באַגריפן פון דייטשישער אָפּשטאַמונג ווי ווירטן, קריג, שפּראַך א. א. וו. באַדייט מער נישט, אז דאָס פאָלק באַנוצט זיך מיט ביידע מינים, אָפּהענגיק פון שפּראַכלעכער נויטווענדיקייט און ניואַנסירונג. ווייל צווישן מלחמה און קריג איז אויך פאַראַן א געוויסע שאַטירונג. קריגן זיך הייסט נישט אין יידיש מלחמה האַלטן. ווירט איז נישט דאָס זעלביקע, וואָס באַלעבאָס. ווירט הייסט דער אייגנטימער פון הויז, און באַלעבאָס הייסט דער אייגנטימער פון ארבעטס־וואַרשטאַט. דאָס באַנוצן ביידע ווערטער דורך די פאָלקס־מאַסן איז א באַווייז פון א קאָנקרעטער באַדערפעניש צו ניואַנסירן דעם באַגריף. וואָלט נישט געווען די קאָנקרעטע באַדערפעניש, וואָלט נישט געווען צווישן זיי קיין באַשטימטע ניואַנסירונג, וואָלט איינס פון זיי שוין פון לאַנג ארויס פון געברויך.

פון וואַנעט קומען די ווערטער פון העברעישער אָפּשטאַמונג אין דער יידישער שפּראַך? זיי קומען פון רעליגיעזן קולט, וועלכער איז פראַקטיצירט געוואָרן אין משך פון טויזנטער יאָרן אין דער העברעישער שפּראַך, זיי קומען פון דער באַגעגעניש פון דעם דייטשישן דיאַלעקט, פון וועלכן ס'איז אַנטשטאַנען יידיש, מיט א געוויסן סכום העברעישע ווערטער.

וואָס קומט פאָר, ווען עס קרייצן זיך צוויי לעבעדיקע שפּראַכן? דערוועגן גיט י. סטאַלין פאָלגנדיקן ענטפער:

„פולשטענדיק פאַלש וואָלט געווען צו טראַכטן, אז אין רעזולטאַט פון קרייציקונג, לאָמיר זאָגן, פון צוויי שפּראַכן באַקומט זיך א נייע, דריטע שפּראַך, וואָס איז נישט ענלעך צו קיין שום פון די געקרייצטע שפּראַכן און וועלכע אונטערשיידט זיך קוואַליטאַטיוו פון יעדער איינציקער פון זיי. אין דער אמתן, גייט ביים קרייציקן זיך געוויינלעך ארויס אלס זיגערין איינע פון די שפּראַכן, זי פאַרהיט איר גראַמאַטיקאַלישע סטרוקטור, זי פאַרהיט איר גרונטיקן וואָרט־אוצר און אַנטוויקלט זיך ווייטער לויט די אינערלעכע געזעצן פון איר אַנטוויקלונג, און די צווייטע שפּראַך ווידער פאַרלירט שטופּנווייז איר קוואַליטעט און שטאַרבט שטופּנווייז אָפּ...

...אמת, דערביי קומט פאָר א געוויסע באַרייכערונג פון וואָרט־באַשטאַנד פון דער זיגערישער שפּראַך אויפן חשבון פון דער באַזיגטער, אָבער דאָס שוואַכט זי נישט אָפּ, נאָר פאַרקערט, דאָס פאַרשטאַרקט זי“.

אזא רעזולטאַט האָט זיך באַקומען, ווען עס האָבן זיך געקרייצט צוויי לעבעדיקע שפּראַכן אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט. ס'האָבן געמוזט זיין זיגער און באַזיגטע. אָבער אזא פאַרהעלטעניש איז נישט געווען צווישן יידיש און העברעיש. יידיש איז געווען א לעבעדיקער דייטשישער דיאַלעקט, דאָס פראַקטישע,

קאָנקרעטע פּאַרקער-מיטל צווישן די יידישע פֿאָלקס-מאַסן. העברעיִש, פֿאַרקערט, איז געווען א טויטע בוך-שפּראַך, וואָס איז באַנוצט געוואָרן דורך די לומדים פֿון די הערשנדיקע קלאַסן. צווישן יידיש און העברעיִש איז נישט פֿאָרגעקומען אפֿילו קיין קאַמף פֿאַר העגעמאָניע, ווי צווישן צוויי לעבעדיקע שפּראַכן. בלויז א באַשטימטער כּמות העברעיִשע ווערטער איז סטיכיש אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך די פֿאָלקס-מאַסן אין דער יידישער שפּראַך. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשוואַכט די יידישע שפּראַך, נאָר זי באַרייכערט. אַלזאָ, העברעיִשע ווערטער, וועלכע זענען פֿולשטענדיק אַסימילירט געוואָרן אין יידיש סיי לויט זייער זין, סיי לויט זייער קלאַנג — זענען יידישע ווערטער בלויז פֿון העברעיִשער אָפּשטאַמונג, פּונקט ווי דער גרונטיקער וואָרט-אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך זענען ווערטער פֿון דייטשישער אָפּשטאַמונג.

ס'וואָלט דעריבער געווען אומזיניק, ווען מיר וואָלטן די יידישע ווערטער פֿון העברעיִשער אָפּשטאַמונג באַזייטיקט פֿון דער יידישער שפּראַך.

דאָס האָט אָבער נישט צו טאָן מיט די אמתע העברעיִזמען, אָדער מיטן מין העברעיִשן זשאַרגאָן, וואָס איז באַוווסטזיניק אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך און קולטיווירט געוואָרן פֿון אויבן דורך פֿאַרשידענע רעאַקציאָנערן און נאַציאָנאַליסטן. פֿון דעם פֿרעמדן אָנגעלויף מוז די יידישע שפּראַך אויסגערייניקט ווערן. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין ווערטער — דאָ האַנדלט זיך וועגן א באַשטימטער פֿאָרם פֿון רעאַקציאָנער-נאַציאָנאַליסטישן איינפֿלוס. קודם-כּל האַנדלט זיך עס וועגן דעם רבנישן-תּלמודיסטישן ווילדגראָז, וועלכן פֿאַרשידענע ציוניסטן און יידישיסטן האָבן זיך באַמיט פֿאַרפֿלאַנצן אין יידיש. דאָס איז געווען א זשאַרגאָן, מיט וועלכן ס'האָט גערעדט א דינער שיכט לומדים, רבנים און סתּם שיינע יודעס באַלעבאַטים, כּדי זיך אונטערצושיידן פֿון פּשוטן פֿאָלקס-מענטש, פֿונעם „אַמהאָרעץ“. וועגן אַזאַ מין דיאַלעקט שרייבט י. סטאַלין:

„די „קלאַסן“-דיאַלעקטן, וועלכע ס'וואָלט ריכטיקער געווען אָנצורופֿן זשאַרגאָנען, באַדינען נישט די פֿאָלקס-מאַסן, נאָר א שמאָלן סאָציאַלן שפּיץ“.

אָט דער רבניש-העברעיִשער זשאַרגאָן ווערט געבאָוועט אין דער אויסלענדישער רעאַקציאָנערער פּרעסע, פֿון צייט צו צייט איז אויך צו באַגעגענען ביי אונדז אין פּוילן געוויסע זיינע שפּליטערן. אויסער דעם האָבן די ציוניסטן זיך באַמיט אַריינצופֿירן א ריי העברעיִזמען ווי מסיבה, מסקנא, מרכּז, אַדגל. ווערטער, וועלכע זענען נישט פֿאַרשטענדלעך דעם יידישן אַרבעטס-מענטש, פֿרעמדע זיין אויער, פֿאַרבינדן מיט באַגריפֿן פֿון א פֿרעמדער פֿאַר אים סאָציאַלער מיליע און דער עיקרשט, זיי האָבן זייער אינהאַלטלעכן עקוויוואַלעט אין אַלטע

אײַנגעבירגערטע אין ייִדיש ווערטער, ווי באַראַטונג, זיצונג, אויספֿיר, צענ־טער, וווּ יעדעס וואָרט איז נישט בלויז קיין סתּם־קלאַנג, נאָר אַ קלאַנג, וואָס אַסאָציִירט זיך מיטן קאַמף פֿון אַרבעטער־קלאַס, מיט זײַנע, למשל, געהיימע זיצונגען און באַראַטונגען, מיט סטראַטעגישע און טאַקטישע אויספֿירן, מיט צענטראַלע פּאַרטיי־ און פֿאַרייניגישע אינסטאַנצן א. א. וו.

דער רבניש־תּלמודיסטישער זשאַרגאָן, ווי אויך די נײַע העבּרעיִזמען — דאַרפֿן נישט געפֿינען קיין אָרט אין דער ייִדישער שפּראַך, ווײַל אָנגעוואָרפֿענע פֿון אַ פֿרעמדער סאָציאַלער מיליע האָבן די פֿאָלקס־מאַסן זיי אָרגאַניש נישט אויפֿגענומען, ווײַל זיי באַרײַכערן נישט די ייִדישע שפּראַך, נאָר האַמעווען איר אַנטוויקלונג פֿאָרויס.

די באַרײַכערונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך איז פֿאַרבונדן מיט נאָך אַנדערע פֿאַקטאָרן, מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג.

II

וואָס הייסט באַרײַכערונג פֿון אַ שפּראַך?

באַרײַכערונג פֿון אַ שפּראַך באַדײַט צווישן אַנדערע די באַרײַכערונג פֿון איר וואָרט־באַשטאַנד. וואָס מער נײַע ווערטער עס קומט צו אַ שפּראַך, וואָס מער בײַגעוודיקער עס ווערט איר וואָרט־בוי און זאַץ־בוי, אַלץ רײַכער ווערט זי, אַלץ פֿאַרביקער ווערט זי.

אַזאַ באַרײַכערונג האָט דורכגעמאַכט און מאַכט דורך די ייִדישע שפּראַך. די סאָציאַליסטישע בויונג אין פּוילן איז אַ סטימולירנדיקער פֿאַקטאָר פֿון דער דאָזיקער באַרײַכערונג.

אײדער מיר וועלן צוגיין באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פֿון דער באַרײַכע־רונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך אין פּוילן, אויף דער באַזע פֿון סאָציאַליזם, וועלן מיר מאַכן אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק איבערן דאָזיקן פּראָבלעם.

שוין דער קאַפּיטאַליזם האָט אין פּעריאָד פֿון זײַן אַנטוויקלונג אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט אויפֿן שטח פֿון דער געוועזענער צאַ־רישער אימפּעריע אַרײַנגעבראַכט טיפֿע ענדערונגען אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דער וואָרט־באַשטאַנד פֿון דער ייִדישער שפּראַך, וועלכער האָט זיך זייער פּאַמעלעך געזאַמלט אין משך פֿון יאָרהונדערטער אויפֿן יסוד פֿון איר גערמאַנישן וואָרט־אוצר מחמת דעם צופֿלוס פֿון סלאַווישע ווערטער, וועלכע זענען אַרײַן אין דער שפּראַך אַדאַנק דעם פּאַרקער פֿון דער שטעטלדי־קער און דאָרפֿישער ייִדישער מאַסע מיט די פּויערים און פֿון די ייִדישע סוח־

רישע שפּיצן מיט דער פּוילישער שליאַכטע -- דער דאָזיקער וואָרט-באַשטאַנד איז אויפגעבראַכט געוואָרן דורכן קאַפּיטאַליזם. צוזאַמען מיט דער וואַנדערונג פון די רואינירטע קליינבירגערלעכע יידישע מאַסן פון קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט האָט אויך מיטגעוואַנדערט זייער לעבעדיקע שפּראַך. די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל, די פאַרהעלטענישמעסיקע סאָציאַלע איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, די ענגערע פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער סלאַווישער באַפעל-קערונג — בקיצור — די נייע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס זענען אַריינגעשטיפן געוואָרן די קליינשטעטלדיקע יידישע מאַסן, האָבן געשאַפן אַ שלל מיט נייע פאַקטן, אַרויסגערופן צום לעבן אַ ריי נייע דערשיינונגען, נייע לעבנס-פאָרמען, וועלכע האָבן גורם געווען די אַנטשטייונג פון נייע באַגריפן און נייע רייד-פאָרמען פאַר די דאָזיקע באַגריפן. ס'איז אַנטשטאַנען דער יסוד פאַר אַ שנעלן באַרייכערונגס-פּראָצעס פונעם וואָרט-באַשטאַנד פון דער יידישער שפּראַך. טויזנטער נייע ווערטער זענען אויפגעקומען אין דער יידישער שפּראַך, ווערטער, וועלכע האָבן באַצייכנט די באַגריפן פון די נייע לעבנס-פאַרהעלטענישן און לעבנס-פאָרמען.

דער אויפקום פון דער משכילישער און שפּעטער קלאַסישער יידישער לי-טעראַטור, דער אויפקום פון דער יידישער פּרעסע האָט פאַרפיקסירט די נייע ווערטער און רייד-פאָרמען אין שריפט און דערמיט פאַרפעסטיקט זייער בירגער-שאַפט אין דער יידישער שפּראַך. באַזונדערס האָט דער אויפקום פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און די פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע אידעען צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַרמערט אומגעהייער דעם וואָרט-באַשטאַנד פון דער יידישער שפּראַך.

דערמיט איז אָבער נישט אויסגעשעפּט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון באַריי-כערונג פון דער יידישער שפּראַך. וועגן דער באַרייכערונג פון דער שפּראַך האָט דעצידירט נישט בלויז איר אויסגעברייטערטער וואָרט-באַשטאַנד.

דער אויפקום פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, די איבערזעצונ-גען אויף יידיש פון די ווערק פון די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם און פון ווערק פון אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, דער אויפקום פון דער יידישער פּרעסע און פּובליציסטיק — האָבן די גראַמאַטיקאַלישע סטרוקטור פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט עקזיסטירט, אַזוי צו זאָגן, אין זיך, אַרויסגעבראַכט ווי אַ באַוווסטזיניק-רעגולירנדיקן פאַקטאָר פאַר זיך. רעדן איז אַ פּראָצעס אַ סטיכישער, אָבער לייענען און שרייבן איז שוין אַ פּראָצעס אַ באַוווסטזיני-קער, אַ דיסציפּלינירנדיקער, לייענען און שרייבן מוז מען שוין באַוווסטזיניק זיך לערנען. די יידישע שפּראַך האָט באַקומען מאָס און וואָג, האָט באַקומען דיסציפּלין. די גראַמאַטיקאַלישע סטרוקטור פון דער יידישער שפּראַך האָט באַ-

קומען איר זעלבסטבאַוווּסטזיין — ס'איז אַנטשטאַנען די גראַמאַטיק פון דער ייִדישער שפּראַך, דאָס הייסט די וויסנשאַפטלעכע באַזיניקונג פון די אייגנטימלעכע פאַר איר סינטאַקטישע און מאָרפאָלאָגישע כּללים. די גראַמאַטיק פון דער ייִדישער שפּראַך האָט אַזוי אַרום נישט אין קיין קלענערער מאָס, אויב נישט אַפילו אין אַ גרעסערער, גורם געווען די באַרייכערונג פון דער ייִדישער שפּראַך שוין נישט בלויז אין זין פון אויסברייטערן איר וואָרט-באַשטאַנד, נאָר אין זין פון אויסברייטערן און בייגעוודיק מאַכן די מאָרפאָלאָגיע, דאָס הייסט די בוי-פאָרם פון וואָרט, געזעצטער מאַכן דעם זאַץ-בוי, דעם סינטאַקסיס — שאַפן די נייטיקע באַדינגונגען און אַטריבוטן פון אַ ליטעראַרישער שפּראַך. ייִדיש איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ ליטעראַרישע שפּראַך. דער ליטווישער דיאַלעקט איז געוואָרן איר יסוד. דאָס שאַפן קינסטלערישע ווערק (פּראָזע, פּאָעזיע און דראַמע), דאָס באַווייזן זיך פון די ווערק פון מענדעלע, שלום-עליכעמען און פּרצן האָבן צוגעאײַלט דעם געשטאַלטיקונגס-פּראָצעס פון דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך.

דער דאָזיקער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון דער ייִדישער שפּראַך איז אָבער פאָרגעקומען אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם צום סוף 19-טן און אָנהייב 20-טן יאָרהונדערט, דאָס הייסט, ער איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען אַ קורצער און איז אַרונטערגעפאַלן דער אַלגעמיינער ווידערשפּרעכלעכער געזעצלעכקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס איינע פון אירע עיקר-שטריכן איז באַשטאַנען און באַשטייט אין האַמעווען די קולטור-אַנטוויקלונג פון פעלקער בכלל, פון אונטערדריקטע פעלקער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בפרט. אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם האָט די אַנטיקולטור-פּאָליטיק אָנגענומען ווילדע, באַרבאַרישע פאָרמען.

דער פּראָצעס פון האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז פאָרגעקומען און קומט פאָר דורך פאַרשידנערליי פאָרמען און אופנים. מיר ווילן אָנווייזן אויף זייערע עיקרדיקע צוויי אופנים, אין וועלכע ער איז פאָרגעקומען אין בורזשואַזנע-פּריצישן פּוילן, אין פּעריאָד צווישן ביידע וועלט-מלחמות, און אין וועלכע ער קומט פאָר נאָך היינט מיט די אָדער אַנדערע ניואַנסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, בפרט אין ישראל. אַז דער דאָזיקער פּראָצעס שטעלט פאָר מיט זיך איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע ס'קומט צום אויסדרוק די עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע און סאָציאַל-פּאָליטישע דיסקרימינאַציע פון די ייִדישע פאָלקס-מאַסן, איז דאָ נישט נייטיק צו רעדן. מיר ווייסן אויסגעצייכנט דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן די דאָזיקע דערשיינונגען.

אַלזאָ, דורך צוויי עיקרדיקע אופנים איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון האַמעווען און טיילווייז דעגענערירן אַפילו די אַנטוויקלונג און אַנטוויקלונגס-

מעגלעכקייטן פון דער יידישער שפראך: פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק פון דער יידישער געזעלשאפט, וואָס אין תוך זענען דאָס געווען צוויי זייטן פון דער זעלביקער דערשיינונג.

פון אינעווייניק איז די יידישע שפראך געהאמעוועט געוואָרן דורך דער יידישער בורזשואזיע, רעאקציאָנערן קליינבירגערטום, דורך די העברעיסטיש-ציוניסטישע פאקטאָרן אין דער יידישער געזעלשאפט. די יידישע שפראך איז גערודפט געוואָרן ווי די שפראך פון די ברייטע יידישע פאָלקס-מאסן. די קלאסן-שנאה צו די יידישע ארבעטנדיקע האָט צווישן אנדערן זיך אויסגעדריקט אויך אין דער שנאה צו דער יידישער שפראך. אין רעזולטאט האָט די שנאה געפירט פון איין זייט צו פלאנצן ביטול צו דער שפראך פון די יידישע מאסן, פון דער צווייטער זייט צו דער הפקר-באציונג צו דער שפראך פון די יידישע מאסן אין די פאלן, ווען די יידישע באזיצנדיקע, עקספלואטאטאָרישע קלאסן האָבן געמוזט צוליב א גאנצע ריי פאָליטישע און אוטיליטארע סיבות באנוצן זיך מיט דער יידישער שפראך.

דאָס באנוצן זיך מצד די ציוניסטיש-בירגערלעכע און ציוניסטיש-קליינבירגערלעכע קרייזן מיט דער יידישער שפראך איז פאָרגעקומען דער עיקר צוליב צוויי וויכטיקע מאָטיוון: צוליב געווינען, איינהאלטן און אויסברייטערן דעם איינפלוס פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע, פון ציוניזם אויף די יידישע מאסן, און צוליב מסחר. יידישע פרעסע, יידיש פארלאגס-וועזן איז געוואָרן א געשעפט. אין ביידע פאלן האָבן די הענדלער פון פאָליטיק און די פאָליטיק פון די הענדלער זיך ווינציק וואָס געקימערט וועגן דער אנטוויקלונג פון דער שפראך, וועגן איר באַרייכערונג און דיסציפלינירונג, פארשענערונג און פארטיפערונג. אלס ביישפיל קאָן דינען דער צושטאנד פון דער אָרטאָגראפיע אין דער יידישער פרעסע אין פוילן און אויך איצט און אין די קאפיטאליסטישע לענדער. וויפל יידישע צייטונגען ס'האָבן עקזיסטירט אין פארמלחמהדיקן בורזשואז-פריצישן פוילן, וויפל יידישע צייטונגען עס עקזיסטירן איצט אין די קאפיטאליסטישע לענדער — אזויפיל כמעט אָרטאָגראפישע איינשטעלונגען זענען געווען און זענען פאַראַן. אוודאי איז אָרטאָגראַפיע נישט דער יעניקער פאַקטאָר, וועלכער דעצידירט וועגן דער גראמאטיקאלישער סטרוקטור פון דער שפראך, נישט וועגן איר סטיליסטיק און וואָרט-בוי. דערפון וואָס דריי צייטונגען למשל האָבן געשריבן: איינע „יידן" די צווייטע „יודען" און די דריטע „אידען" האָט זיך דער פון נישט דער באגריף און נישט די פאָנעטיק, דער קלאנג נישט געענדערט. דאָס איז אמת, אָבער דאָס זאָגט עדות וועגן מאנגל פון זאָרג, פון אינטערעס, פון וויסנשאפטלעכער באציונג צו אזא וויכטיקער דערשיינונג ווי שפראך. דאָס זאָגט עדות וועגן דעם כאָאָס און פארמיסטיקונג, וועלכע איז באוווסטזיניק אריינגעבראכט געוואָרן אין דער יידישער שפראך מצד די ציוניסטיש-בירגער-

לעבע און ציוניסטיש־קלײנבירגערלעכע פאַקטאָרן, דאָס זאָגט עדות װעגן דעם בטול, װעלכער איז באַװוסטזיניק געפּרעדיקט געװאָרן מצד די דאָזיקע עלעמענטן צו דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

דער דאָזיקער צושטאַנד, די שנאה און קאַמף קעגן דער יידישער שפּראַך, דאָס פאַרשרײַען זי אַלס זשאַרגאָן, דער באַרבאַריזם אין דער אָרטאָגראַפיע, די אַמעראַציישע פאַרלײַקענונג פון איר גראַמאַטיק, דאָס פאַרמיסטיקן זי דורך דײַטשמעריזמען און אַנדערע מאָרפאָלאָגישע קרײַטעכצער — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט נישט געקאָנט זעלבסטפאַרשטענדלעך באַגינסטיקן די אַנטװיקלונג פון דער שפּראַך, איר דיסציפּלינירונג, באַגינסטיקן די אַנטװיקלונג פון דער ליטעראַרישער שפּראַך. פאַרקערט, דאָס האָט באַדײַטנדיק געשטערט איר אַנטװיקלונג, געהאַמעװעט איר נאַטירלעכן גאַנג פאָרױס. אויך די אײַנשטעלונג, װעלכע עס האָבן פאַרנומען בנוגע דער יידישער שפּראַך דער בונד, פּועלי ציון לינקע און אַנדערע יידישיסטן, האָט געהאַמעװעט איר אַנטװיקלונג. די פּרוּװן אָפּצורײַסן, סעפּאַרירן די יידישע אַרבעטערשאַפט פונעם אַלגעמײַנעם קאַמף פונעם פּױלישן רעװאָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ פון פּױלן קעגן דער בורזשואַז־פּריצישער דיקטאַטור און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, די באַמיונגען צו פלאַנצן יידישן נאַציאָנאַליזם צװישן די יידישע פאָלקס־מאַסן, צו שטױסן זײ צו אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער יידישער ציוניסטישער און אַגודיסטישער בורזשואַזיע אויף דער באַזע פון דער אַלטפרענקישער קהלה, די באַמיונגען אױפצופלאַקערן און אומזיניקן שפּראַכן־קאַמף: יידיש־העברעיש — האָט פאַקטיש געצױגן די יידישע שפּראַך אויף צוריק, געשטױסן זי אין אַ פּאָליטיש־סאָציאַלן און מאָראַלישן געטאָ, אָפּגעריסן זי פון שעפערישן קװאַל פון די נײַע פאַקטן און דערשײַנונגען פון רעװאָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, אָפּגעריסן זי פון די אײנציקע פאַקטאָרן, װעלכע זענען בלויז מסוגל געװען צו שאַפן פאַר איר אַלע פאָר־הנחות פון אַנטװיקלונג. װאָס שטאַרקער ס'איז געװאַקסן דער קאַמף פון רעאַקציאָנערן בונד און רעאַקציאָנערע יידישיסטן קעגן דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג אין פּױלן, װאָס גרעסער ס'איז געװאָרן זײער שנאה צום ראַטנפאַרבאַנד — אַלץ מער האָבן די דאָזיקע יידישיסטן געקוקט און געצױגן אויף צוריק אַזױ אין אַלגעמײַנע קולטור־פּראָבלעמען װי אין פּראָבלעם פון דער יידישער שפּראַך...

אונטערן מאַנטל פון כלומרשטער פאָלקסטימלעכקײט און פּסעװדאָ־װיסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָבן פאַרשידנערלײ רעאַקציאָנערע בונדיסטן און יידישיסטן פון ייװאָ (מאַקס װײַנרײַך) זיך באַמיט אונטערצוטראָגן די יידישע מאַסן אַן אַלטפרענקיש־רבנישן יידיש אַלס סוראָגאַט לגבי די קאָנקרעטע שפּראַך־באַדערפענישן פון די יידישע אַרבעטנדיקע, האָבן זיך באַמיט אָפּצורײַסן זײ פון די נײַע שפּראַך־אויסדרוקן, װעלכע זענען אויפגעקומען אין רעזולטאַט פון דער

אָקטאָבער=רעוואָלוציע און פון קלאַסן=קאַמף אין פּוילן. דאָס האָט, זעלבסט=
פאַרשטענדלעך, געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך.
דער פּראָצעס פון האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין
אַ נאָך שטאַרקערער מאָס קומט צום אויסדרוק איצט אין די קאַפּי=
טאַליסטישע לענדער. מיר אונטערשטרייכן די ווערטער אין אַ נאָך שטאַרקע=
רער מאָס דערפאַר, ווייל דערמיט ווילן מיר אָנווייזן אויף אַ נייעם עלעמענט, וואָס
איז אַריינגעטראָטן אין דער דאָזיקער דערשיינונג. דאָס איז דער עלעמענט פון
קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער יידישער בורזשואזיע און רעכטע ציוניסטישע און
בונדיסטישע סאָציאַל=דעמאָקראַטן — קאָסמאָפּאָליטיזם אַלס אידעאָלאָגיע פון
אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער יידישער ציוניס=
טישער בורזשואזיע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער קאָסמאָפּאָליטיזם
פון בן=גוריונען, פון רובינסקין קומט צום אויסדרוק נישט בלויז אין זייער אַל=
טער פאַרשטאַרקטער ראָל פון האַמעווען די אַנטוויקלונג פון יידיש (אין ישראל
איז צוגעקומען דער מלוכהש=רעכטלעכער עלעמענט פון רדיפות און צוואַנגס=
העברעיזאַציע), נאָר אויך אין דער פאַוואָריטיש=פּריווילעגירטער איינשטעלונג לגבי
דער ענגלישער שפּראַך — אפילו לגבי העברעיש אין ישראל.
מיר פאַרשטייען דעם נאַטירלעכן דראַנג פון די יידישע פאָלקס=מאַסן צו
דערלערנען די שפּראַכן פון די לענדער וווּ זיי וווינען. מיר פאַרשטייען דעם
דראַנג פון די יידישע פאָלקס=מאַסן צו דערלערנען די ענגלישע שפּראַך אין די
לענדער, וווּ זי איז די שפּראַך פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע פון אַנדערע פעלקער.
דעם דאָזיקן נאַטירלעכן דראַנג באַניצט זיך אָבער די יידישע קאָסמאָפּאָליטיש=
ציוניסטישע בורזשואזיע, די יידישע קאָסמאָפּאָליטישע רעכטע סאָציאַל=דעמאָ=
קראַטיע פון בן=גוריונס און רובינסקיס חדר אויסצונוצן, כדי פאַרצושטעלן די
ענגלישע שפּראַך ווי די שפּראַך פון דער העכערער כלומרשט אַנגלאָזאַקסישער
ראַסע, ווי אַ יחוסדיקע שפּראַך, כדי אויך אַזוי אַרום איינפלאַנצן צווישן די
יידישע מאַסן די געפילן און געווינשאַפט פון הכנעה, שפלדיקייט, הינטערשטע=
ליקייט לגבי די אַנגלאָ=זאַקסן, וועלכע פּרעטענדירן אויף וועלט=הערשאַפט, כדי אַזוי
אַרום לייכטער איינשפּאַנען די יידישע מאַסן אין רייטוואָגן פון אַמעריקאַנער
אימפּעריאַליזם, אין רייטוואָגן פון זיינע ווילדע מענטשן=פרעסערישע, גענאָ=
צידישע (פעלקערמאָרד) אינטערעסן און צילן.
דער צווייטער פאַקטאָר, וועלכער האָט העצידירנדיק געהאַמעוועט דורך
פאַרשידנערליי אופנים די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך איז געווען
די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגס=פּאָליטיק פון די בורזשואַז=פּריצישע רעגירונ=
גען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. די פּאָליטיק פון צוואַנגס=אַסימילאַציע, פון
צוואַנגס=פּאָלאָניזאַציע. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אַרויסגעדרונגען פון כּהות
פון דער בורזשואַזער קלאַסן=דיקטאַטור, וואָס אויף איר יסוד האָט זיך געהאַלטן

און האלטן זיך איצט אלע בורזשואזע מלוכות. דאָס איז די פּאָליטיק פון זייער נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם צווישן אייגענעם פאָלק, נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט לגבי אַנדערע פעלקער, נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגס־פּאָליטיק לגבי אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע פעלקער, באַזונדערס לגבי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס איז די פּאָליטיק פון זייער אומצוטרוי צו אַנדערע פעלקער, כדי צו פּאַראַליזירן דעם היסטאָריש־נויטווענדיקן און היסטאָריש־געזעצמעסיקן פּראָצעס פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פאַרשידענע פעלקער אין זייער קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא — דער אַנאַציאָנאַלער און קאָסמאָפּאָליטישער בורזשואַזיע פון פאַרשידענע לענדער און פעלקער. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אין איר לאָגישער אַנטוויקלונג געפירט און דערפירט אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פאַשיסטישע הערשאַפטס־מעטאָדן פון דער בורזשואַזיע אויפן יסוד פון די אַמעריקאַנער ראַסן־„טעאָריעס" און לינטש־פּראַקטיק לגבי די נעגער צו דער פּראַקטיק פון פעלקער־מאָרד, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן דורך די היטלעריסטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און דורך די אַמעריקאַנער נעאָהיטלעריסטן אין דער מלחמה קעגן קאָרעע.

פון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק מצד די פּוילישע באַזיצנדיקע פּאַראַזיטישע קלאַסן און זייער צוואַנגס־אַפּאַראַט, זייער מלוכה, האָט אַרויסגעדרונגען זייער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אוקראַיִנישע, ווייסרוסישע און ליטווישע פאָלקס־מאַסן. פון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק האָט אַרויסגערונגען צווישן אַנדערן די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, לגבי דער יידישער שפּראַך.

מיט געוואַלד, מיט כוח האָט די פּוילישע בורזשואַזיע באַמיט זיך אויסצוראָטן די שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. מיר געדענקען די רדיפות מצד אַלע פּוילישע בורזשואַז־פּריצישע רעגירונגען אויפן יידישן טעאַטער, אויף די יידישע שולן, אויף די יידישע ביבליאָטעקן. פּאַראַלעל דערמיט איז אָנגעווענדט געוואָרן די פּאָליטיק פון צוואַנגס־פּאָלאָניזאַציע, פון צוואַנגס־אַסימילאַציע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּוילישע באַזיצנדיקע, פּאַראַזיטישע קלאַסן איז צום ווינציקסטן אָנגעגאַנגען, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן זאָלן זיך באַקענען מיט דער פּוילישער שפּראַך, מיט די אוצרות פון דער פּוילישער קולטור, מיט די קינסטלערישע ווערק פון די פּוילישע קלאַסיקער, מיט די אידעען פון די פּוילישע פרייהייטס־קעמפער. פאַרקערט, פּונקט ווי זיי האָבן זיך באַמיט, אַז די פּוילישע פאָלקס־מאַסן זאָלן צו זיי קיין צוטריט נישט האָבן, האָבן זיי זיך אויך באַמיט, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן זאָלן צו זיי קיין צוטריט נישט האָבן. די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגס־פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון צוואַנגס־פּאָלאָניזאַציע, פון צוואַנגס־אַסימילאַציע האָט געזאָלט דינען און געדינט ווי אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן קעגנ־

זייטיקע שנאה און האס צווישן די פעלקער, וועלכע האָבן באווינט פוילן, ווי א מיטל צו זייען אנטיסעמיטיזם, ווי א מיטל צו האלטן אין געהאָרכזאמקייט די יידישע פאָלקס=מאַסן, כדי צו קאָנען זיי עקספּלואַטירן, כדי צו קאָנען פארשפרייטן די רעאקציאָנערע אידעאָלאָגיע פון די באזיצנדיקע, עקספּלואַטאטאָרישע קלאסן, כדי איינצושפאנען די יידישע פאָלקס=מאסן אינעם רייט=וואָגן פון דער בורזשואזער מלוכה=פּאָליטיק, פלאנצן שנאה צום ראטנפארבאנד, שאפן אָפּהענגיקייט און פאסיווקייט אין אָנבליק פון די מלחמה=צוגרייטונגען קעגן ראטנפארבאנד.

די פּאָליטיק פון צוואנגס=פּאָלאָניזאציע, ד. ה. די פּאָליטיק פון אָגוואַרפן מיט געוואלד די פוילישע שפראך האָט פראקטיש באדייט א פּאָליטיק ארויסצושטויסן די יידישע שפראך, צו פארטיליקן זי.

אין זיין ענטפער כאָלאָפּאָוו כאראקטעריזירט י. סטאלין די שפראכן=פארהעלטעניש אין די באדינגונגען פון קאפּיטאליסטישער הערשאפט אויף פאָלגנדיקן אופן:

„די פאָרמול פון סטאלינען אין זיין בראָשור, אין דעם טייל, וואָס האָט א שייכות צו דער קרייציקונג פון שפראכן, האָט אין זינען די עפּאָכע ביז נצחון פון סאָציאליזם אין וועלט=מאסשטאב, ווען די עקספּלואַטאטאָרישע קלאסן זענען די הערשנדיקע קראפט אין דער וועלט, ווען די נאציאָנאלע און קאָלאָניאלע אונטערדריקונג בלייבט אין קראפט, ווען די נאציאָנאלע אָפּגעזונדערטקייט און קעגנזייטיקער אומצוטרוי פון די נאציעס זענען פארפעסטיקט דורך די מלוכהשע אונטערשידן, ווען ס׳איז נאָך נישט פאראן קיין נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג, ווען די קרייציקונג פון שפראכן קומט פאָר אין א קאמף פאר הערשאפט פון איינע פון די שפראכן, ווען ס׳זענען נאָך נישט פאראן די באדינגונגען פאר פרידלעכער און פריינדשאפטלעכער צוזאמענארבעט פון די נאציעס און שפראכן, ווען אויף דער טאָג=אָרדענונג שטייט נישט די צוזאמענארבעט און קעגנזייטיקע בארייכערונג פון שפראכן, נאָר די אסימילאציע פון איינע און דער נצחון פון אנדערע שפראכן. פארשטענדלעך, אז אין אזעלכע באדינגונגען קאָנען בלויז זיין זיגערישע און באזיגטע שפראכן. די דאָזיקע באדינגונגען האָט געמיינט אין זין די פאָרמול פון סטאלינען, ווען זי רעדט, אז די קרייציקונג, לאָמיר זאָגן, פון צוויי שפראכן גיט אין רעזולטאט נישט די אנטשטייונג פון א נייער שפראך, נאָר דעם נצחון פון איינער פון די שפראכן און די מפּלה פון דער צווייטער" („באָלשעוויק", נר. 14 1950, זייט 5).

אזוי זעט אויס דאָס אלגעמיינע בילד פון דער שפראכן=פארהעלטעניש אין די באדינגונגען פון דער בורזשואזער הערשאפט. נאָך ברוטאלער איז די בא=

ציונג פון די הערשנדיקע קלאסן צו די שפּראכן פון די אונטערדריקטע נאציאָנאלע מינדערהייטן און קאָלאָניאלע פעלקער.

אוודאי איז דער פּראָצעס פון ארויסשטויסן, באזיגן א שפּראך נישט קיין לייכטער און נישט קיין שנעלער. הונדערטער יאָרן האָבן די פּרייסישע יונקערס און שפּעטער די דייטשישע בורזשואזיע גערמאניזירט די פּוילישע באפעלקערונג פון נידער- און אויבער-שלעזיע, פון וואַרמיע, מאזורן און פּויזן, און דאָך האָט די פּוילישע באפעלקערונג דערהאלטן איר שפּראך. דאָס זעלביקע איז פאָרגעקומען מיט דער אסימילאציע-פּאָליטיק פון די טערקישע בעיען בנוגע די סלאווישע פעלקער, וועלכע זיי האָבן אונטערדריקט. די סלאווישע פעלקער האָבן זיך געווערט און דערהאלטן זייערע שפּראכן, הגם זייער אַנטוויקלונג איז דערמיט געהאמעוועט געוואָרן. אויפן זעלביקן וועג זענען געגאנגען און כמעט די זעלביקע מעטאָדן האָבן אָנגעווענדט די בורזשואז-פּריצישע רעגירונגען פון פּוילן לגבי דער יידישער נאציאָנאלער מינדערהייט און איר שפּראך.

מיר באהאנדלען דאָס פּראָבלעם פון צוואנגס-אסימילאציע פון שטאנדפּונקט פון שפּראך. דעריבער טראָגן אונדזערע באטראכטונגען וועגן איר א פראגמענטארישן כאראקטער. זיי זענען אויך אזוי פיל נייטיק, אויף וויפל זיי קלערן אויף די פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אויפן געביט פון שפּראך און אויף וויפל די דערשיינונגען אין דער שפּראך-אנטוויקלונג זענען פארבונדן מיט די אלגעמיינע פּראָצעסן און לאָזן זיך נישט פון זיי אָפּטיילן. כדי צו פארענדיקן מיט די אלגעמיינע באטראכטונגען איז נייטיק אומבאדינגט אונטערצושטרייכן, אז די פּאָליטיק פון נאציאָנאלער דיסקרימינאציע איז אין די באדינגונגען פון דער צווייטער וועלט-מלחמה און אין נאָך-מלחמה-פּעריאָד איבערגעוואקסן אין דער פּאָליטיק פון פעלקער-אויסראָטונג, פון פעלקער-מאָרד.

דאָס האָט באוויזן היטלער, דאָס באווייזט דער אמעריקאנער אימפּעריאליזם אין קאָרעע, דער ענגלישער אין מאלאיע. היטלער האָט די ענדעקיש-סאנאטאָרישע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע דיסקרימינאציע-פּאָליטיק לגבי דער יידישער באפעלקערונג דערפירט צו דער פיזישער אויסראָטונג און פארניכטונג פון דער יידישער באפעלקערונג בכלל.

פון דעם אנאליז וועגן צושטאנד פון דער יידישער שפּראך אין פּוילן פון פאַר דער מלחמה לאָזט זיך מאכן פאָלגנדיקער אויספיר:

ביידע פאקטאָרן: די דיסקרימינאציע-פּאָליטיק פון די בורזשואז-פּריצישע רעגירונגען, די פּאָליטיק פון צוואנגס-אסימילאציע פון איין זייט און די אנטי-קולטור-פּאָליטיק פון די יידישע באזיצנדיקע קלאסן רעאליזירט מיט דער הילף פון די רעאקציאָנער-ציוניסטישע און רעאקציאָנער-בונדישע אידעאָלאָגישע טראנסמיסיעס פון דער צווייטער זייט — זענען מיט זייער שארף געווען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס-מאסן, קעגן זייערע קולטור-

נויטן אין קולטור=באַדערפעניש, זענען געווען געווענדט קעגן דער יידישער שפראך און האָבן אויף א דירעקטן און אומדירעקטן אופן געהאַמעוועט איר אנטוויקלונג, געהאַמעוועט איר באַרייכערונג, דיסציפּלינירונג און פאַרטיפונג.

ווי זשע זעט אויס דער צושטאַנד פון דער יידישער שפראך איצט אין די באַדינגונגען פון פאָלקס=דעמאָקראַטישן פוילן?

קודם=כל איז נייטיק אָנצווייזן אויפן פאַקט, אז די היטלעריסטישע, ראַסיסטישע פאַרטייליקונגס=פּאָליטיק, וואָס ווערט איצט קאָנטינוּאירט דורך די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן אין קאָרעע, האָט צוזאַמען מיטן אויסמאָרדן דריי מיליאָן פוילישע יידן פאַרשניטן פאַקטיש די גרונטיקע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן גערעדט אויף יידיש, וועלכע זענען געווען אין זייער קאָנקרעטער פּראָדוקציע=טעטיקייט און קולטורעלער אויסלעבונג די טרעגער און שעפער פון דער יידישער שפראך. צום דאָזיקן חורבן האָבן צוגעלייגט זייער חלק אין נאָכמלחמה=פּעריאָד די ציוניסטן מיט זייער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון יציאת=פוילן.

דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט פון אומברענגען מיליאָנען מאַסן, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש, קאָן זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט בלייבן אָן א נעגאַטיווער ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער געשטאַלטיקונג פון דער יידישער שפראך. א שפראך, ווי יעטוועדע לעבעדיקע זאַך, מוז האָבן שפּייז, האָבן דעם שפּייכלער, פונוואַנעט זי זאָל ציען איר יניקה, מוז האָבן דעם לעבעדיקן קוואַל, פונוואַנעט זי זאָל ציען דעם זאַפט פאַר איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. דער שפּייכלער, דער קוואַל — דאָס זענען די פאָלקס=מאַסן, וועלכע דענקען און רעדן אין דער געגעבענער שפראך, פאַר וועלכע זי איז זייער פאַרקער=מיטל. דעם דאָזיקן שפּייכלער האָט די יידישע שפראך פאַרלוירן. דעם דאָזיקן עיקרדיקן היסטאָרישן אומגינסטיקן פאַקט מוז מען אומבאַדינגט האָבן אין זין ביים באַהאַנדלען דעם צושטאַנד פון דער יידישער שפראך אין פאָלקס=דעמאָקראַטישן פוילן.

נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער היסטאָרישער, אָביעקטיוו=געגעבענער לאַגע, וואָס איז, ליידער, נישט צום ענדערן און איבערצומאַכן, נישט געקוקט אויף דער זייער קליינער צאָל יידישער באַפעלקערונג, איז נייטיק אָנצווייזן אויף דער פאַרהעלטענישמעסיקער אַנטוויקלונג, וועלכע ס'האָט דורכגעמאַכט די יידישע שפראך אין פאָלקס=דעמאָקראַטישן פוילן אין משך פון די יאָרן פון נאָך דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג פון פוילישן פאָלק און פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. מיר ווייזן אָן אויף דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, נישט כדי צו שאַפן וועלכע ס'איז אילוזיעס, אַז זי איז אימשטאַנד צו פאַרטרעטן דעם פאַרלוירענעם שפּייכלער, נאָר כדי אונטערצושטרייכן די אָביעקטיוו=גינסטיקע באַדינגונגען, וועלכע ס'שאַפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך די פאָלקס=דעמאָקראַטישע אָרדענונג. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז אומאָפּרייסלעך פאַרבונדן מיט די פּרעכטיקע דערגרייכונגען פון דער קולטור=רעוואָלוציע אין

פוילן בכלל, וועלכע גיט אייך אירע פרוכטן אויפן געביט פון דער אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך. דאָ קומט צום אויסדרוק דער כוח פון סאָציאליזם.

די קולטור־אנטוויקלונג, וועלכע האָט גורם געווען דעם פארהעלטניסמעסיקן וווּקס פון דער יידישער שפראך, האָט בלויז געקאָנט געשען אויפן יסוד פון די רעוואָלוציאָנערע איבערגעשטאַלטיקונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען און קומען פאָר אין פוילן אויף אלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס זענען ליקווידירט געוואָרן יענע פאקטאָרן, וועלכע האָבן געשטערט און געהאמעוועט די אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך, פארקערט, צו דער פאָליטישער מאכט אין פוילן זענען געקומען די פוילישע ארבעטנדיקע מאסן בראש מיטן רעוואָלוציאָנערן ארבעטער־קלאס און זיין פארטיי, וועלכע האָט געפירט און פירט דעם קאמף פאר סאָציאליזם אונטער די פענער פון מארקסיזם־לעניניזם. דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע קלאסן־פארטיי פון פוילישן פראָלעטאריאט, וואָס אירע פאָרגייערינס, די סדקפל און קפפ האָבן דעם אינטערנאציאָנאליזם געלייגט אין יסוד פון זייער טעאָריע און פראקטיק אינעם קאמף קעגן דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע קלאסן־פארטיי פון פוילישן פראָלעטאריאט, וואָס לייגט דעם אינטערנאציאָנאליזם אין יסוד פון איר טעאָריע און פראקטיק אינעם קאמף פאר אויפבויען דעם סאָציאליזם אין פוילן.

אינטערנאציאָנאַליזם באַדייט צווישן אנדערן פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג, פולשטענדיקע פרייהייט־מעגלעכקייטן און סטימולירונג פארן נאציאָנאלן, קולטורעלן שאפן. די דאָזיקע מעגלעכקייטן האָט רעכטלעך און פאקטיש באַקומען די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן. ווי דערצידרנדיק עס זענען פאר דער יידישער באפעלקערונג אָט די נייע פאָליטישע און סאָציאל־עקאָנאָמישע פארהעלטענישן באַווייזט דער פאקט, וואָס נישט געקוקט אויף דער קליינער צאָל יידן אין פאָלקס־דעמאָקראטישן פוילן, איז זייער קולטור־פארמעג אויף פארשידענע אָפשניטן א ממשותדיקער. עס האָבן זיך געעפנט אלע קוואלן פאר שעפערישער ארבעט, פאר איניציאטיוו, פאר איינפאל. ברייט זענען טיר און טויערן פאר דער יוגנט. דער עלטערער דור באמיט זיך אָנצוואָגן דאָס פארלוירענע פון זיין יוגנט־צייט, קינד־און־קייט לערנט זיך, זיצט אויף דער שול־באנק.

וואָס באדייטן די נייע באדינגונגען פון פוילן פאר דער יידישער שפראך? די נייע סאָציאל־פאָליטישע באַדינגונגען אין היינטיקן פוילן באַדייטן, אז פאר דער יידישער שפראך זענען אויפגעקומען אזעלכע מעגלעכקייטן פון אנטוויקלונג, וועלכע זי האָט קיינמאָל ביז איצט נישט געהאט. קודם האָט די יידישע מלוכהשע שול אָנגעהויבן שטעלן אירע פאָדערונגען: צו באארבעטן די גראמאטיק פאר דער שול, איינהייטלעכע טערמינאָלאָגיע א. א. וו.

אָבער נישט בלויז די שול. דאָס פּראַקטישע לעבן פאָדערט די פּאַרטיי-
טשונג אויף יידיש פון א ריי נייע טעכנאָלאָגישע באַגריפן. ראַציאָנאַליזאַטאָר,
שלאָגלער, טאַשמע-סיסטעם, פּראָדוקציע-ווייזער, פאַרמעסטונג, אָפּרו-הייזער,
פּראָדוקציע-פּלאַן — אָט זענען א פּאָר ביישפּילן פון די נייע ווערטער, וועלכע
זענען צוגעקומען דער יידישער שפּראַך אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר. בעת
מיר זאָגן צוגעקומען, מיינען מיר נישט בלויז די באַרייכערונג פון דער ליטע-
ראַרישער שפּראַך, מיר מיינען די באַרייכערונג פון דער פּשוטער אומגאַנגס-
שפּראַך. די דאָזיקע ווערטער און ענלעכע צו זיי זענען אונדז, אמת, באַקאַנט
נאָך פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו זיי זענען לכתחילה אויפגעקומען. ביי אונדז אין
פּוילן זענען זיי אָבער באַנוצט געוואָרן בלויז אין דער ליטעראַטור און פּובלי-
ציסטיק, דאָס הייסט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך. איצט זענען זיי אַ ר יי ן
צ ו ו י ש ן ד י א ר ב ע ט נ ד י ק ע, איצט זענען זיי געוואָרן טאָג-טעגלעכע
ווערטער, וועלכע באַצייכענען קאָנקרעטע, נייטיקע באַגריפן, אָן וועלכע די אַר-
בעטנדיקע קאָנען זיך שוין נישט באַגיין. דאָס איז אָבער נישט קיין ווילקירלעכער
פּראָצעס. די נייע וואָרט-שאַפונג קומט פאָר אויף דער באַזע פון גרונטיקן וואָרט-
אוצר פון דער יידישער שפּראַך און אין הסכם מיט דער מאָרפאָלאָגישער גע-
זעצלעכקייט פון דער שפּראַך. די דאָזיקע שפּראַך אָטעמט מיט פרישקייט, מיטן
אַראָמאַט פון די גרינע סקווערן און פלאַנצן, מיט וועלכע עס פּאַרציען זיך די
נייע ישובים און קוואַרטאַלן פון דער סאָציאַליסטישער הויפּט-שטאָט וואַרשע און
אַנדערע שטעט אין פּוילן. די יידישע אַרבעטערשאַפט אין פּוילן פון פאַר דער
מלחמה איז אין כלל גענומען געווען אַן אַרבעטערשאַפט פונעם קליינעם וואַר-
שטאַט, פון האַנטווערק. פרעמד איז דער יידישער שפּראַך געווען די סביבה פון
דער גרויסער אינדוסטרי. איצט איז אַנדערש. איצט לויפט נאָך די שפּראַך דעם
ראַשיקן מעכאַניזאַציע- און עלעקטריפיקאַציע-פּראָצעס פון לאַנד און איז היינ-
טערשטעליק לגבי דער פּראָדוקציע, איז לגבי איר אין כסדרדיקן דעפיציט. פאַ-
ראַלעל מיטן דאָזיקן פּראָצעס גייען שטופנווייז אַרויס פון געברויך ווערטער פון
אַלטפרענקישן און בורזשואזן לעבנס-שטייגער. אַזעלכע ווערטער ווי למשל בעז-
מען, פליטה, קאַראָמעסלער, וואַסערטרעגער, שלחמנות-טרעגער, שניט-קראָם,
פרנס, דאָזאָר, פענסיאָנאַט, הויז-ווירט גייען אַרויס שטופנווייז פון געברויך
אָדער ווערן אַמאָל באַנוצט אַלס מעטאַפאָרע. און דאָס איז א סימן פון לעבן,
פון אַנטוויקלונג. אָבער די שפּראַך-באַרייכערונג קומט נישט פאָר בלויז אויפן
געביט פון וואָרט-באַשטאַנד. די באַרייכערונג איז אויך נוגע די גראַמאַטיקאַלישע
סטרוקטור. די יידישע שפּראַך פאַרלירט איר צעשוומענקייט. די פאַראַנטוואָרט-
לעכקייט פאַר אויספירן די גענומענע אויף זיך פאַרפליכטונגען, פאַר אויספירן
די פּלענער, פאָדערט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן געזאָגטן וואָרט און דערפון
— פּינקטלעכקייט פון אויסדרוק. עס פאַרשווינדט דער דעמאַגאָג, דער שיינרע-

דנער, דער פּראָזנדרעשער. די שפּראַך ווערט געפּרעסטער, געזעצטער, דיסציפּלינירטער. זי באַקומט מאָס און וואָג. אָט דער מין באַרייכערונג שלייפט די שפּראַך, אַנטוויקלט פּינקטלעכקייט פון וואָרט און זאַץ. די אַנטוויקלונג, וואָס ס'מאַכט דורך די יידישע שפּראַך אין פּוילן ווערט סטימולירט דורך נאָך אַ זייער וויכטיקן פאַקטאָר, דאָס איז דער איינפלוס פון דער פּוילישער שפּראַך.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער לאַנד ווערן די יידישע אַרבעטנדיקע צוגעלאָזט צו די טיפע קוואַלן פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער קולטור. שוין אָפּגערעדט פון דער יוגנט, וועלכע אייגנט זיך צו די פּוילישע שפּראַך אין די פּוילישע אָדער יידישע שולן, נאָר אַפילו דער עלטערער דור יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט צוליב די מאַטעריעלע שוועריקייטן פון די עלטערן באַקומען קיין בילדונג, אַפילו עלעמענטאַרע — האָט זיך איצט גענומען אָנצויאָגן דאָס פאַרלוירענע. ווייסן מיר דאָך פון אָן אַ שיעור פאַקטן, ווען געכטיקע יידישע שניידער און שוסטער האָבן, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון וואַרשטאַט, פון ביוראָ, זיך געלערנט אויף אָוונטיקע מיטלשולן, זיי געענדיקט און אַריין אין אוניווערסיטעט. ווייסן מיר דאָך פון פיל פיל פאַלן, ווען געכטיקע יידישע אַרבעטער זענען היינט — דירעקטאָרן און לייטער פון ריזיקע אונטערנעמונגען. פאַר זיי איז די פּוילישע שפּראַך — די שפּראַך פון זייער קאָנקרעטער פּראָדוקציע־טעטיקייט. נאָך קיינמאָל איז די יידישע שפּראַך און די יידיש־רעדנדיקע באַפעלקערונג נישט געקומען אין אַזאַ ענגער באַרירונג מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, מיט דער פּוילישער שפּראַך, פּוילישער ליטעראַטור און קולטור ווי אין היינטיקן פּוילן. דערפון דער גרויסער איינפלוס פון דער פּוילישער שפּראַך אויף דער יידישער, אַן איינפלוס, וואָס סטימולירט די שעפעדישקייט פון דער יידישער שפּראַך. דער ברייטערער קרייז באַגריפן, די גרעסערע ניואַנסירונג פון קלאַנג און בילד, די שטרענגע גראַמאַטיק ווירקט סטימולירנדיק אויף דער שעפערישקייט פון יידיש. די אינטערנאַציאָנאַליסטישע, פריינדשאַפטלעכע באַציונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן די יידישע און פּוילישע אַרבעטנדיקע, באַרייכערן, מאַכן פולפאַרביקער דאָס לעבן פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. דער סאָציאַליסטישער אינהאַלט פון דער קולטור־שאַפונג אין פּוילן האָט אַן אומגעהייערע ווירקונג אויף דער יידישער שפּראַך.

בלויז ווי אַ וויסטע דערמאָנונג פון אַמאָליקע שלעכטע צייטן איז דער פאַקט פון צוואַנגס־אַסימילאַציע און צוואַנגס־פּאָלאָניזאַציע. איצט האָבן מיר אין פּוילן אַ פריינדשאַפטלעכן איינפלוס פון דער פּוילישער קולטור און שפּראַך אויף דער יידישער קולטור און שפּראַך. נישט פאַראַן קיין שום פּ אָ ל י ט י ש ע ט ע נ ד ע נ ץ אַרויסצושטויסן די יידישע שפּראַך. פאַרקערט, ס'איז פאַראַן די פּאָליטישע איינשטעלונג, וואָס גינסטיקער צו מאַכן די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן

פאר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע, שול־וועזן, טעאטער אד״גל.

יידישע נאציאָנאליסטן האָבן שטענדיק יעדן פרווו פון דערנענטערונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן צו די פוילישע, רוסישע, אוקראינישע פאָלקס־מאַסן פארשריגן אלס אסימילאציע. דאָס האָט זעלבסטפארשטענדלעך קיינמאָל נישט געהאט צו טאָן מיט דער פּאָליטיק פון אסימילאציע, וועלכע ס׳האָבן אָנגעוואָנדן די בורזשואז־פריצישע רעגירונגען פון פארמלחמהדיקן פוילן. דאָס זענען געווען באַטירלעכע, געזעצלעכע דערשיינונגען פון אינטערנאציאָנאלער סאָלידאַריטעט מצד יידישע ארבעטנדיקע לגבי ארבעטנדיקע פון אנדערע פעלקער. איצט זעען מיר די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער דערשיינונג. פון די טיילווייזע דערגרייכונגען פון טענדענצן און אינטערנאציאָנאלער סאָלידאַריטעט און פעלקער־פריינדשאפט אין די באדינגונגען פון קאפיטאליזם איז איצט געוואָרן פולקאָמע ווירקלעכקייט. איצט קומט פאָר א ראַשער פּראָצעס פון דערנענטערונג. די יידישע שפּראַך, די יידישע שול, די יידישע ליטעראַטור און טעאַטער זענען באַרופן נישט אָפּצוטיילן די יידישע באפעלקערונג פון דער פוילישער, נאָר פארקערט, צואיילן דעם פּראָצעס פון דערנענטערונג און פארברידערונג. די צואייגענונג פון דער פוילישער שפּראַך, פון דער פוילישער נאציאָנאלער קולטור, פון דער נייער פוילישער סאָציאליסטישער קולטור, איז דער יסוד פון דאָזיקן דערנענטערונגס־פּראָצעס.

די דיאלעקטיק פון דאָזיקן פּראָצעס, זיין אייגנארטיקייט באשטייט דערין, וואָס די דערנענטערונג פון דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג צום פוילישן ארבעטנדיקן פאָלק, די אינטעגרירונג פון דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג אין דער זיך פאָרמירנדיקער פוילישער סאָציאליסטישער נאַציע און איר סאָציאליסטישער קולטור קומט פאָר אויך דורך דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאליסטישער קולטור אין דער יידישער שפּראַך.

149602

אינהאלט:

זייט

וועגן אייניקע פראבלעמען פון סאציאליסטישן רעאליזם 5

וועגן פארשונגס־מעטאד פון אונדזער משכילישער און קלאסישער ליטעראטור 79

דער משכיל, וואס איז געווען קעגן השכלה 86

שלום־עליכם דער גרויסער הומאניסט 92

י. ל. פרץ 121

באמערקונגען וועגן דער היינטצייטיקער פוילישער פראזע 138

בינעם העלער 159

די יידישע שפראך אין ליכט פון דער מארקסיסטישער שפראך־פארשונג . 201